STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02791

DER VEG TSUM MENTSH

Fishl Sheneurson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין.

שריפטן איבער מענטש־וויסנשאַפט

בוך I

פּראָפ. ד״ר פ. שניאורסאָן

דער וועג צום מענטש

ווילנע — 1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

פראָפ. ד״ר פ. שניאורסאָן

דער וועג צום מענטש

די יסודות פון מענטש־וויסנשאַפט
און די לערע פון נערוועזישקייט

ווילנע — 1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Prof. Dr F. Szneurson — „Droga ku człowiekowi"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

דעם סתם מענטשן

געווידמעט

מחבר

אינהאַלט

זייט

אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט. 9

ערשטע לעקציע:
דער וועג צו מענטש-וויסנשאַפט. . . 13

צווייטע לעקציע:
פסיכאָלאָגישע עקספּעדיציע. . . . 29

דריטע לעקציע:
פסיכישער סקאָרבוט און לעבנס-דראַנג. . . 41

פערטע לעקציע:
אויסנאַם-נאַטורן און אויסנאַם-צושטאַנדן. . . 64

פינפטע לעקציע:
ספּערישער קאָעפיציענט. 78

זעקסטע לעקציע:
די דריי אַרטן פון רעאַל-פּסיכישן לעבן.
(פאַקט-ווירקלעכקייט און פיל-ווירקלעכקייט). . . 89

זיבעטע לעקציע:

אינדיווידועלע און אוניווערסאלע מעטאָדן
פון ספערע-פאָרשונג.
(אָרגאַניזאַציע פון ספערישער פאָרשונג-עקספּעדיציע) . . 105

אַכטע לעקציע:

וועגן נערוועישקייט, זעלבסט-מאָרד און מאָראַ-
לישעס נויט-זינקען אַלס פּסיכישער סקאָרבוט . 128

ניינטע לעקציע:

פּסיכישע מענטש-טעראַפּיע און מענטש-היגיענע.
(ספערישע היל-עקספּעדיציע). 138

צענטע לעקציע:

די לעצטע קאָנען זיין די ערשטע.
(מענטשלעכע וויסנשאַפט און וויסנשאַפטלעכע מענטש-קולטור). 159

אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט

די פראַגע וועגן דעם מענטשנס נשמה-וועלט האָט נישט נאָר אַן אַלגעמיין-גייסטיקע באַדייטונג, נאָר איז אויך פּראַקטיש אַ גרויסע לעבנס-פראַגע. צו אַלע צייטן האָבן קונסט און רעליגיע, יעדע אויף איר שטייגער, געזוכט און געפונען וועגן צום מענטשנס נשמה-לעבן. ווי דער נאַטור-פאָרשער זעט אין יעדן גרעזל אינווייניק גרויסע סטרוקטור-וועלטן, אַזוי האָבן נביאים און קינסטלער אויף זייער אופן געזען און באַוויזן די וועלטן-רייכקייט פון אַ מענטש-פערזענלעכקייט. און דערפאַר זענען צו אַלע צייטן קונסט און רעליגיע נישט געווען אַ זאַך בלויז פון אויסדערוויילטע, נאָר זייערע התגלות-דערגרייכונגען האָבן געלויכטן אין די ברייטסטע מאַסן און האָבן מער אָדער ווייניקער אַריינגעדרונגען אין דעם טאָג-טעגלעכן לעבן.

אין דער הינזיכט איז בלויז די וויסנשאַפט געבליבן הינטערשטעליק. די איינציקע וויסנשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם נשמה-לעבן, ד. ה. די פסיכאָלאָגיע, איז ביי אַלע אירע גרויסע פאַרדינסטן געבליבן אַבסטראַקט, לעבנס-פרעמד און האָט תמיד פיקסירט בלויז איינצלנע זייטן פון דער גאַנצער פערזענלעכקייט. שוין אין פאָריקן יאָרהונדערט האָט דער גרויסער דייטשער פאָרשער ווילהעלם דילטיי געפאָדערט אַ רעאַלע פסיכאָלאָגיע, וואָס „זאָל קאָנען פאַנגען אין דער נעץ פון אירע באַ-

שרייבונגען דאָס יעניקע, וואָס דיכטער און שריפטשטעלער אַנטהאַלטן עס מער ווי די ביזהעריקע פּסיכאָלאָגיע".

נאָך דילטיי אָבער האָט זיך די לאַגע אין תּוך נישט געענדערט. די ערשטע פּיל-צוזאָגנדיקע ווענדונג צום קאָנקרעטן מענטשן איז געווען דער פּסיכאָ-אַנאַליז, וועלכער איז אָבער באַלד אַריינגעפאַלן אין דעמזעלבן גרוב פון אַבסטראַקטער איינזייטיקייט, און האָט דאָגמאַטיש פיקסירט בלויז איינצעלנע פּסיכישע געביטן, פון וועלכע מ'וויל ספּעקולאַטיוו-דאָגמאַטיש אַרויספירן די גאַנצע פּסיכישע פילגעשטאַלטיקייט.

די מענטש-וויסנשאַפט, ווי עס ווערט אין דעם בוך דערוויזן, שטרעבט צו זען און פאָרשן דעם גאַנצן מענטשן אין זיין אומענדלעכער פילגעשטאַלטיקייט. ס'איז אַן ערנסט-רעאַלע שטרעבונג צו דערקענען און באַהערשן דאָס אומענדלעך וועלטן-רייכע נשמה-לעבן.

אין דעם דאָזיקן בוך ווערן געגעבן די אַלגעמיינע יסודות פון מענטש-וויסנשאַפט אין איר ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דער לערע פון נערוועזישקייט. ס'ווערן הויפּטזעכלעך דאָ באַשריבן מעטאָדן, אַנטוויקלונג-גאַנג און רעזולטאַטן פון די פאָרשונגען, וואָס מיינע מיטאַרבעטער און איך האָבן אין אַ משך פון יאָרן דורכגעפירט. דאָס בוך איז די ערשטע פון דער סעריע אַרבעטן, וואָס מיר האָפן אין דער נאָענטער צייט צו פאַרעפנטלעכן. איך האָב זיך אין דעם בוך געהאַלטן ביי דער לעקציע-פאָרם, וועלכע מאַכט, לויט מיין מיינונג, די פאָרשונג פיל-צוגענגלעכער. ס'איז אַן אָפּגעשלאָסענער ציקל לעקציעס, וועלכע איך האָב געהאַלטן אין פאַרשידענע שטעט און וואָס זענען אין דעם בוך סיסטעמאַטיש דערגענצט געוואָרן.

איך געפין פאר מיין אנגענעמען חוב אויסצודריקן א חברישן דאנק אלע מיינע מיטארבעטער, באזונדער חבר ד״ר וול. לאזארסאן, וועלכע האבן מיר פיל מיטגעהאלפן אין דער אויס־פירונג פון מיין ארבעט.

צום שלוס וויל איך מיר דערלויבן צו מאכן א בילדלעך־איינפאכן פארגלייך.

ווי פארארעמט א לאנד זאל נישט ווערן, קאן עס תמיד אויפגעריכט ווערן און זיך שטארק באריירכערן, ווען די ערד אין דעם לאנד פארמאגט באהאלטענע נאטור־אוצרות און מ׳גע־פינט וועגן און מעגלעכקייטן אט דידאזיקע אוצרות ארויסצו־ברענגען. און אין אונזער „נערוועזן״ יארהונדערט איז אפשר מער ווי אלעמאל לעבנס־וויכטיק צו וויסן און דערקענען די פאטענציעל־אומענדלעכע טיפענישן פון מענטשנס פערזענלעכקייט. וואס מער דער מענטש וועט געפינען דעם וועג צו זיך, דעם וועג צו זיינע באהאלטענע נשמה־אוצרות, אלץ מער וועט ער קאנען נישט נאר זיך אויפריכטן פון נערוועז־פרימיטיווער דעגע־נעראציע, נאר אויך זיך שפעפריש דערהויבן. יעדער ערנסטער פרווו אין אט דער ריכטונג עפנט אויף נייע האריזאנטן פאר פסיכיש־גייסטיקער פאלקס־היגיענע, ווי אויך פאר אלגעמיינער נשמה־בילדונג.

די מאדערנע באוועגונג פאר קערפער־בילדונג פירט אויף אן ארגאנישן אופן צו נשמה־בילדונג, און נאר ביידע צוזאמען קאנען ארומנעמען די פסיכא־פיזישע גאנצקייט פון דער פער־זענלעכקייט. אמתע **פיזישע** קולטור איז ארגאניש פארבונדן מיט ריכטיקער **פסיכישער** קולטור, ווי **קערפער** און **גייסט** זענען ארגאניש פאראייניקט אין שעפערישער אור־גאנצקייט.

דער וועג צו מענטש-וויסנשאַפט

(ערשטע לעקציע)

חשובע צוהערער!

די נייע צייט מיט אירע גוואַלדיק-קאָמפּליצירטע לעבנס-תּנאים שטעלט אַרויס פאַרן מאָדערנעם מענטשן דרינגענדיקע פּראָבלעמען פון „מענטש-קולטור", ד. ה. די אַקטיווע שטרעבונג מעטאָדיש אָביעקטיוו צו דערקענען און פּראָדוקטיוו ציל-מעסיק אויסצונוצן די פיזישע און פּסיכישע אייגנשאַפטן און געזעצן פון דער מענטשלעכער נאַטור. צוזאַמען מיט דער היינטיקער באַוועגונג פאַר פיזישער קולטור אָדער קערפּער-בילדונג הויבט זיך אָן פאַמעלעך אַן ערנסטע באַוועגונג פאַר פּסיכיש-גייסטיקער קולטור אָדער נשמה-בילדונג. די ערשטע האָט איר אויפגאַבע דורך סיסטעמאַטיש-אַלזייטיקער קערפּער-גימנאַסטיק צו קעמפן קעגן פיזישער דעגענעראַציע (היגיענישע גימנאַסטיק),— ווי אויך צו זאָרגן פאַר די ווייטער-אַנטוויקלונג און מעגלעך-פולע אויסבילדונג פון דער פיזישער פערזענלעכקייט. די פּסיכישע קולטור אָבער האָט איר אויפגאַבע דורך אַלזייטיקער נשמה-בילדונג אָדער מעטאָדישער קולטיווירונג פון פּסיכישע כּחות און אייגנשאַפטן צו באַקעמפן די פּסיכישע דעגענעראַציע (פּסיכאָ-טעראַפּיע), ווי אויך צו דערמעגלעכן די אומגעשו ע־טע אַנטוויקלונג און אויסבילדונג פון דער פּסיכיש-גייסטיקער פערזענלעכקייט.

ע ! עקזיסטירן היינט כמעט אין אַלע לענדער פאַרשידענע שולן פאַר פיזישער קולטור (טורנען, ספּאָרט און גימנאַסטיק), ווי אויך האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער נייער צייט צו אַנט-וויקלען פאַרשידענע אַרבעטס-געביטן פון פסיכא-טעראַפּיע, ד. ה. פון היילנדיקער איינווירקונג אויף דעם נשמה-לעבן. די לערע פון היפּנאָז, דער פסיכא-אַנאַליז, די איבערצייגונגס מעטאָדע פון דיובוא, די אויטא-סוגעסטיע פון קויע — יעדע פון זיי זוכט אויף איר שטייגער צו דערקענען און באַהערשן די כחות פון נשמה-לעבן און אַזוי אַרום זוכן זיי אַ וועג צו „זעלבסט-מייסטערונג". אָבער אָט די אַלע ריכטונגען ווייזן אַרויס אַ מערקווירדיקע איינזייטיקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די ערשטע עטאַפּן פון דער יונגער באַוועגונג פאַר פסיכישער קולטור. יעדע פון אָט דידאָזיקע ריכטונגען פיקסירט בלויז איין זייט פון פסיכישן לעבן. אמתע פסיכישע קולטור אָבער מוז אַרומנעמען די פסיכישע נאַטור אין איר גאַנצער פילזייטיקייט. אַזאַ פסיכישע קולטור איז מעגלעך, ווען מ'ווייסט די אייגנשאַפטן און געזעצן פון דעם פולגעשטאַלטיקן פסיכישן לעבן. מיט אַנדערע ווערטער, די פסיכישע קולטור מוז באַגרינדעט ווערן אויף אַ פּאָזיטיווער וויסנשאַפט וועגן דעם פסיכיש נאָרמאַלן און אַנאָרמאַלן מענטשן, אָדער, ווי מיר רופן עס אָן, אויף דער עמפּירישער מענטש-וויסנשאַפט, וואָס שטרעבט צו פאָרשן דעם גאַנצן מענטשן אין זיין רעאַלער פולגעשטאַלטיקייט.

אין דער ביאָלאָגיע, אין דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט פון לעבן, האָט תמיד געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די פאָרשונג פון דעם קראַנקהאַפטן, ווייל אין דעם קראַנקהאַפטן ווייזט אונז די נאַטור אַליין אַרויס דאָס לעבן ביי אומגעוויינלעכע אָדער אומ-נאָרמאַלע באַדינגונגען און עפנט אונז דורך דעם נייע זייטן און פאָרשונגס-מעגלעכקייטן פון דעם לעבן. אַזוי האָט אויך אין דער פסיכאָלאָגיע, אין דער וויסנשאַפט פון מענטשנס פסיכישן לעבן, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די פסיכיאַטרישע פאָרשונג פון דעם גייסטיק קראַנקן, וואָס האָט אויף פאַרשידענע אופנים פאַרטיפט אונזער אַריינבליק אין דער מענטשלעכער פסיכיק.

אָבער נאָך אַ גוואַלדיקערע באַדייטונג האָט דאָס פּראָבלעם פון דער אַזוי גערופענער נערוועזישקייט, וואָס איז נישט קיין קראַנקהייט און שטייט בלויז אויף דער גרענעץ צווישן קראַנקהייט און געזונטהייט.

צום אונטערשיד פון גייסט-קראַנקהייט, איז נערוועזישקייט נישט נאָר אַ וויכטיק, נאָר אויך אַן אומהיימלעך פּראָבלעם, וואָס מאַכט גאַנץ אומזיכער אונזערע אַלגעמיינע פאָרשטעלונגען וועגן מענטשן. עכטע גייסט קראַנקע גייען אַריין אין דער אַלגעמיינער קאַטעגאָריע קראַנקע, צו וועלכע דאָקטוירים און נישט דאָקטוירים האָבן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ פעסטע זיכערע באַציונג. געזונטע, קראנקע און טויטע — זענען פון לאַנג אָן פעסטע זיכערע קאַטעגאָריעס, וואָס דורך דער פּראַקטיש צוועקמעסיקער אָרדנונג און געדאַנקלעכער רוטינע רופן זיי תמיד אַרויס (לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש) מער אָדער ווייניקער באַשטימטע פאָרשטעלונגען און באַציונגען. נערוועזע מענטשן אָבער זענען נישט געזונט און נישט קראַנק — זיי ווייכן אַזוי אָפּ פון דער נאָרם, אַז מ׳קען זיי נישט רעכענען צו דער קאַטעגאָריע געזונטע; זיי גייען אָבער אַוועק נישט אַזוי ווייט, אַז מ׳זאָל זיי קענען אַריינטראָגן אין דער קאַטעגאָריע קראַנקע. אונזערע פאָרשטעלונגען און באַציונגען בנוגע צו אָט די מענטשן זענען טאַקע דערפאַר וואַקלדיק אומזיכער. די דאָזיקע אומזיכערקייט שטייגט און פאַרשאַרפט זיך מחמת דער סאָציאַל-קולטורעלער אויסווירקונג פון אָט דער ערשיינונג. די נערוועזישקייט איז נעמלעך אַזוי פאַרברייטערט און אומבאַשטימט, אַז פיל רעכענען עס פשוט פאַר אַן אַלגעמיינע ערשיינונג פון אונזער צייט, פון אונזער גוואַלדיק-האַסטיקער גרויסשטאָט-קולטור און מ׳רעדט אַפילו וועגן דעם „נערוועזן יאָרהונדערט”. אַנדערע מיינען אַפילו, אַז נערוועזישקייט איז אַ כאַראַקטעריסטישע אייגנטימלעכקייט פון דער היינטיקער קולטור-שאַפונג, וואָס ווייזט זיך אַרויס באַזונדערס בולט אין די פאַרשידענע שאַפונגס-צוקונגען פון דער מאָדערנער קונסט. דאָס אַלץ וואָלט אייגנטלעך באַדייטן, אַז נערוועזישקייט איז נאָר אַ נאַטירלעכע ערשיינונג אָדער רעאַקציע

פון אונזער קאָמפּליצירטן נשמה לעבן, פון די פּסיכישע קולטור־
שפּאַנונגען, — ווי אויפּברויזנדיקע כוואַליעס אין אַ שטורמיש
פליסנדיקן אָקעאַן. נישט לאָזנדיק זיך אַריינקוועטשן אין וועלכע
ס'איז קאַטעגאָריע, שטייט דער נערוועזער מענטש, אומבאַשטימט
און פילגעשטאַלטיק, ווי אַן אומהיימלעך פּראָבלעם, וואָס צווינגט
מיט גוואַלד דעם פאָרשער באַטראַכטן און פאָרשן דעם מענטשן
אויסער יעדער קאַטעגאָריע און פאָרמעל־אוממיטלבאַר אַריינ־
דרינגען אין די קאָנקרעטע פילגעשטאַלטיקייט פון דער מענטש־
פּערזענלעכקייט. דאָס פּראָבלעם פון נערוועזישקייט הויבט אָן
אַזוי אַרום אַלץ מער און מער דורכצוברעכן די ביזאַהער הערשנ־
דיקע רוטינע אין דער מענטש־פאָרשונג און עפנט פאַר איר אויף
עפּאָכעמאַכנדיקע פּערספּעקטיוון.
קוקט מען מיט אַן אָפענעם בליק אויף דער גייסטיקער
געשיכטע־אַנטוויקלונג, מוז מען באַמערקן אָט די זעלטענע באַ־
דייטנדיקע ערשיינונג. אויף די פאַרשידענע געביטן פון רעלי־
גיעזן און קינסטלערישן לעבן, האָט דער נערוועזער מענטש, דער
אומרויִקער, אומאויסגעגליכענער און אינערלעך צעריסענער,
אָפטמאָל געגעבן דעם שטויס צו עפּאָכעמאַכנדיקע ניי־שאַפענישן.
נעמט מען דאָס וואָרט „נערוועז" אין דעם ברייטסטן זין, קען
מען זאָגן, אַז דער קינסטלער בכלל זוכט דאָך כמעט שטענדיק
צו שילדערן דעם מענטשן דוקא אין זיינע „נערוועזע" לעבנס
מאָמענטן, ווען דורך אינערלעכן דראַמאַטישן קאַמף, שווערע
פּסיכישע קאָנפליקטן און אויפּברויזנדיקע ליידנשאַפטן ווערט
דורכגעבראָכן דאָס נאָרמאַלע טעמפּע גלייכגעוויכט פון געוויינ־
לעכן פּסיכישן צושטאַנד, און ס'אַנטפּלעקן זיך אין און דורך
אָט דעם מענטשן די אומגעהויערע נשמה אָפּגרונטן. דער קינ־
סטלער אַליין, ווי אויך דער רעליגיעזער שעפערישער נביא,
פאַרלירט דאָך אין שאַפונגס־מאָמענטן די נאָרמאַל־טעמפּע פּסי־
כישע אויסגעגליכנקייט און דורך שאַפונגס־ליידן רייסט ער דורך
דאָס נאָרמאַלע באַוווּסטזיין און דרינגט אַריין אין זיין אינטים־
שעפערישע התגלות־וועלט. אָבער אויך די נערוועזישקייט אין
דעם קליניש ענגערן זין שפּילט נאָך אַ גרעסערע רוטינע־

ברעכנדיקע ראָל אין דער קונסט. אין דעם פאָרוואָרט צו די „ברידער קאַרמאַזאָוו" ערקלערט דאָסטאָיעווסקי אָפן, אַז ער האָט בכיוון גענומען אַלס העלד דעם „טשודאַק", דעם אויסטערלישן, נישטאויסגעגליכענעם מענטשן, ווייל דווקא אָט דער טראָגט אין זיך דאָס „האַרץ פון דער וועלט". די רעליגיע האָט צו אַלע צייטן אויף איר שטייגער געשעצט די אינערלעכע פאַרשמאַכט־קייט פון אַ „צעבראָכן, דערשלאָגן האַרץ" („לב נשבר ונדכה", די חסידישע „צעבראָכנקייט"). טאַקע די אומרו אָדער אומאויס־געגליכנקייט רייסט דעם נערוועזן מענטשן פון דעם איינגעזע־סענעם געוווינהייטס־לעבן און מאַכט אים זוכנדיקער און צוגענ־גלעכער פאַר דאָס נייע, אומגעוויינלעכע און פאַרבאָרגענע. אָט די ברידער קאַרמאַזאָוו, דעגענערירטע, מיט פּסיכאָפּאַטישע ירושה־אייגנשאַפטן, אינערלעך נאָך מער צעריסן דורך אומגע־לומפּערטער ערציונג, ברעכן טאַקע דורך שטענדיקע פּסיכישע צוקונגען דאָס געוויינלעך רוטינירטע נאָרמאַלע באַוווסטזיין און אַנטפּלעקן אין און פון זיך די אומגעהויערע אָפּגרונטן פון דעם מענטשנס־נשמה־לעבן.

אין דער וויסנשאַפט איז דאָס געשען ערשט די לעצטע צענדליקער יאָרן — ס'איז אָבער דאָך געשען. דאָס פּראָבלעם פון נערוועזן און היסטערישן מענטשן האָט אַריינגעטראָגן אַ שעפערישע אומרו און פּראָדוקטיווע וואַקלעניש אין די וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשטעלונגען וועגן דעם נאָרמאַלן און אַנאָרמאַלן מענטשן. די עקספּערימענטאַלע פּסיכאָלאָגיע און די קלינישע פּסיכיאַטריע, ווי גרויס ס'זאָלן נישט זיין זייערע פאַרדינסטן, האָבן זיך דאָך אין משך פון זייער אַנטוויקלונג נאַטור־וויסנ־שאַפטלעך דאָגמאַטיזירט און זענען געוואָרן לחלוטין לעבנס־פרעמד. פאַרשנדיק און באַשרייבנדיק אייגנשאַפטן און סימפּטאָמען, אַטאָמיסטיש צעלייגנדיק און צונויפלייגנדיק, האָבן דידאַזיקע וויסנשאַפטן דאָגמאַטיש פאַרלאָזן דעם אוממיטלבאַר עמפּירישן צוגאַנג צו דעם פאַקטישן נשמה־לעבן פון אַ מענטשן. די עקספּערימענטאַלע פּסיכאָלאָגיע באַמיט זיך גענוי צו באַשרייבן די קינסטלעך אַרויסגערופענע רעאַקציע פון אַ מענטשן אין

לאבאראטאריע (ווי די פסיכיאטריע — די קליניש ארויסגעכאפטע סימפטאָמען). מ'האָט זיך אָבער ביז איצט נאָך כמעט ווי גאָר־נישט אומגעקוקט אויף די נאַטירלעכע קאָמפּליצירטע רעאַקציעס פון אַ מענטשן אין לעבן, אויף דער רעאַלער פסיכישער ווירק־לעכקייט, ווי זי ווייזט זיך אַרויס אין פאַקטישע מענטשלעכע איבערלעבונגען.

דאָס האָט געפירט נישט נאָר צו אַ טעאָרעטישער, נאָר אויך צו אַ פּראַקטישער אומבאַהאָלפנקייט. די לעבנס־פרעמדע פסיכאָלאָגיע איז פּראַקטיש געוואָרן זייער ווייניק פּראָדוקטיוו און די קלינישע פסיכיאַטריע האָט יאָרן לאַנג נישט געוווּסט, וואָס אָנצוהויבן, למשל, מיט די אַזוי פאַרברייטערטע נעוראָזן. דעם ערשטן רוטינע־ברעכנדיקן שטויס האָט געגעבן דאָס פּראָבלעם פון דעם נערוועזן און היסטערישן מענטשן, וואָס האָט אַרויסגערופן די עפּאָכע־מאַכנדיקע פרייע פאָרשונג פון די ווינער געלערטע, פרייד און אדלער, די גרינדער פון דעם פסיכאָאַנאַליז. זיי האָבן דאָס — צוערשט פרייד, דערנאָכדעם זיין תּלמיד אדלער, — געמאַכט די ערשטע האָפנונגס־פולע טריט אוממיטלבאַר צו פאָרשן דעם קאָנקרעט ווירקלעכן מענטשן אויסער קאַטעגאָריע און דאָגם. זיי האָבן די ערשטע אָנגעהויבן אוממיטלבאַר צו באַטראַכטן די קאָנקרעט־פאַקטישע ליידנשאַפטן, שטרעבונגען, געפיל־אינטערעסן און טרוימען פון דעם אינדי־ווידועל לעבעדיקן מענטשן. דער אומשטערבלעכער פאַרדינסט פון דעם פסיכאָ־אַנאַליז באַשטייט טאַקע אין אָט דער אוממיטלבאַרער ווענדונג צו דעם רעאַלן נשמה־לעבן פון מענטשן. נישט שטעמפּלען דעם מענטשן לויט אויסערע סימפּטאָמען, נאָר פאַרקערט באַלייכטן די סימפּטאָמען לויט פרייער פאָרשונג פון אינדיווי־דועל רעאַלן נשמה־לעבן. נאָר דער האָניג חודש פון אָט דער פרייער פאָרשונג האָט נישט לאַנג געדויערט. דער פסיכאָ־אַנאַליז האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט אויף איינציקע אַרויסגעפונענע פאַקטן פון דעם אייגנטלעך פילזייטיקן רעאַלן נשמה־לעבן, און טעאָרעטיש אומבאַגרענעצט דידאָזיקע פאַקטן פאַראַלגעמיינערט. אָנשטאָט צו פירן ווייטער די אָנגעהויבענע פרייע פאָרשונג,

האט דער פסיכא-אנאליז זיך געלאזט אויף דעם געפע, יוצג פון „אויסטייטשן" און אויסלייגן דאס גאנצע נשמה-לע, לויט די טעארעטיש-פאראלגעמיינערטע איינציקע פאקטן. אזוי זענען אויסגעוואקסן די ענגע פסיכא-אנאליטישע דאגמען — „די פריידישע סעקסועל-פארדרענגונג" און דאס אדלערשע „מינדערווערטס-געפיל".

וואס ווייטער ס'האט זיך אויסגעבילדעט און פארשטייפט די אלץ-אויסטייטשנדיקע פסיכא-אנאליטישע דאגמע, אלץ מער האט זי זיך אפגעווענדט פון דעם רעאלן נשמה-לעבן און אלץ ווייניקער האט זי געקענט ארומנעמען דעם מענטשן בכלל און דעם נערוועזן מענטשן בפרט. ווי מ'כאפט מיט דער פויסט פליסנדיק וואסער — וואס שטייפער ס'פארמאכט זיך די פויסט אלץ ווייניקער האט זי פון דעם פליסנדיקן וואסער...[1]

אט די דאגמאטישע אפווענדונג פון דעם רעאלן נשמה-לעבן אדער די דאגמאטישע פארשטייפונג ביי דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דעם פסיכא-אנאליז, וועלכער האט צום אנהויב אזוי פריי און דאגמעןברעכנדיק ארויסגעטרעטן, ווייזט דייטלעך, אז ביי דער מענטש-פארשונג האבן מיר צו טון מיט א נאטירלעכער, שווער-צו-באהערשנדיקער נייגונג פון דעם פארשער אליין. א מין נאטירלעכע נייגונג צו זען דאס רעאל-פילגעשטאלטיקע נשמה-לעבן בלויז פון איין זייט און עס טעארעטיש דורכאויס צו פאראיינפאכן אדער צו פאראיינזייטיקן, די ליידנשאפטלעכע עקשנות, מיט וועלכע אט דידאזיקע טענדענץ צו פאראיינפאכונג ווערט דורכגעפירט (אין דעם פסיכא-אנאליז

1) אין דער מאדערנער פסיכאלאגיע האט זיך, באזונדער אין די לעצטע יארן, אנגעהויבן א גרויסע יויריגג, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין דעם אויפקומען פון פארשידענע נייע ריכטונגען (די „פארשטייענדיקע" פסיכאלאגיע, די „געשטאלט" פסיכאלאגיע, די פענאמענאלאגיע א. א. וו.). ביי די אלע גרויסע פארדינסטן פון אט די פארשידענע ריכטונגען, איז מען אבער אקטועל נאך זייער ווייניק אריינגעדרונגען אין דאס רעאלע נשמה-לעבן. ס'ווערן געמאכט אלץ פיינערע מעטאדן צום שווימען, אבער כמעט ווי פריער איז מען נאך נישט פיל ווייטער אוועקגעשווומען פון די טעארעטישע ברעגעס אויף דעם אומענדלעך ברייטן און טיפן נשמה-אקעאן פון דער פערזענלעכקייט.

יכט עס דעם גראַד פון פאַנאַטיזם, באַווייזט, אַז מיר ן דאָ צו טון מיט אַ עמאָציאָנעל זייער טיף איינגעוואָרצלטער נייגונג, וואָס פירט כסדר די מענטש-פאָרשונג אויף אַ טויט-פונקט פון טעאָרעטישער דאָגמאַטישקייט. אַ נאָרמאַל וויסנשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון דער מענטש-פאָרשונג וועט דערפאַר נאָר דאַן מעגלעך ווערן, ווען מ'וועט אָנהויבן אָביעקטיוו מעטאָדיש צו אונטערזוכן די יסודות פון אָט דער נייגונג און די וועגן צו איר באַהערשונג. מיר קומען דאָ צו אַ פאַרגלייכנדיקער באַטראַכטונג פון דער וויסנשאַפטלעכער און קינסטלערישער אָדער פּראַקטישער און פרייער פאָרשטעלונג וועגן דעם מענטשן.

* * *

ווען, למשל, מענטשן שטייען אין דער ריי ביי דער טעאַטער-קאַסע און יעדער באַקומט אַ בילעט לויט זיין נומער אין דער ריי — מוז דער קאַסירער איינטיילן די מענטשן לויט זייערע נומערן. ווי אינטעליגענט דער קאַסירער זאָל פאַר זיך נישט זיין, מוז ער אָבער פּראַקטיש איצט ביים אויספירן זיין ספּעציעלע פונקציע (בילעטן-פאַרקויף), איינזען די מענטשן לויט זייערע נומערן. דער מענטש נומער 4, למשל, ווי אָריגינעל אָדער איינפאַך ער זאָל נישט זיין, קומט צו דעם קאַסירער הויפּטזעכלעך, אַלס נומער 4. די ספּעציעלע פונקציע צווינגט דעם קאַסירער צו קאָנצענטרירן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דער פּראַקטיש וויכטיקער אָפּשאַצונג פון די מענטשן לויט זייער נומער-איינטיילונג. אַזוי זענען מיר תּמיד אין דעם שטענדיקן לעבנס-קאַמף גענויטיקט צו זען מענטשן בלויז פון דער אָדער יענער (לויט דער סיטואַציע) פּראַקטיש וויכטיקער זייט. די פּראַקטישע אינטערעסן פירן און לענקען די אויפמערקזאַמקייט, וואָס פיקסירט אינם מענטשן בלויז די פּראַקטיש וויכטיקע זייט. ביי אַ קלאַסן-קאַמף מוז מען פּראַקטיש איינטיילן די מענטשן אויף בורזשויען און פּראָלעטאַריער, ווי ביים נאַציאָנאַלן קאַמף —

אויף אייגענע און פרעמדע. די נאַטירלעך אומענדלעכע פיל־געשטאַלטיקייט פון מענטשן קאָן געוויס אַ חוץ זיין פראַקטישן אינטערעס אַרויסרופן ביי אונז אַ גאַנצע שורה פון פאַרשידנאַרטיקע אינטערעסן, וועלכע ווערן אָבער פון דער פראַקטישער שאַפונגס־קראַפט אונטערגעאָרדנט און פאַרבייגט צוליב דעם איצט דאָמינירנדיקן פראַקטישן ציל. אַ פראָפעסיאָנעלער קברן זעט נישט ביים אויספירן זיין פראָפעסיאָנעלע אַרבעט די שרעק און טראַגעדיע פון טויט, וועלכע ווערן ביי אים פאַרנעפלט און פאַרשלונגען פון דעם פראָפעסיאָנעל־פראַקטישן אינטערעס — פון דער סומע אַרבעט און הכנסה, וואָס אים ברענגט דער „אָביעקט" פון זיין פראָפעסיאָנעלער אַרבעט — דער טויטער.

אָט אַזוי ווערט דורך דער שטענדיקער פראַקטישער שאַפונג אין אונז איינגעוואָרצלט אַ נייגונג אָפצושטעמפלען מענטשן איינזייטיק לויט אונזערע דערווייליקע אינטערעסן. יעדע עפאָכע, יעדער קרייז האָט זיינע אייגענע קולטור־סאָציאַלע אינטערעסן און לויט דעם אויך זיין אייגענעם שטעמפל פאַר אַ מענטשאָפשאַצונג. רעליגיעז פאַנאַטישע קרייזן טיילן מענטשן אויף פרומע און אויסגעלאַסענע (זייער הויפט־שטעמפל), ווי א יונגע עראָטיש געשטימטע מיידל טיילט מענער אויף „אינטערעסאַנטע" און „נישט־אינטערעסאַנטע". איר מוזט אָבער, חשובע צוהערער, זיך אנשוילעכער פאָרשטעלן, ווי ווייט ס'גייט אָט די דורכן לעבן איינגעוואָרצלטע נייגונג צו שטעמפלען. אָט וועל איך אייך, למשל, לייגן אַ פאָר שטעמפלען וועגן אַן אומבאַקאַנטן מענטשן און אייך וועט זיך דוכטן, אַז איר „ווייסט" שוין מער אָדער ווייניקער זיין „כאַראַקטעריסטיק". אַ יידישער דאָקטאָר פון מיטעלע יאָרן, האָט אַ פאַמיליע, גוטע פראַקטיק און אַביסל פאַרמעגן, איז אַ גוטער מענטש און אַ פאַרקאָכטער ציוניסט. איך קען אייך לייגן נאָך עטלעכע שטעמפלען — איר „ווייסט" שוין, כלומרשט ווער אָט דער מענטש איז. אָפהענגיק פון צייט און סיטואַציע — באַנוצט מען צו דער אָפשאַצונג פון אַ מענטשן ווייניק אָדער פיל שטעמפלען — די נפקא מינה איז נאָר אין דער צאָל פון שטעמפלען. אין צייטן פון רעוואָלוציע, למשל,

צווינגט דער האַסטיקער בירגער־קריג אָנצווועגדן קורצע איי־דייטיקע שטעמפּלען. אין אַ באַשטימטער עפּאָכע פון ד ר פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט מען גערודפט „אַריסטאָקראַטן". אָט דער שטעמפּל „אַריסטאָקראַט" איז געווען גענוג, מ׳זאָל פאַראורטיילן צום טויט לאַוואַזיע — מ׳האָט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט צו באַמערקן און אָפּצושאַצן דעם צווייטן בולטן שטעמפּל פון אָט דעם אַריסטאָקראַט, וואָס איז געווען גלייכצייטיק אַ געניאַלער כעמיקער. טאָלסטאָי שילדערט ווי ס׳האָט זיך גייסטיק געראַנגלט דער געפאַנגענער בעזוכאָוו אַנטקעגן דעם פראַנצויזישן גענעראַל אין מאָסקווע. צוערשט האָט דער גענעראַל פאַר זיך געזען „אַ מענטשן נומער פיר", אַ געפאַנגענעם, וואָס איז חשוד אויף שפּיאָנאַזש — אין דער הייסער מלחמה צייט איז שוין אַזאַ שטעמפּל גענוג כדי צו מאַכן אַ מענטשן קורצער אויף איין קאָפּ. נאָר אָט האָבן זיך דער געפאַנגענער און דער גענעראַל באַגעגנט מיט די אויגן — דער גענעראַל האָט פּלוצים דערזען און דערפילט די אומגעשטעמפּלטע מענטשפּערזענלעכקייט. דאָס האָט בעזוכאָוון דאָס לעבן געראַטעוועט. טאָלסטאָי שילדערט אונז מייסטערהאַפט אָביעקטיוו דעם אינערלעכן איבערגאַנג פון דער פּראַקטיש איינזייטיקער צו דער אינטים־פרייער אויפפאַסונג פון דעם מענטשן.

צום אונטערשיד פון דער פּראַקטישער שאַפונג, איז די קינסטלערישע שאַפונג פרייער פון פּראַקטישע פּניות — די קינסטלערישע אינטואיציע זעט דעם ג אַ נ צ ן מענטשן אין זיין נאַטירלעכער אומענדלעכער פילגעשטאַלטיקייט. נישט אַריינגייענדיק דאָ אין דעם ווייטערן אַנאַליז פון דעם אונטערשיד צווישן פּראַקטישער און פרייער פאַנטאַזיע, מוז מען נאָר דעם גוטבאַקאַנטן פאַקט אונטערשטרייכן. די פרייע פאַנטאַזיע פון דעם קינסטלער רייסט דורך דעם נעפּל פון דער פּראַקטיש שטעמפּלדיקער איינזייטיקייט און דרינגט אַריין אין דער אומענדלעך טיפער פילזייטיקייט פון דער פּערזענלעכקייט. דערפאַר קומט עס אַזוי אָפט פאָר, דאָס לאַנג באַקאַנטע געשטאַלטן דערזען מיר ווי צום ערשטן מאָל אין דעם קינסטלערישן בילד.

וואָס עפנט פאַר אונז אויף די פריער נישט געמערקטע, אָדער קוים געמערקטע נאַטירלעכע פּילזייטיקייט. אָט טאַקע אין די גרויסע „אָרעמע מענטשן" דעקט אונז אויף דאָסטאָיעווסקי אומענדלעך פאַרצווייגטע נשמה-אָפּגרונטן. אַנדרייעוו הויבט אָן זיין גרויסע דראַמע „דאָס לעבן פון אַ מענטשן" מיט די ווערטער: „שטילער, אַ מענטש איז געבוירן געוואָרן"... אַ מענטש! אָבער נישט נאָר די פרייע פאַנטאַזיע פון דעם קינסטלער, נאָר אויך ביי יעדן מענטשן קען אין מאָמענטן פון אינטימער באַגייסטערונג אויפלייכטן די פרייע פאַנטאַזיע און, ווי ביי דעם דערמאָנטן טאָלסטאָי'שן גענעראַל, דערזעט מען די גאַנצע מענטשפּערזענלעכקייט.

ביי דער אינטים-אויפלאַקערנדיקער ליבע דערפילט מען אוממיטלבאַר די אומענדלעך גרויסע פּערזענלעכקייט פון דעם געליבטן, דעם גאַנצן מענטשן, ווי ער איז אין זיין רעאַלאומענדלעכער פילגעשטאַלטיקייט. די אַרומיקע וווּנדערן זיך אָפט אויף דעם פאַרליבטן: „וואָס האָט ער דאָ דערזען?" זייער פּראַקטיש שטעמפּלדיקער בליק קען נישט אַריינדרינגען אין די געוואַלדיקע נשמה-טיפענישן, וואָס ווערן נתגלה אין דער אינטימער ליבעס-באַגייסטערונג, ווי אין דער קינסטלערישער אינטואיציע.

אָפּהענגיק פון דער דערוויילעקער ריכטונג אָדער אָריענטירונג זעט די פּסיכאָלאָגיע תמיד דעם מענטשן פון אַ באַשטימטן שטאַנדפּונקט, וואָס פיקסירט בלויז אַ באַשטימטע זייט פון מענטשן. נישט דעם גאַנצן מענטשן, דעם מענטשן, ווי ער איז, נאָר אַ מענטש „נומער פיר", נאָך דער אָדער יענער ריכטונג אָפּגעשטעמפּלט. די נאַטורוויסנשאַפטלעכע ריכטונג, וואָס האָט אין פאַריקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו באַהערשן די פּסיכאָלאָגיע און פּסיכיאַטריע, באַשטימט אַ צייט לאַנג דעם מהות פון דער פאָרשונג, וואָס פיקסירט אין דעם מענטשן בלויז דעם נאַטור-וויסנשאַפטלעכן אָביעקט. ס'איז אומגעהויער מערקווירדיק, ווי פיינלעך געניי מ'באַשרייבט די קינסטלעך אַרויסגערופענע רעאַקציעס פון אַ מענטשן אין לאַבאָראַטאָריע, און ווי ווייניק

„כמעט גאַרנישט) מ'קוקט זיך אום אין דער פסיכאָלאָגיע אויף די רעאַלע איבערלעבענישן פון אַ מענטשן אין זיין שטענדיקן פּאַקטישן לעבן, ווי, למשל, פּאַרוויקלטע פּראָצעסן פון פאַקטישע ליבע-איבערלעבענישן א. ד. גל. יעדע פסיכאָלאָגיע איז פאַר-אורטיילט איינזייטיק דעם מענטשן צו שטעמפּלען, אויף וויפיל זי פאַרשטייפט זיך אין אַ ספּעציעלער ריכטונג און זעט נישט די לעבעדיק קאָנקרעטע גאַנצקייט פון דעם רעאַלן מענטשן. ערשט דורך דער פאָרשונג פון נערוועזן און היסטערישן מענטשן איז באַשאַפן געוואָרן דער פּסיכאָ-אַנאַליז, וואָס האָט טאַקע צוערשט אָנגעהויבן פריי צו באַשרייבן און אויפדעקן דאָס רעאַלע נשמה-לעבן. נאָר די ערשטע פריי-אויפדעקנדיקע פאָרשונג-אַרבעט איז גלייך „אַנאַליטיש" שטעמפּלדיק געוואָרן. די ערשטע אויפגע-דעקטע פאַקטן פון נשמה-לעבן — די סעקסועלע נשמה-ערשיי-נונגען, ווי די ערשיינונגען פון מינדערווערטיקייט-געפיל — רופן אַרויס איינזייטיקע טעאָרעטישע אינטערעסן און צווינגען אויך דעם פסיכאָ-אַנאַליטישן פאָרשער אָפּצוווענדן זיך פון דעם רע-אַלן נשמה-לעבן און דורך אויסטייטשונגס-קונצן צו פיקסירן בלויז איינציקע זייטן פון דער אומענדלעך פילגעשטאַלטיקער פערזענלעכקייט. אָט אַזוי ווערט קאָנסטרויִרט אַ פסיכאָ-אַנאַלי-טישער „מענטש נומער פיר" — דער פרייִדישער עראָטישער מענטש און דער אדלערישער מאַכט-שטרעבנדיקער מענטש. אָט ווי יענער, וואָס גראָבט אַ ברונעם און שוין דערגראָבנדיק דאָס פליסנדיקע וואַסער, ווערט ער אָבער פאַרשאָטן פון די אויפגע-גראָבענע זאַמדן, דער פסיכאָ-אַנאַליז איז פאַרשאָטן געוואָרן פון די ערשטע שיכטן, וואָס ער האָט צום אָנהויב פריי אויפגע-דעקט אין דעם פילזייטיק טיפן נשמה-לעבן.

די מענטש-וויסנשאַפט הויבט אָן דאָרט, וווּ דער פּסיכאָ-אַנאַליז איז שטיין געבליבן. אויסנוצנדיק די פּאָזיטיווע רעזול-טאַטן פון דער אַלגעמיינער ביזאהעריקער פאָרשונג, וויל אָבער די מענטש-וויסנשאַפט פאָרשן נישט איינציקע זייטן אָדער ער-שיינונגען, נאָר דעם גאַנצן מענטשן — מענטש-וויסנשאַפט! נישט אויסטייטשן און פאַראַלגעמיינערן, נאָר אוממיטלבאַר

עקספּעדירן אין נשמה־לאַנד און אָביעקטיוו סיסטעמאַטיש באַאָבאַכטן און באַשרייבן די גאַנצע און ווייטע געביטן פון פּסיכישן לעבן. דאָס וואָרט „עקספּעדיציע" איז אין אָט דער מענטש־וויסנשאַפט נישט נאָר אַ בילדלעכער, נאָר אַ זאַכלעכער אויסדרוק פון מעטאָדן און מיטלען, וואָס לאָזן אונז אַריינדרינגען אין דער רעאַל גאַנצלעכער פּסיכישער ווירקלעכקייט.

אין דער צווייטער פאָרלעזונג וועלן מיר אויספירלעך באַשרייבן דעם תּוך פון אַ פּסיכאָלאָגישער עקספּעדיציע. איצט, צום שלוס ווילן מיר נאָך אָנווייזן אויף צוויי גרונט־יסודות פון פּסיכישן לעבן, וואָס ווערן נישט אַלע מאָל אַקטועל באַרעכנט אין זייער גאַנצן פאַרנעם, און וואָס מיר מוזן און קענען נעמען אין אַכט ביי דער עק־פּעדיציע פאָרשונג פון רעאַלן נשמה־לעבן.

* *

שטעלט אייך פאָר, ווען אַ מענטש וואָלט בחוש געפילט די אייביקע באַוועגונג פון דער ערד אַרום איר אייגענער אַקס און אַרום דער זון — ווי גרויס וואָלט מסתּמא געווען דאָס אומהיימלעך געפיל פון אייביקער אומרו און באַוועגונג. ס'איז דערפאַר וואַרשיינלעך אַ ביאָלאָגישע צוועקמעסיקייט אין דער פּסיכישער אַנטוויקלונג, דאָס דער מענטש שפּירט נישט די אייביקע באַוועגונג פון דער ערד און פילט אונטער זיינע פיס אַ פעסטן רויקן באָדן. נאָר פאַרשידענע באַאָבאַכטעטע ערשיינונגען ברענגען דעם דענקנדיקן מענטש מיט לאָגישער גוואַלד, אַנטקעגן זיין אוממיטלבאַרן נאַטירלעכן געפיל, צום רעיון וועגן דער באַוועגונג פון דער ערד. דאָס נאַטירלעכע געפיל אָבער פון דער ערד־רו איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט, אַז דער וויסנשאַפטלעכער זשעני האָט ערשט דורך אַ גרויסן טראַגישן קאַמף געקאָנט באַהערשן דאָסדאָזיקע נאַטירלעכע געפיל לטובת דעם

לאָגיש-נויטיקן רעיון פון דער ערד-באַוועגונג. און כאָטש היינט „ווייסט" יעדער געבילדעטער מענטש וועגן דער אייביקער ערד באַוועגונג, אוממיטלבאַר פילט מען דאָך שטענדיק אַ פעסט-רויקן באָדן אונטער די פיס. מ'מוז אַ געוויסע אינערלעכע אָנשטרענגונג מאַכן, כדי אנשוילעך בילדלעך דורכצולעבן די פאָרשטעלונג פון דער אייביקער ערד באַוועגונג.

נאָך אומגעהויערער וואָלט געווען דאָס אומהיימלעכע געפיל פון אייביקער אומרו און באַוועגונג, ווען מיר וואָלטן אוממיטל-באַר פילן דאָס אייביק אומאויפהערלעכע פליסן פון אונזער נשמה-לעבן. ס'איז געוויס אַ גרויסע ביאָלאָגישע צוועקמעסי-קייט, וואָס דער מענטש שפּירט נישט די אייביקע פסיכישע באַוועגונג און פילט אַ כלומרשט פעסטן רויקן באָדן פון נשמה לעבן. מיר שפּירן נישט דעם אומאויפהערלעכן, אָבער זייער פּאַמעלעכדיקן און דערפאַר אונמערקלעכן איבערגאַנג פון די קינדער יאָרן דורך די יוגנט און רייפערע יאָרן צו דער עלטער. ווארפט מען אָבער אַ בליק אויף דעם אייגענעם לעבנס-פאַרלויף אין פאַרשידענעם עלטער, דערזעט מען גלייך, אַז דער מענטש שטייט נישט אויף איין אָרט און אַז דאָס פסיכא-פיזישע לעבן געפינט זיך אין אייביקער באַוועגונג. ס'איז אָבער אייגנטלעך גענוג איינצוקוקן זיך און באַשרייבן די איבערלעבעניש פון אַ מענטשן אין אַ משך, למשל, פון אַ האַלבן טאָג, כדי צו דערזען די דינאַמישע האַסטיקייט פון דעם פסיכישן שטראָם. נישט נאָר ס'בייטן זיך אין אַזאַ קורצער צייט פאַרשידענע שטימונגען, געדאַנקען, און שטרעבונגען, נאָר אַפילו איינע און דיזעלבע שטימונג ווערט מיט יעדער רגע אַנדערש, טראָגנדיק זיך אין דעם אומאויפהערלעכן פלוס פון דעם פסיכישן שטראָם. דאָס אומיטלבאַרע געפיל אָבער פון נשמה-רו איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט, אַז אַפילו די פסיכאָלאָגיע האָט אַ לאַנגע צייט געקענט אַטאָמיסטיש דענקען און פרוון אויפבויען דאָס העכערע נשמה-לעבן פון כלומרשט אומפאַרענדערלעכע עלעמענטן, וואָס אָט קומען זיי, אָט טרעטן זיי צוריק. דזשעמס און בערגסאָן, האָבן די ערשטע מיט באַזונדערער שאַרפקייט און אַנטשלאָסנקייט

פעסטגעשטעלט די שטענדיקע דינאַמישקייט פון דעם „באַוווסט־זיין־שטראָם". אין כאָטש היינט ווייסט יעדער פּסיכאָלאָג וועגן דעם פּסיכישן שטראָם, איז מען אָבער ביי דער פּאַקטישער פאָרשונג נישט גאַנץ באַפרייט פון דעם אומיטלבאַרן געפיל וועגן דער נשמה־רו. ווילן מיר אָבער עקספּעדירן אָדער אַריינדרינגען אין דאָס רעאַלע נשמה־לעבן, מוזן מיר שטענדיק האָבן אין אויג די ווירבלענדיקע דינאַמישקייט פון דעם פּסיכישן שטראָם. וואַרפט מען אַ שטיין אין פליסענדיק וואַסער, טראָגט ער זיך אַוועק מיטן שטראָם און אין אַ ווײַלע אַרום געפינט מען אים ווייטער פון דעם אָרט, וווּהין ער איז געפאַלן. ביי דעם מענטשן בכלל, און ביים נערוועזן מענטשן בפרט, לאָזן זיך פיל ערשיינונגען דערקלערן נאָר דורך און אין דעם פּסיכישן שטראָם וואָס טראָגט די ערשיינונגען דינאַמיש אַוועק פון זייער ערשטן שורש.

מיר מוזן מאַכן נאָך אַ טריט ווייטער און זיך בילדלעך פאָרשטעלן אַ צווייטע גרונט־ערשיינונג. דער פּרימיטיווער מענטש, למשל, האָט נאָך געקענט קלערן, אַז די ערד איז דורך און דורך אַזוי קאַלט און האַרט, ווי זי זעט אויס פון דעם אויבערפלאַך. נאָר די ערשטע ווולקאַניש פייערדיקע דורכברוכן האָבן שוין געקענט באַווייזן, אַז אונטער דעם קאַלטן האַרטן אויבערפלאַך געפינען זיך גליענדיקע מאַסן. און אַפילו אייניקע פעסטע בערג, וואָס הויבן זיך איבער דעם אויבערפלאַך, זענען אייגנטלעך ווולקאַנישע בערג, וואָס קומען אַלס דורכברוך־פּראָדוקטן פון די גליענדיקע טיפענישן. קעגן דעם אומיטלבאַרן געפיל פון דער ערד־אייננאַרטיקייט — ווערט מען דורך פּאַקטישע באַאָבאַכטונגען געצוווּנגען צו דער איבערצייגונג וועגן פאַרשידנאַרטיקע גליטיפענישן. אָט אַזוי איז מען אויך אומיטלבאַר גענויגט צו קלערן, אַז די מענטשלעכע פּסיכיק איז דורך און דורך פון דער זעלבער אַרט, ווי זי ווייזט זיך אַרויס אין דעם טאָג־טעגלעכן פּסיכישן אויבערפלאַך פון דעם נאָרמאַל־באַוווסטזיין. יעדער ווייסט אָבער פון זיין אייגענער ערפאַרונג, אַז אין דעם מענטשנס לעבן קומען גאָר נישט זעלטן פאָר באַשטימטע מאָמענטן —

עקסטאטישע, טראגישע אָדער אינטים-ערשיטערנדיקע — ווען דאָס געוויינלעכע נאָרמאַל באַוווסטזיין ווערט ווולקאַניש ערשיטערט פון אינטים-גליענדיקע איבערלעבענישן, וואָס ברעכן דורך דעם שטענדיקן פסיכישן אויבערפלאַך און מיט סטיכישער גוואַלד רייסן זיך אַריין נייע, אומגעזעענע פסיכישע שטראָם-מאַסן. אָט די ווולקאַנישע דורכברוכן פון אינטימישקייט צווינגען אונז צו דער פאָרשטעלונג, אַז אַ חוץ דעם געוויינלעכן נאָרמאַל באַוווסטזיין זענען פאַראַן גליענדיקע נשמה-טיפענישן. ביי דעם נערוועזן מענטשן ווייזט זיך עס באַזונדער קלאָר, אַז פיל ערשיינונגען טרעטן אַרויס אויף דעם פסיכישן אויבערפלאַך פון באַוווסטזיין, ווי פאַרגליווערטע דורכברוך פּראָדוקטן פון די שטענדיק דינאַמישע טיפענישן אין רעאַלן נשמה-לעבן.

אָט די צוויי גרונט יסודות פון אייביקער דינאַמישקייט און פילגעשטאַלטיקער טיפעניש פון דעם נשמה-לעבן קענען און מוזן אָביעקטיוו גענומען ווערן אין אַכט ביי דער עקספּעדיציע פאָרשונג פון רעאַלן נשמה-לעבן ביים מענטשן בכלל און ביים נערוועזן מענטשן בפרט.

פסיכאָלאָגישע עקספּעדיציע

(צווייטע פאָרלעזונג)

חשובע צוהערער!

אין די לעצטע יאָרן האָבן מיינע חברים און איך אָנגעהויבן וויסנשאַפטלעך דורכצופירן אַ פסיכאָלאָגישע עקספּעדיציע אָדער, ווען איר ווילט דעם קלינגענדיקן נאָמען, אַ עקספּעדיציע אין דער אינעווייניקסטער וועלט פון מענטשן. דאָס קאָן אַוודאי אַרויסרופן ביי אייך נייגעריקייט און סקעפּטישן צווייפל. וואָס הייסט דאָס דען עקספּעדירן אין נשמה-לאַנד? צי איז דאָס נישט פּשוט אַ שפּיל מיט ווערטער אָדער אפשר גאָר איינע פון יענע האַלב מיסטישע פאַרנעפּלטע ספּעקולאַציעס, וואָס באַוואַקסן היינט ווי ווילד גראָז די מאָדערנע פסיכאָלאָגיע? איר וועט אָבער שוין אין די ערשטע פאָרלעזונגען זען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ איינפאַך נאַטירלעכן און קלאָרן פאָרשונגס-וועג. נאָכמער: איך וועל אייך נישט נאָר באַווייזן דעם וועג, נאָר איר זעלבסט וועט אין די קומענדיקע פאָרלעזונגען באַטרעטן אָט דעם פאָרשונגס-וועג און איר וועט אַליין באַשיימפּערלעך זען, וווהין דערדאָזיקער וועג פירט.

ס'איז אַן אומגעהויערער פּאַראַדאָקס, וואָס ביז אויף היינטיקן טאָג האָט זיך די וויסנשאַפט כמעט ווי גאָרנישט אומגעקוקט אויף דער לעבעדיקער פּערזענלעכקייט אין איר

דינאמיש קאנקרעטער פילגעשטאלטיקייט. די פסיכאָלאָגיע, ד. ה. די איינציקע וויסנשאפט, וואָס שטרעבט צו פאָרשן דאָס פסיכישע לעבן, איז ביי אלע אירע אומשטערבלעכע פארדינסטן נאָך דורך און דורך אבסטראקט און וועלט-פרעמד, זי זעט נישט און וויל נאָך נישט זען די עצם וועלט פון קאָנקרעטע איבערלעבענישן. באָבאכטונג און עקספערימענט זענען ביז אהער אָנגעווענדט געוואָרן אָדער אויף עלעמענטאַרע פסיכישע ערשיינונגען, וואָס לאָזן זיך עקספערימענטעל ארויסרופן, אָדער אויף אלגעמיינע אייגנשאפטן, וואָס ווערן טעאָרעטיש סכעמאטיזירט. די היינטיקע פסיכאָלאָגיע זעט אויס ווי אן אטלאס, אויף וועלכן היפשטעט זענען אָנגעצייכנט מיט פונקטן און גוואלדיקע בערג און ימים מיט ליניעס. פון דעם אטלאס באקומט מען נאָר אן אלגעמיינע אריענטירונג וועגן צאָל, לאגע, ריכטונג און גרענעצן פון די פארשידענע שטעט און לענדער, מ׳ווייסט אָבער לחלוטין נישט דעם אויסזען און כאראקטער און די פארבנרייכע אויסגעשטאלטונג פון די אָנגעצייכנטע שטעט. אט אזוי דערציילט אונז די פסיכאָלאָגיע וועגן עמפינדונגען, אפעקטן און שטרעבונגען. צייכנט און דעפינירט מיט אבסטראקטע פונקטן און ליניעס די פארשידענע געביטן פון פסיכישן לעבן. מ׳האָט אָבער ביזאהער נאָך נישט וויסנשאפטלעך באָבאכטעט און געפאָרשט די אינע-ווייניקסטע קאנקרעטע אויסגעשטאלטונג פון די פארשידענע פסיכישע געביטן אין זייער דינאמיש רייכער פילפארביקייט, כדי אויף דעם גרונט פון מעטאדיש אביעקטיווער באשרייבונג קומען צו אלגעמיינע געזעצמעסיקייטן. די ווייניקער בולטע אָדער גאָר פארבאָרגענע פסיכישע געביטן ווערן אין דער אטלאס-פסיכאָלאָגיע סכעמאטיש פארשלונגען. נאָר די קונסט שילדערט אונז (ווי מיר וועלן ווייטער זען) קאנקרעט דעם פסיכישן אָקעאן פון א פערזענלעכקייט מיט אירע אָפגרונטן און גוואלטיקע כוואליעס, וואָס רייסן זיך אָפט ארויס פון די ברעגעס און פארפלייצן אזוי טראגיש די פערזענלעכקייט. די קונסט גיט אונז אָבער דאָס מעגלעכע, אָבער נישט דאָסווירקלעכע אָדער, בעסער געזאָגט די קונסט גיט אונז נאָר א ספעציעל קינסטלערישן צוגאנג צו

דער ווירקלעכקייט. די וויסנשאַפט האָט אָבער אַליין צו עקספע־דירן אין די פאַרשידענע פסיכישע געביטן און אירע ווייטע טיפעניש, כדי דאָרט גופא צו באַאָבאַכטן און פאָרשן די קאָנקרעטע פסיכישע ווירקלעכקייט. איך וועל באַלד איבערגיין צו דער באַשרייבונג פון אַזאַ עקספעדיציע. איך וועל נאָר פריער שילדערן פאַר אייך אַן איינפאַכן פאַל, וואָס וועט אָבער בולט אַרויסווייזן דעם וויכטיקן הויפּט־געדאַנק.

אין פאָריקן יאָרהונדערט האָט געלעבט אין פעטערבורג אַ יונגע שיינע רוסישע פרוי מיט דעם נאָמען אַננע. זי שטאַמט פון אדעל און האָט זיך ערצויגן אין אַ פריצישער אטמאספער. זי איז אומגעוויינלעך שיין, ווייבלעך, פאָרנעם און געבילדעט. ווי ס'טרעפט אָפט ביי דעם אדעל, האָט זי חתונה געהאַט פאַר אַ פיל עלטערן, אָבער העכסט באַרימטן פעטערבורגער סענאַטאָר. אָט די קנאַפּע אָנגעגעבענע ידיעות רופן שוין ביי אייך אַרויס אַ געוויסן באַגריף אָדער בילד פון דער שיינער פרוי סענאַטאָר. די אייגנ־טימלעכקייט פון געשלעכט, אַלטער און נאַציאָנאַליטעט, ווי אויך די פסיכאָלאָגישע ווירקונגען פון קלאַס, פאַמיליע און באַרוף — דאָס אַלץ ווערט אין דער „אטלאס"־פסיכאָלאָגיע נישט זעלטן דערמאנט און באַצייכנט. מ'האָט אָבער ביז־אַהער נאָך זייער ווייניק סיסטעמאַטיש אביעקטיוו באַאָבאַכטעט און באַשריבן וועלכע ס'איז קאָנקרעטע אינהאַלטן פון אָט דידאָזיקע „אטלאס"־באַצייכנונגען. אָבער נישט פון דער פסיכאָלאָגיע, נאָר פון דער ערפאַרונג (וועלכע איז היינט ביי יעדן מאָדערנעם מענטשן פאַרפיינערט און באַרייכערט דורך באַקאַנטשאַפט מיט אביעקטיוו ליטעראַרישע שילדערונגען) מאַכט איר אייך אַ בילד פון אָט דער פרוי סענאַטאָר. וואָס מער קאָנקרעטע פרטים איך וועל אייך דערציילן, אַלץ מער וועט איר דורך אייער דערפארונג דערקענען און בולטער מאַכן דאָס בילד. דער גאַנצער פאַל איז אָבער אייך ווייניק אינטערעסאַנט. ווייניק פאַרנעמע פרויען זענען דען דאָ אויף דער וועלט ? סוף כל סוף איז אַננע אַ געוויינלעכע, ווען איך זייער אַ שיינע, פרוי סענאַטאָר. איך וועל אייך אָבער דערציילן אַ מער אינטערעסאַנטן, כאָטש אפילו נישט זייער

אומגעווייניִלעכן עפּיזאָד פון איר לעבן. פאָרנדיק איינמאָל אין צוג, האָט זיך אָנגע באַקענט מיט אַ יונגן אדליגן אָפיציר און האָט זיך מיט דער גאַנצער נשמה אין אים פאַרליבט. ס׳האָט זיך אינגיכן אָנגעהויבן אין איר, דוכט זיך, גענוויינלעכער „שמה, אַ שווערער, גוואַלטיק-דראַמאַטישער קאַמף צווישן דער טיף גליִעדיקער ליבע און דער נישט ווייניקער טיפער צוגעבונדנקייט צו דער פאַמיליע, דערהויפּט צום הייסגעליבטן קינד. אין משך פון לאַנגער צייט וואַרפט זיך די פרוי אין אַ שווערן קראַמף פון גוואַלטיקע איבערלעבענישן. אַט דער קנאַפּ באַשריבענער עפּיזאָד רופט ביי אייך אַרויס אַ געוויס בילד און די געוויינלעכע פרוי סענאטאָר ווערט אייך עטוואָס נענטער און אינטערעסאַנטער, ווי אַ טרעגערן פון אַן אַלגעמיין מענטשלעכער און אייביקער נשמה-דראַמע. איז שוין ווייטער דאָסזעלבע. די ליבע מיט אַלע אירע ערשיטערנדיקע פאַרוויקלונגען ווערן אין דער „אטלאס״-פּסיכאָלאָגיע נישט זעלטן דערמאַנט און באַצייכנט. מ׳האָט אָבער ביזאַהער נאָך נישט סיסטעמאַטיש אָביעקטיוו באַאָבאַכטעט און באַשריבן (פון דעם ספּעקולאַטיוו-טעאָרעטישן פּסיכא-אַנאַליז וועלן מיר ווייטער רעד) וועלכע ס׳איז דינאַמיש קאָנקרעטע אינהאַלטן פון אָט דער „אטלאַס״-ליבע. אָבער אויך דאָ מאַכט איר זיך אַ בילד נישט דורך דער פּסיכאָלאָגיע, נאָר דורך אייער ערפאַרונג, וואָס איז דורך דער אַלגעמיין צוגענגלעכער קונסט פאַרפיינערט. אָבער אויך אָט דער עפּיזאָד איז נישט זייער אינטערעסאַנט. ווייניק טרעפן זיך דען אַזעלכע עפּיזאָדן אין לעבן? איך וועל אייך אָבער עטוואָס ווייטער דערציילן. נאָך לאַנגע נשמה-קרעמפן האָט אָנגע פאַרלאָזן איר פאַמיליע און איז אַוועק צום אָפיציר. נאָר אין דעם הייס גליִענדיקן ליבעס-גליק האָט עס זי אינעווייניק ווי מיט סטיכייאישע צוואַנגען געצויגן צום פאַרלאָזטן קינד. די נשמה קראַמפן זענען נאָך גוואַלדיקער און אומערטרעגלעכער געוואָרן. אין איר האָט זיך געעפנט אַ גהינום פון אייפערזוכט, ליבעס-צווייפל און אינערלעכער אומרו. אין איינע פון אַזעלכע שווערע מאָמענטן האָט זיך אָנגע דאָס לעבן גענומען — זי האָט זיך געוואָרפן אונטער די רעדער פון אַ פאָרנדיקן צוג. אויך דאָס טרעפט אין לעבן

נישט גאָר זעלטן. פונדעסטוועגן רופט עס איצט מער אָדער ווייניקער ביי אייך אַרויס אַ אינערלעך ציטעריקן אָפּקלאַנג אָדער אַן אינערלעכע וויבּרירונג. ווי אַ בליץ באַווייזן זיך פאַר אייך אויף אַ רגע די טראַגישע אָפּגרונטן פון אַ מענטשנס-לעבן. טאַקע נישט מער ווי אַ בליץ-אַרטיקער שימער! ווי זעען אָבער אויס די דאָזיקע אינטימע טיפענישן פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס אַנטפּלעקן זיך ביי געוויסע תּנאים אין באַשטימטע מאָמענטן? וועלכע זענען די דינאַמיש קאָנקרעטע פּסיכישע וועגן, וואָס פירן צו און פון אָט די טיפענישן? אָדער, וועלכע זענען די עקזיסטענץ און אַנטוויקלונגס-אייגנטימלעכקייט פון אָט די טיפענישן און זייער קעגנזייטיקע באַציונגען צו די ווירקונגען פון דער אינערלעכער און אויסערלעכער סביבה? די היינטיקע פּסיכאָלאָגיע קען נאָך עמפּיריש אַפילו נישט קלערן וועגן אַזוינע פראַגן, ווייל זי פאַרמאָגט נאָך דערוויילן פאַר אָרגאַניש קאָמפּליצירטע פּסיכישע ערשיינונגען נאָר „אַטלאַס" באַצייכנונגען, ווי: אַפעקטיווע דער-שיטערונג, קאַמף פון מאָטיוון א. ד. גל.

איך פאַרשפּאָר אייך נאַטירלעך צו דערציילן דעם סוד, וואָס פיל פון אייך האָבן שוין מסתמא אַליין אויפגעדעקט. די דאָזיקע אַננע איז, פאַרשטייט זיך, אַננע קאַרענינא — די העלדין פון טאָלסטאָיס באַקאַנטן ראָמאַן. מיט קינסטלעריש געוואַלדיקער אָ ב י ע ק ט י וו ק ײ ט באַשרייבט אונז טאָלסטאָי — ב אַ ש ר ײ ב ט! — די פּראָצעסן און פאָרגענגן פון אַננעס גוואַלדיקע איבערלעבענישן, די אָפענע און פאַרבאָרגענע טיפענישן פון דעם אינטימען פּסיכישן אַקעאַן, וואָס זענען דאָ אין יעדן מענטשן און וואָס אַנטפּלעקן זיך בולט אין באַשטימטע מאָמענטן פון לעבן.

מיר קענען דערוויילן פאָרמולירן פאָלגענדיקע טעזיסן, וועלכע וועלן שפּעטער אויספירלעך באַגרינדעט און דער-קלערט ווערן:

1) די קינסטלערישע אַנשויאונג זויגט נישט בלויז פון די אייגענע פינגער און באַגניגט זיך נישט מיט סכעמאַטישע „אַטלאַס"-צייכנונגען. פאַרקערט, מיט אַלע אירע שעפערישע כּוחות שלאָגט זיך די קונסט דורך אַ וועג צו דער קאָנקרעטער

פּסיכישערווירקלעכקייט. דרינגט אַריין אין די פּאַקטישע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, באַשרייבט קינסטלעריש אביעקטיוו די איינצלנע פּראָצעסן און פּאַרגעגנען און דווקא אויף דעם אופן קריסטאַליזירט זי קאַנדענסירטע בילדער פון אַלגעמיין אייביקער באַדייטונג. די קינסטלערישע אביעקטיווע שילדערונג פון אַנגע קאַרעניגאס איבערלעבעניש ברענגט אַלגעמיין אייביקע בילדער פון אינטימע נשמה־טיפענישן.

2) דווקא דערפאַר, וואָס די קונסט זעט נישט דעם מענטשן סכעמאַטיש פון דרויסן און דרינגט אַריין שעפעריש אביעקטיוו אין די קאַנקרעטע פּערזענלעכקייט — דעקט זי אויף אין דעם געוויינטלעכן מענטשן אינטימע טיפענישן פון אַלגעמיין אייביקער באַדייטונג. אָט אַזוי איז די געוויינלעכע פרוי סענאַטאָר געוואָרן די העלדין פון טאָלסטאָיס אומשטערבלעך ווערק, וואָס שילדערט אין גרויסע בענדער, דוכט זיך, איר אייגענע, פּערזענלעכע און דאָך אוניווערסעל באַדייטנדיקע אינטימע וועלט.

3) די־דאָזיקע אינטימע וועלט איז אין געוויינלעכע צייטן ווייניק בולט אָדער גאָר פאַרבאָרגן און לאָזט דעם כלומרשט איינפאַכן מענטשן זיך פאַרלירן אין דער גרויער אַלטאָגלעכקייט. נאָר ביי ספּעציעלע תנאים און אומשטענדן רייסט זיך די אינטימע וועלט דורך און עפנט ביי דעם מענטשן די אייביק טיפע קוועלן פון זיין אינטימער פּערזענלעכקייט. די קונסט האָט זיך תמיד שעפעריש באַמיט אַרויסצוגעפינען און באַשריבן די־דאָזיקע ספּעציעלע תנאים און קאַנקרעטע אומשטענדן פון דעם אינטימען דורכברוך. אָט אַזוי שילדערט אונז אויך טאָלסטאָי די פּאַקטישע סיטואַציעס און קאַנקרעטע תנאים, וועלכע האָבן געפירט ביי אַנגע קאַרענינא צו דעם דורכברוך פון די גוואַלדיק טראַגישע אינטימע איבערלעבענישן.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, אַז די קונסט קאָן נאָר דע־גאַנצען, אָבער נישט פאַרבייטן די ווויסנשאַפט, וועלכע מוז אַליין אויף איר אייגענעם שטייגער אַריינדרינגען אין די קאָנקרעטע פּסיכישע ווירקלעכקייט. מיר קענען זיך באַנוצן,

אָבער לחלוטין נישט באַגניגן מיט דעם אומפֿאָלשטענדיקן פּסיכישן אַטלאַס, וואָס די היינטיקע פּסיכאָלאָגיע גיט אונז. מיר מוזן עקספּעדירן אין די פֿאַרשידענע געביטן פֿון פּסיכישן לעבן און דאָרט אומיטלבאַר גענוי אָביעקטיוו באַאָבאַכטן און באַשרייבן די קאָנקרעטע פּסיכישע פֿאָרגענגען און פּראָצעסן און נאָר אויף דעם אופֿן וועלן מיר אינדוקטיוו דערלאַנגען צו אַלגעמיינע געזעצמעסיקייטן. איצט שטעלט זיך טאַקע די פֿראַגע: וואָס באַטייט אייגנטלעך אַ פּסיכאָלאָגיש וויסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציע?

איר ווייסט מסתמא אַלע פֿון די ספּעציעלע פֿאָרשונגס-עקספּעדיציעס, אויף וועלכע ס׳שטיצן זיך פֿאַרשידענע וויסנשאַפֿטן, ווי געאָגראַפֿיע און אַנדערע. גראָד איצט איז די גאַנצע וועלט פֿאַראינטערעסירט מיט דער פּאָליוס-עקספּעדיציע פֿון אַמונדסען. וויל אפֿשר עמעצער פֿון אייך אָנגעבן די כאַראַקטעריסטישע אייגנטימלעכקייט פֿון אַזאַ וויסנשאַפֿטלעכער עקספּעדיציע, אַלס פֿאָרשונגס וועג? אָט האָבן אייניקע פֿון אייך אָנגעגעבן אַ ריכטיקע אָבער נישט כאַראַקטעריסטישע אייגנטימלעכקייט. דער עקספּעדיציע-פֿאָרשער וויל זיך נישט באַגניגן מיט השערות און פֿאַנטאַזיע — ער וויל עמפּיריש זען און באַאָבאַכטן. דאָס איז ריכטיק, אָבער נישט כאַראַקטעריסטיש גראָד פֿאַר עקספּעדיציע. יעדע עמפּירישע פֿאָרשונג באַנוצט די אָביעקטיווע באַאָבאַכטונג און דעם עקספּערימענט, כּדי אומיטלבאַר צו פֿאָרשן אַליין דעם קעגנשטאַנד. אַ וויסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציע צייכנט זיך טאַקע אויס נישט מיט דעם עצם פֿאָרשונג נאָר מיט דער פֿריערדיקער אָנשטרענגונג פֿון דעם פֿאָרשער, כּדי צו דערלאַנגען צום קעגנשטאַנד פֿון דער פֿאָרשונג. כּדי צו מאַכן אַ נאָרדפּאָל-עקספּעדיציע, מוז מען נישט נאָר קענען פֿאָרשן דעם נאָרדפּאָל, ווען מ׳איז אַהין שוין אָנגעקומען. מ׳מוז אפֿשר נאָך מער האָבן באַגאַבונג, אויסדויער און געניטקייט, כּדי צום נאָרדפּאָל צו דערלאַנגען. מיר האָבן, הייסט דאָס, אין עקספּעדיציע צוויי מאָמענטן: דעם כאַראַקטעריסטישן מאָמענט פֿון דער „דערגרייכונגס“-אַרבעט, ווען דער פֿאָרשער זוכט צו

דערגרייכן דעם געגנשטאַנד און די עצם פאָרשונג פון דעם שוין דערגרייכטן געגנשטאַנד. די ערשטע כאַראַקטעריסטישע דערגרייכונגס-אַרבעט איז פונקט אַזוי נויטיק און דעצידירנדיק און מוז אַזוי שטרענג מעטאָדיש דורכגעפירט ווערן, ווי די עצם פאָרשונגס-אַרבעט אַליין. ביי יעדער עקספעדיציע מוז מען קודם כל קענען מעטאָדיש אויספרווון און פאַרווירקלעכן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן דעם קעגנשטאַנד, וועלכן מיר ווילן פאָרשן. אין דעם זינען רעדן מיר אויך וועגן אַ פסיכאָלאָגישער עקספעדיציע. ווילן מיר ענדלעך איבערגיין פון דער „אַטלאַס" פסיכאָלאָגיע צו דער אביעקטיווער פאָרשונג פון דער קאָנקרעטער פסיכישער ווירקלעכקייט, ווילן מיר פאָרשן די ווייטע נאָך ווייניק באַקאַנטע געביטן פון פסיכישן לעבן, מוזן מיר קודם כל אַהין דערגרייכן אָדער עקספעדירן ד. ה. מיר מוזן מעטאָדיש זוכן און פאַקטיש באַטרעטן דעם וועג, וואָס פירט אונז אַהינצו. געוויס האָבן מיר דאָ לחלוטין נישט צו טון מיט אַ רוימלעך פיזישן, נאָר מיט אַ פסיכיש גייסטיקן דורכדרינגען. דאָס פראָבלעם פון אַ פסיכאָלאָגישער עקספעדיציע רוקט נאָר אַרויס די פרינציפיעל זאַכלעכע אייגנטימלעכקייט און הויפט כאַראַק-טעריסטישע פאָדערונג פון אַ עקספעדיציע: מעטאָדיש צו פרווון און פאַקטיש באַטרעטן דעם וועג צום ווייטן און ווייניק אָדער גאָרנישט באַקאַנטן קעגנשטאַנד, וועלכן מיר ווילן פאָרשן.

און דאָ קומען מיר טאַקע צום ענטשיידנעם הויפט פונקט, וואָס וואַרפט ניי ליכט אויף דעם כאַראַקטער פון אַ עקספעדיציע פאָרשונג און באַווייזט דעם וויסנשאַפטלעכן תוך פון אַ פסיכאָ-לאָגישער עקספעדיציע.

דווקא דערפאַר, וואָס דער עקספעדיציע פאָרשער מוז פאַקטיש דערגרייכן דעם געגנשטאַנד, איז ביי דער עקספעדיציע די שטרעבונג צו פאַקטישקייט נישט נאָר אַ פרינציפ, נאָר אַ אומיטלבאַרע נויטיקייט, נישט נאָר אַ מעטאָדע, נאָר דער תוך פון דער עצם פאָרשונג. אַפילו אַ עקספערימענטאַלער פאָרשער מוז זיך תמיד ראַנגלען מיט דער אינעווייניקסטער נויגונג צו

ספּעקולאַטיווע טעאָרעטישע פאַראַלגעמיינערונגען, וויאַזוי אָפּ-
אַריבער דעם עקספּערימענט און באַלויכטן איינזייטיק די עקס-
פּערימענטאַלע פאַקטן. ביי דער עקספּעדיציע אָבער איז דער
פאָרשער על-פּי-רוב דורך דער נאַטור פון דער פאָרשונג אַליין
געצוווּנגען זיך צו האַלטן האַרט ביי דער ווירקלעכקייט און
שטענדיק קאָנטראָלירן דורך פאַקטן זיינע השערות. ווען אַ פּאָליאַר-
פאָרשער מאַכט זיך טעאָרעטיש אַ פּלאַן פון דער עקספּעדיציע,
מוז ער דאָך פ אַ ק ט י ש פאַרווירקלעכן אָט דעם פּלאַן, יעדע
מינדסטע פאַלשע השערה קען אים אַראָפּפירן אָדער דערווייטערן
פון דעם ריכטיקן וועג. און לאָזנדיק זיך אין וועג, ווערט
דער פאָרשער געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון פיל טעאָרעטיש
שיינע השערות, וואָס פירן אָבער נישט פאַקטיש צום געגנ-
שטאַנד; ער וועט אַלע ווייַלע מוזן קאָרעגירן, מאָדיפיצירן און
באַנייען זיינע השערות, לויט די פאַקטישע אָנווייזונגען פון
דעם ווירקלעך אויפגעפונענעם וועג צום געגנשטאַנד. אָט דער
עקספּעדיציע-גייסט קען אַ רוק טון די פּסיכאָלאָגיע פון איר
טויטן פּונקט און אַריינטראָגן אין איר דעם נויטיקן חוש
פאַר פּסיכישער ווירקלעכקייט. אין דער נאַטור-וויסנשאַפט, ווו
מ'האָט צו טון מיט אַ בולטן פאַר די חושים געגנשטאַנד קען
נאָך דער פאָרשער זיך מער אָדער ווייניקער ראַנגלען מיט דער
אינצווייניקסטער נייגונג צו ספּעקולאַטיווע פאַראַלגעמיינערונגען.
ביי פּסיכישע דערשיינונגען אָבער, וואָס זענען פאַר די חושים
אומפאַססבאַר, קאָן זיך די פאָרשונג נישט אַרויסראַטעווען פון
דעם דעספּאָטיש ספּעקולאַטיוון גייסט, אָדער זי בלייבט ביי
אַלגעמיינע „אַטלאַס"-באַצייכנונגען. דער פּסיכאָלאָגישער עקספּע-
רימענט קאָן נאָר אַרומנעמען עלעמענטאַרע פּסיכישע דער-
שיינונגען. און די אָביעקטיווע באָאָבאַכטונג האָט נאָך נישט
באַוויזן, ווי אין אַנדערע וויסנשאַפטן, מעטאָדיש צו באַשרייבן
די דינאַמיש פילפאַרביקע פּסיכישע ווירקלעכקייט פון נאַטירלעכע,
פאַקטישע איבערלעבונגען און צו זאַמלען פאַקטישן מאַטעריאַל
פון דער שטענדיק ברויזנדיקער, אינדיווידועל קאָנקרעטער,
פּסיכישער לעבנסגעשיכטע פון אַ מענטשן. אַזוינע גרויסע

פאָרשער, ווי פרייד און אַדלער, וואָס האָבן זיך כמעט די ערשטע געווענדט צום קאנקרעטן מענטשן, האָבן זיך אָבער באַלד אויסגעגליטשט אויף דער ספּעקולאַטיוו טעאָרעטישער נויגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט ווי אַ טויבע וואַנט צווישן דער פאָרשונג און דער פסיכישער ווירקלעכקייט. אָט אַזוי איז די פסיכאָלאָגיע ביזן היינטיקן טאָג געבליבן וועלט-פרעמד און קאָן נישט קומען אין אַ פּאַקטיש פּראָדוקטיווע באַרירונג מיט לעבן און ווירקלעכקייט. מיר מוזן דערפאַר אָנהויבן אַ פסיכאָלאָגישע עקספּעדיציע, וואָס זאָל אונז צווינגען נישט ספּעקולאטיוו נאָר פּאַקטיש דערגרייכן דעם געגנשטאַנד. און אויף דעם וועג פון דער עקספּעדיציע וועלן מיר מוזן אַלע ווילדע קאָנטראָלירן און ברעכן אונזערע טעאָרעטישע השערות לויט די פּאַקטישע אָנווייזונגען פון דעם געזוכטן וועג צום געגנשטאַנד.

מיר ווילן נאָך אָנווייזן אויף אַן אינטערעסאַנטע, ווען אויך נישט שטענדיקע, עקספּעדיציע - אייגנטימלעכקייט, וואָס שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָנגעוויזענער כאַראַקטעריסטישער „דערגרייכונגס”-אַרבעט און וואָס שפּילט אָבער אַ גרויסע ראָלע אין דער פסיכאָלאָגיע.

דער עקספּעדיציע-פאָרשער שלאָגט זיך דורך אַ וועג צום געגנשטאַנד און קומט אין וועלכער ס'איז היינזיכט נענטער צו אָט דעם געגנשטאַנד, וואָס קאָן דורכדעם איצט ווירקן אָדער מער ווירקן אויף דעם פאָרשער. דידאָזיקע ווירקונג איז אָבער אָפט זייער פילזייטיק און קאָן דורך אייניקע אומגינסטיקע זייטן פון איר ווירקונג שטערן דער פאָרשונג. ביי דער נאָרד-פּאָל עקספּעדיציע, למשל, שטרעבט דער פאָרשער אַהין צו דערגרייכן. קומט ער אָבער שוין אויפן נאָרדפּאָל, שטייט ער אונטער דער השפּעה פון אומגינסטיקע קלימאַטישע תנאים, וואָס קאָנען מאַכן אומזיכער אָדער פיזיש אוממעגלעך זיין פאָרשונגס-פעיקייט. דידאָזיקע שטערונג גופא איז אַ וויכטיקער רעזולטאַט פון דער עקספּעדיציע. דער פאָרשער וועט דערציילן, אַז אויף דעם נאָרדפּאָל איז אַזאַ קלימאַט, ביי וועלכן מ'קאָן נישט בלייבן און פאָרשן. ער וועט איצט אָנהויבן מעטאָדיש-סיסטעמאַטיש

זיך צו באַוואָפנען אַנטקעגן דערדאָזיקער שטערונג בײַ אַ צווייטער עקספּעדיציע. מיר קאָנען דאָס געזאָגטע אַזוי פאָרמולירן: די דורך אַ עקספּעדיציע דערגרייכטע נאָענטקייט אָדער באַריר־ונג מיט דעם געגנשטאַנד קאָן ברענגען דעם פאָרשער אונטער אַ פאַרשידנזײַטיקער השפּעה פון דעם געגנשטאַנד, וואָס מוז מעטאָדיש־סיסטעמאַטיש באַרעכנט און באַהערשט ווערן. בײַ דער פּסיכאָלאָגישער עקספּעדיציע שפּילט עס אַ באַזונדער גרויסע ראָלע, בלײַבט דער פאָרשער בײַ זײַן ניכטערן רויִקן צושטאַנד, קען ער זיך קוים אַריבערטראָגן אין די „הייסע”, אינטימע טיפענישן פון אינעווייניקסטן לעבן. דערלאַנגט ער אַהינצו בכּיוון אָדער פערזענלעך צופעליק (למשל, בײַ אייגענער אינטימער ליבעס־איבערלעבונג), קאָן ער פאַרלירן דעם רויִק ניכטערן פאָרשונגס־בליק. נאָר די קונסט האָט נישט צו טון מיט אַזוינע עקספּעדיציע־שמערצן, ווײַל לויט איר גאַנצער נאַטור קאָן זי זיך אַריבערטראָגן אין פאַרשידענע נשמה־ספערן און באַהאַלטן דערבײַ איר קינסטלעריש קלאָרע אַנשויונג, כאָטש אויך קינסטלער דערציילן אונז וועגן שאַפונגס־ליידן. די פּסיכאָלאָגיע אָבער האָט נאָך אייגנטלעך נישט געשטעלט פאַר זיך אַקטועל אָט דידאָזיקע פראַגע, ווײַל מ׳האָט נאָך ביז היינט נישט געפּרוווט אַרײַנדרינגען אין די פאַקטיש קאָנקרעטע ספערן פון דעם רעאַלן נשמה־לעבן. און מאַכנדיק אַ פּרווו טאַקע אום־מיטלבאַר צו עקספּעדירן אין פאַרשידענע געביטן פון רעאַל־פּסיכישן לעבן, מוזן מיר טאַקע באַצייטנס מעטאָדיש באַטראַכטן און אָפּשאַצן די פיל־זײַטיקע השפּעה פון די דורך עקספּעדיציע נאָענט געוואָרענע געביטן אויף אונזער פאָרשונג. מיר וועלן אָבער זען, אַז דידאָזיקע השפּעה האָט נישט נאָר אַ באַדײַטונג פאַר דער פאָרשונג, נאָר האָט אויך אַ אייגענע גרויסע גײַסטיקע באַדײַטונג.

הויפּטזעכלעך אָבער טאָר נישט אַ פאָרשער לאָזן זיך אין אַן עקספּעדיציע מיט פאַרביקע ברילן, וואָס לאָזן אים נישט זען ערשײַנונגען אין זייער נאַטירלעכער פאַרב. איז ער אָבער גע־צוווּנגען אָנצוטון ברילן, מוז ער ריכטיק אָפּשאַצן זייער ווירקונג.

דער פאַרשער מוז געניי אָביעקטיוו באַאָבאַכטן און באַשרייבן, — ער מוז זיך מיט אַלע כחות באַמיען צו שיידן צווישן אָביעקטיוו באַאָבאַכטעטע פאַקטן און אייגענע מיינונגען. די עקספּעדיציע פון פרייד און אדלער האָבן אונז דערפאַר אַזוי ווייניק קאָנקרעט זיכערעס געבראַכט, ווייל זיי זענען פון אָנהויב אָן געגאַנגען אויף פאַרשידענע פסיכישע געביטן מיט טעאָרעטישע, געדיכט פאַרביקע ברילן (פסיכאָ-אַנאַליטישע אָדער אינדיווידועל-פסיכאָלאָגישע), וואָס האָבן זיי נישט געלאָזט צוזען די פסיכישע ווירקלעכקייט אין איר נאַטירלעכער פאַרב און אויסזען. ווי די באַשרייבנדיקע קונסט, אַזוי אויך די עמפּירישע וויסנשאַפט (יעדע אויף איר שטייגער), מוז פון דעם פאַקטיש קאָנקרעטן אינדוקטיוו אַרויסבאַקומען קאָנדענסירטע ווירקלעכקייט אין דער געשטאַלט פון קינסטלערישע בילדער, טיפּן אָדער וויסנשאַפטלעכע געזעצן.

חשובע צוהערער! מיר האָבן אָנגעוויזן דעם תוך און אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דער עקספּעדיציע-פאָרשונג. מיר וועלן זיך שפּעטער אָפּשטעלן אויף דער ווייטערדיקער באַשרייבונג פון דער מעטאָדיק, און איצט וועלן מיר אָנהויבן איבערגעבן די וויכטיקע רעזולטאַטן פון דער עקספּעדיציע-פאָרשונג בנוגע נערוועזע מענטשן. דער גאַנג פון דער פאָרשונג וועט ממילא באַווייזן די אַנטוויקלונג פון דער עקספּעדיציע-מעטאָדע, וואָס איז דאָך אייגנטלעך לויט איר נאַטור אַן אומאויפהערלעכע צופּאַסונג פון די פאָרשונגס-מיטלען צו דער געפאָרשטער ווירקלעכקייט.

„פסיכישער סקאָרבוט“.

(דריטע לעקציע)

חשובע צוהערער!

אונזערע עקספּעדיציע-פאָרשונגען פון דעם נערוועזן מענטשן האָבן זיך שוין אין די ערשטע צייטן אָפּט אָנגעשטויסן אויף אַ מערקווירדיקן רעאַל-פסיכישן צושטאַנד, וואָס מיר ווילן נישט פאַראַלגעמיינערן, נאָר דורכאויס עקספּעדיציע-אַרטיק באָבאַכטן און אָביעקטיוו באַשרייבן. מיר האָבן דעם צושטאַנד אָנגערופן „פסיכישער סקארבוט“. דערמיט באַצייכנען מיר, קורץ געזאָגט, יענע „נערוועזישקייט“ אָדער פסיכישע גלייכגעוויכטס-שטערונג, וואָס קומט דורך אַ לאַנגדויערנדיקן איינזייטיקן לעבנס-שטייגער, וועלכער ברענגט נישט דעם מענטשען די אינדיווידועל נייטיקע פסיכיש-סטימולירנדיקע איינווירקונגען. ס'איז דאָס „נערוועז“-מאַכנדיקע אויספעלן פון אַזוינע פסיכישע איינווירקונגען, וואָס האָבן פאַר דעם מענטשן הויפּטזעכלעך נישט אַ זאַכלעך נוצלעכן, נאָר אַ פסיכיש-סטימולדירנדיקן, נשמה-וועקענדיקן אָדער אַקטיווירנדיקן כאַראַקטער.

מיר האָבן דאָס אָנגערופן „פסיכישער סקארבוט“, ווייל עס דערמאַנט אונז — ריין בילדלעך! — אָן דער פיזישער סקאָרבוט-קראַנקייט, וואָס קומט צוזאַמען מיט אַנדערע ענלעכע פיזישע קראַנקייטן דורך איינזייטיקער נערונג, וועלכע ברענגט דעם קערפּער „זאַכלעך“ נויטיקע שפּייז-עלעמענטן (ענערגיע און בוי-מאַטעריאַל),

פאַרמאָגט אָבער נישט די נאָך נישט גאַנץ באַקאַנטע, הויפּטזעכלעך סטימולירנדיקע אָדער אַקטיווירנדיקע שטאָפן, די, וואָס מ׳רופט (היינט „וויטאַמינען" אָדער קאָמפּלעטטינען (Witamine[1] oder Komplettine אַ לאַנגע צייט האָט מען געגלויבט, אַז דער אָרגאַניזם מוז האָבן צוליב זיין דערהאַלטונג די באַקאַנטע נערונגס-שטאָפן, וואָס דינען אַלס קוואַלן פון ענערגיע און בוי-מאַטעריאַל. מ׳האָט זיך אָבער אין די לעצטע יאָרן געמוזט איבערצייגן, אַז אין דער נערונג מוזן אויך זיין כאָטש אין מינימאַלע דאזן די דערמאָנטע וויטאמין אָדער קאמפּלעטטין-שטאָפן, וואָס האָבן אַ לעבנס-וויכטיקע אַקטיווירנדיקע ווירקונג און ביי זייער אויספעלן קאָן אויסברעכן די סקארביט-קראַנקהייט אָדער אַנדערע ענלעכע ספּעציפישע קראַנקהייטן.

אָט אַזוי — ריין בילדלעך פאַרגלייכנדיק — האָבן אונזערע ערשטע עקספּעדיציע-פאָרשונגען געמוזט פעסטשטעלן די לעבנסוויכטיקע באַדייטונג פון פּסיכישע וויטאַמינען, ד. ה. פּסיכיש סטימולירנדיקע איינווירקונגען. דאָס נשמה-לעבן, הייסט דאָס, מוז פאר זיין גלייכגעוויכט-דערהאַלטונג באַקומען פון דער ביאָ-סאָציאַלער סביבה נישט נאָר בוי-מאַטעריאַל און אָביעקטן פון פּסיכישן לעבן אָדער זאַכלעך-נוצלעכן איינדרוקס-שטאָף צו דער באַפרידיקונג פון קאָנקרעטע פּסיכישע באַדערפענישן און אינטערעסן. אין דעם פּסיכיש גייסטיקן לעבנס-שטייגער מוזן אויך מער אָדער ווייניקער זיין די אייגנטלעך לעבנסוויכטיקע איינדרוקס-קאמפּלעקסן, וואָס האָבן בלויז אַ פּסיכיש-סטימולירנדיקן, נשמה-וועקנדיקן אָדער אַקטיווירנדיקן כאַראַקטער — „צינד-שטאָף". כ׳וויל פאַר אייך גלייך שילדערן איינע פון די פאַלן, וואָס מיר האָבן עקספּעדיציע-

1) ווען מיד פאַרגלייכן, זאָגט Cherman, דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם מ׳ט אַן עקספּלאָזיר-מאָטאָר (דאָס אַלטע בילד פון דער דאַמף-מאַשין איז היינט ווייניקער פּאַסיק), בילדן די אָרגאַנישע נערונג-שטאָפן דאָס ברענמאַטעריאַל, דאָס אייוויס און איין טייל פון די מינעראַל שטאָפן—דעם בוי-מאַטעריאַל פון מאָטאָר, די אַנדערע מינעראַלשטאפן דאָס שמיר-אייל און די קאָמפּלעטטינע דעם צינד-פונק...
ציטירט נאָך דעם ווערק: „Die Witamine", Ragnar Berg, Leipzig 1922

אַרטיק באַאָבאַכטעט און וואָס װעט אויך אויסזען זייער איינפאַך און באַגרייפלעך פאַר אייער אינערלעכער ערפאַרונג.

כ'מוז אָבער פריער קורץ אונטערשטרייכן די מערקווירדיקע שוועריקייט פון אַ פסיכישער עקספּעדיציע-פאָרשונג. דווקא דורכדעם, וואָס דער גאַנג און די רעזולטאַטן פון אַזאַ פאָרשונג זענען נאַטירלעך און איינפאַך, לייגן זיי זיך שווער אויף דעם שכל. דורך דער תמיד הערשנדיקער דאָגמאַטישער אָדער פּראַקטיש-שטעמפּלדיקער אויפפאַסונג פון דעם מענטשן זענען מיר אָפּגעוווינט צו זען פסיכישע פּראָצעסן אין זייער נאַטירלעכן צוזאַמענהאַנג. אָט ווי אַ פרוי, וואָס איז געוווינט צו פאַרבן דאָס געזיכט, קען זיך שווער אַנטשליסן צו דערשיינען אין אומגעפאַרבט נאַטירלעכן הויט-קאָליר. ביי דער עקספּעדיציע-פאָרשונג מוז מען טאַקע האָבן דעם מוט זיך נישט אָפּצושרעקן פאַר איינפאַכער קלאָרקייט און, איינהאַלטנדיק דעם שטעמפּלדיקן ספּעקולאַטיוון גייסט, זען פסיכישע דערשיינונגען אין זייער אַלגעמיין-צוגענגלעכער נאַטירלעכקייט. דאָס מענטשלעכן אויג קאָן שווער אַרומנעמען דאָס צו קליינע אָדער צו גרויסע, ווי דער מוח קען שווער פיקסירן דאָס צו קאָמפּליצירטע אָדער צו איינפאַכע. די עקספּעדיציע-פאָרשונג איז אַ קראַפט-פּראָבע אויף דאָס צו איינפאַכע. אָט איז אויך אַ פאַל, וואָס איז יעדן נישט פרעמד און וואָס מ'מוז זיך אָנשטרענגען צו פיקסירן, די נאַטירלעך איינפאַכע אויספירונגען.

הערמאַן, 46 יאָר אַלט, אַ פיזיש געזונטער מענטש, האָט אַ פרוי און דריי דערוואַקסענע קינדער. פּאָליטיש און רעליגיעז גאָר אינדיפערענט. פון יוגנט אָן איז ער אַן ענערגישער סוחר און אַ גרויסער אונטערנעמער. דאָס לעצטע יאָר האָט ער פאַרדינט געשעפטלעך אַ קאָלאָסאַלע סומע געלט. נאָר דאָס געשעפט אַליין האָט ביי דער אַלגעמיינער קאָניוקטור געהאַט שלעכטע פּערספּעקטיוון פאַר דער נאָענטער צוקונפט. האָט ער פלינק פאַרוואַנדלט די סחורה אין מזומן געלט און נאָך דעם קאָלאָסאַלן פאַרדינסט האָט ער זיך געקענט באַשליסן אויף אַ אומבאַשטימטע צייט „אָפּרוען" פון זיין געשעפטלעכער אַרבעט און לעבן אויף די ציִנזן פון זיין

גרויסן פאַרמעגן. פיל האָט געיירקט, זאָגט ער, וואָס באַקומענדיק פלוצים אַ גרויס פאַרמעגן, האָט ער (באַזונדערס דאָס ווייב) בכלל נישט געוואָלט מער געשעפטלעך ריזיקירן. ער האָט זיך געקויפט אונטער דער קרייז-שטאָט אַ שיין הויז מיט אַ גאָרטן און פעלד און אָנגעהויבן לעבן נגידיש אָן „קאָפּ-דרייעניש". צוביסלעך גיט ער אַכטונג אויף דער ווירטשאַפט אין הויז, גאָרטן און פעלד, נעמט אויף געסט, גיט שיינע נדבות, ווערט אַלץ מער מפורסם אין שטאָט און באַקומט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט.

שוין אין אַ קורצער צייט אַרום, אַן ערך אַ פּאָר חדשים שפּעטער (געגוי קען ער די צייט נישט אָנגעבן) האָט ער זיך אָנגעהויבן שלעכט פילן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ביי אים פּאַמעלעך אַרויסווייזן פאַרשידענע שטערונגען. האָט באַקומען אַ שלעכטן שלאָף — קוים וואָס ער שלאָפט איין פאַרטאָג אויף עטלעכע שעה. שרייט אָפּט פון שלאָף. איז געוואָרן זייער אַנגסטלעך, ווערט פון יעדער קלייניקייט שטאַרק אויפגערעגט. איינמאָל האָט ער ביים טיש צו מיטאָג אָנגעהויבן מאָדנע פאַרזאָרגט צו רעדן וועגן זיינע קינדער, וואָס שטודירן ערגעץ אין דער פרעמד אָן השגחה פון עלטערן. ער האָט זיך דערביי צעוויינט אויף אַ קול. אים איז אַזוי נישט גוט געוואָרן. אַז ער האָט געמוזט אַ גאַנצן טאָג ליגן אין בעט. ס'פּלאָגן אים פאַרשידענע צוואַנגס-אידעען, דער-הויפּט די אַנגסט-אידעע וועגן זיינע קינדער (נאָך אין די פריערע יאָרן האָט ער דורכאויס געוואָלט אַז די קינדער זאָלן נישט שטודירן, נאָר זאָלן אַרבעטן אין געשעפט. ערשט נאָך אַ לאַנגן קאַמף פון די קינדער איז ער דעמאָלט אויף זייער שטודיום איינגעגאַנגען. איצט האָט זיך זיין אומווילן ווידער אויפגעכאַפּט און זיך פאַרשטייפט אין צוואַנגס-אידייען). אַ חוץ אָפטע און שווערע קאָפּ-שמערצן, האָט ער באַקומען קראַמפּ-צוקונגען פון לינקן אויג (פון קינדווייז אָן האָט ער געהאַט אַ געוויינהייט ביים רעדן און ליינען דאָס לינקע אויג האַלטן פאַרמאַכט). קלאָגט זיך אויך אָפט אויף שמערצענדיק האַרץ-קלאַפּן. דער הויז-דאָקטאָר האָט דאָס אַלץ ערקלערט אַלס „נערוועז", האָט פאַר-שריבן וואַלעריאַן מיט בראָם און געראַטן דעם קראַנקן, ער זאָל

רעגלמעסיק אינטענסיווע אַרבעטן פיזיש ביי זיך אויפן פעלד. אויף מאָרגן האָט זיך דער פּאַציענט טאַקע גענומען פיזיש אַרבעטן אויפן פעלד (אַן ערך 4–6 שעה טעגלעך). די ערשטע טעג איז אים טאַקע באַדייטענד בעסער געוואָרן — די אַלגעמיינע אומרו האָט נאָכגעלאָזן, דער שלאָף האָט זיך געבעסערט. נאָך אויפן 3–4 טאָג האָט זיך אים די פעלדאַרבעט שטאַרק „איינ־געגעסן" — ווערט זייער גיך מיד ביי דער אַרבעט און קלאָגט זיך דערביי אויף שמערצן און האַרץ־קלאַפּן. אַלע פריערדיקע קראַנקייטס־סימפּטאָמען האָבן זיך נאָך שאַרפער אַרויסגעוויזן — גראָד אין דעם פעריאָד האָבן מיר אָנגעהויבן דעם פּאַציענטן צו באַהאַנדלען.

פון אָנהויב אָן האָבן מיר געשטרעבט עקספּעדיציע־אַרטיק אַריינצודרינגען אין דער פאַרענדערטער אינערלעכער וועלט פונם פּאַציענט. מיר האָבן זיך גענומען סיסטעמאַטיש־אָביעקטיוו צו פאָרשן זיינע קאָנקרעטע איבערלעבענישן דורך פאַרשיידענע מעטאָדן, וואָס האָבן זיך אין משך פון דער עקספּעדיציע־פאָר־שונג אויסגעאַרבעט און אַנטוויקלט. דערווייל וועלן מיר נאָר דערמאָנען די איינפאַכע מעטאָדע פון פאַקטישער זעלבסט־באַשרייבונג, מיט וועלכער מ'באַנוצט זיך אייגנטלעך תמיד און וועלכע מיר האָבן אָבער מעטאָדיש אויסגעבריית. דער פּאַציענט זאָל אונז נעמלעך דערציילן נישט נאָר וועגן די צוואַנגס־אידייען און זיינע אַנדערע פסיכישע שטערונגען, נאָר אויך, וועלכע גע־דאַנקען, געפילן און שטרעבונגען האָבן אים באַשעפטיקט בכלל היינט אין טאָג פון דער אונטערזוכונג, — פּאַמעלעך גייען מיר אַריבער צו פריערדיקע טעג.

הויפּטזעכלעך מוזן מיר עקספּעדיציע־אַרטיק זיך איינשטעלן אויף דער קאָנקרעטער פסיכישער ווירקלעכקייט, פאַקטיש אין איר אַלץ ווייטער דורכדרינגען און מעטאָדיש באַאָבאַכטן. פאַר־גלייכנדיק די באַשריבענע פאַקטן צווישן זיך און מיט אַנדערע קאָנקרעטע אויסערונגען פונם פּאַציענט און זיינע לעבנס־תנאים — מוזן מיר זיך אָנשטרענגען צו אונטערשיידן צווישן פאַקטן און השערות אָדער מיינונגען וועגן אָט די פאַקטן. מיר באַגנוגן

זיך נישט, למשל, ווען דער פאַציענט זאָגט אונז, אַז ער פילט זיך היינט „שלעכט" אָדער „נערוועז". נאָר מיר ווילן דורכאויס וויסן, וועלכע בילדער און רעיונות האָבן אים היינט דערביי באַשעפטיקט, ווי אויך זיין פאַקטישע אויפפירונג. נאָך שטרענגער מוז אָבער זיין דער פאָרשער מיט זיך אַליין, עקספּעדיטאָריש איינהאַלטנדיק דעם טעאָרעטישן דראַנג צו השערות. די זעלבסט־באַשרייבונג זאָל מעטאָדיש דורכגעפירט ווערן מינדלעך און שריפטלעך. צוערשט זאָל מען אין אַ נאַטירלעכן שמועס לענקן די אויפמערקזאַמקייט פון פאַציענטן אויף זיינע פאַקטישע איבערלע־בענישן און מעטאָדיש וועגן דעם אויספרעגן. נאָך עטלעכע אַזוינע שמועסן (וואָס ווערן גענוי פּראָטאָקאָלירט) קענען מיר דעם פאַציענט פאָרלייגן אַליין צו באַשרייבן אויף פּאַפּיר זיינע קאָנ־קרעטע איבערלעבענישן. אַ מין טאָג־בוך, ווו דער פאַציענט קען אַליין פאַר זיך אומבאַאיינפלוסט אויפשרייבן די פאַקטן פון זיין אינערלעך לעבן.

ביי דערדאָזיקער פאָרשונג האָבן מיר ביי אונזער פאַציענט געפונען אַ מערקווירדיקע גרונט־ערשיינונג פון זיין איצטיקן פּסיכישן לעבן, וואָס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן ביי אַלע אַנדערע מעטאָדן פון דער עקספּעדיציע־פאָרשונג. וואָס ווייטער און טיפער אונזער פאָרשונג איז געקומען, אַלץ בולטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אָט די גרונט־ערשיינונג. מיר ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן פון דעם פאַציענטס טאָגבוך, וואָס דריקט עס אויס זייער בילדלעך:

„...כ׳בין היינט שפּעט איינגעשלאָפן און שפּעט אויפגע־שטאַנען. כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט אַזוי מיד און צעבראָכן, אַז כ׳בין געבליבן ליגן אין בעט. דער קאָפּ איז מיר שווער, דאָס האַרץ נאָגט מיר. כ׳וואָלט וועלן, אַז דער טאָג זאָל שוין דורכ־גיין. אַזוי איז דאָס מיר אומערטרעגלעך לאַנגווייליק. דאָס לעבן איז מיר פ ר ע ס נ א, לחלוטין פ ר ע ס נ א[1]. קיין פּאַסיקער וואָרט קען איך מיר נישט געפינען"...

---

1) פונם פּאַציענט אונטע־שטראָכן.

„...פאַריקע נאַכט האָב איך געהאַט אַן אומגעלומפּערטן חלום. כ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז ווי אומגעלומפּערט דער חלום זאָל נישט זיין, דריקט ער אָבער אויס מיין אינערלעכן צושטאַנד. ס׳שטייט פאַר מיר אין חלום אַ מוראדיק גרויסער טאָפּ מיט הירזערנער קאַשע, וואַרעמלעך און לחלוטין אומגעזאַלצן. כ׳מוז דעם גאַנצן טאָפּ אויפעסן. כ׳הויב אָן עסן און דערפיל גלייך, אַז די קאַשע איז לחלוטין „פּרעסנאַ“. טאַקע אומערטרעגלעך. ס׳גייען מיר אויס די כוחות עסנדיק. כ׳קען מיך גאָרנישט ראַטעווען פון דער קאַשע. די געלבלעכע פּרעסנע קאַשע פּילט אָן דורך און דורך מיין גאַנצן קערפּער און דרינגט אַריין אין בלוט און אין מאַרך. דאָס חיות גייט מיר אויס נאָך אַ „לעק“ זאַלץ, נאָך אַ טראָפּן עסיג. כ׳וויל רופן נאָך הילף און קען אָבער נישט שרייען. האָב איך דורכגעבראָכן די פאַרפרוירענע פענסטער און זיך אַרויסגעוואָרפן אין שניי אַריין. איך האָב מיך מיט אימפּעט געקוליעט אין קאַלטן שניי, וואָס האָט מיך אָפּגעפרישט און געקוויקט. כאָטש פאַרפרוירן ווערן, אַבי זיך באַפרייען פון דער פּרעסנער קאַשע. כ׳האָב פון שמחה געשריגן. ס׳האָט מיר נאָר באַלד אָנגעהויבן זייער שטאַרק פרירן און... דאָס ווייב האָט מיך אויפגעוועקט, ווייל כ׳האָב שטאַרק געשריגן פון שלאָף, בין דערביי געלעגן אַ אָפּגעדעקטער. פון דעם אומגעלומפּערטן חלום קאָן שוין אַפילו דער דאָקטאָר איינזען, ווי ווייט מיר איז דאָס לעבן „פּרעסנע“. כ׳האָב דאָך דאָס די גאַנצע צייט פון מיין קראַנקהייט נישט אויפגעהערט צו פילן“...

די פאָרשונגען לויט פאַרשידענע אַנדערע מעטאָדן האָבן פון אַלע זייטן געפירט צו דערזעלבער גרונט־דערשיינונג, וואָס באַהערשט און פאַרענדערט דאָס פּסיכישע לעבן פון דעם פּאַציענט. די לעבנסגעשיכטע, ווי אויך די לעבנס תנאים באַגרינדן עס אויף אַן עמפּירישן אופן. נאָך דעם גרויסן געלט־פאַרדינסט האָט דער פּאַציענט פּלוצים אויפגעהערט צו האַנדלען. דער מסחר איז אָבער נישט נאָר אַ צוועקמעסיקע האַנדלונג פאַר נאַטירלעכע פּרנסה־שטרעבונגען, וואָס באַפרידיקט בלויז די קאָנקרעטע אינטערעסן און באַדערפעענישן פון לעבנסקאַמף. נאָר אין דעם מסחר איז אויך

פאַראַן אַ גאַנצע מאַסע פון פּסיכיש אַקטיווירנדיקע איינווירקונגען: געוויסע ריזיקאַלישקייט, פאַרבונדן מיט אַ נישט גאַנץ זיכערן וויסן וועגן מאָרגן, די שפּיל קאָמבינאַציע פון קויף און פאַרקויף ביי פאַרשידענע קאָניוקטורן, די שפּאַנונגען ביי אומבאַקאַנטע אָדער אומדערוואַרטע מאַרק־ענדערונגען, די נויטיקע איניציאַטיוו און סוחרישע אַמביציע, געוויסע עלעמענטן פון אַבענטויערלעכקייט און אַזאַרט, אונטערנעמערישע ליידנשאַפט א. א. וו. לויט די נאַטירלעכע פּרנסה שטרעבונגען און קאָנקרעטע אינטערעסן פון דעם לעבנסקאַמף איז עס אפשר געווען ראַציאָנאַל, וואָס דער סוחר האָט נאָך אַ קאָלאָסאַלן געלט־פאַרדינסט ביי אַ שלעכטער געשעפטלעכער קאָניוקטור אויפגעהערט אויף אַ אומבאַשטימטער צייט צו האַנדלען. ער האָט אָבער דערביי פאַרלוירן די פּסיכיש לעבנס־וויכטיקע סטימולן, וואָס וועקן און שפּאַנען זיין נשמה־לעבן. ביי דעם פעלן פון אַנדערע פאַרכאַפּנדיקע אינטערעסן, איז דאָך דער מסחר געווען פאַר אים כמעט דער איינציקער סטימולירקוואַל. שוין אַ קורצע צייט נאָך דער ליקווידאַציע פאַרלירט ער די אינערלעכע שפּאַן־קראַפט און דעם פּסיכישן לעבנס־סטימול. דאָס לעבן ווערט אים „פּרעסנא”. ס׳קומט באַלד צו אַ אינערלעכער אָפּגעלאָזנקייט, און אַלץ מער ווערט געשטערט דאָס פּסיכישע גלייכגעוויכט. ער קען שוין מער נישט באַוועלטיקן די פריער אַזוי גוט באַהערשטע שוואַכקייטן פון זיין פּסיכאָ־פיזישער נאַטור, וואָס שטייגערן זיך איצט צו קראַנקהאַפטע סימפּטאָמען (ווי דאָס איז באַזונדער בולט ביי די צוואַנגס־אידעען און צוקונגען פון לינקן אויג). איצט קלאַמערט ער זיך אינסטינקטיוו אָן דער נערוועזישקייט, שטייגערט און פאַרטיפט זי, ווייל די נערוועזישקייט גיט אים שאַרפע, ווען אויך קראַנקהאַפטע, רייצן און סטימולן. ער לויפט אינסטינקטיוו פון דעם „פּרעסנעם” לעבן אין דער קרענקלעך פילפאַרביקער נערוועזישקייט, וואָס עפנט פאַר אים די טראַגיש־רייצנדיקע תהומות פון שמערצן און ליידן, די רייצנדיקע מאָוימדיקייט פון סכנה און לעבנס־וואַקלעניש. אָט ווי אין חיים וואַרפט ער זיך אין אייז־פראָסטיקן שניי און וויל „כאָטש פאַרפרוירן ווערן, אַבי באַפרייען זיך פון דער פּרעסנער קאַשע”. דער קראַנקער אַליין

דריקט עס אויס זייער דייטלעך אין זיין טאָגבוך, ווי למשל, אין אַזאַ ציטאַטע:

„...נעכטן בין איך אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן. דער קאָפּ האָט מיר שטאַרק וויי געטון און די פּלייצעס האָבן מיר געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. אין מוח האָבן זיך ביי מיר ווי אין אַ קדחת געדרייט שמערצנדיקע רעיונות וועגן מיר און מיינע קינדער. ס׳איז מיר אויפגעגאַנגען אַ רעיון, אַז מיינע ליידן האָבן כאָטש איין טרייסט. די ליידן זענען ווי אַ שווערע שכרות, וואָס לאָזן כאָטש אַ ווייליקע פאַרגעסן די פּרעסנע פּוסטקייט. מיך וואָלט בפירוש נישט אַרן אַנידערלייגן זיך איצט אויף אַ שטאַרקע הייז-קראַנקהייט, וואָס זאָל טאַקע גוט דורכנעמען און דערשיטערן. איך דערשרעק מיך פאַר אָט דעם ווילדן רעיון — ס׳ציט מיך אָבער צו דעם, ווי אַ שיכור צו בראָנפן"..

אויפן גרונט פון דער פאָרשונג האָב איך דעם קראַנקן אָפן אויפגעקלערט די סיבה און דעם תוך פון זיין קראַנקהייט — פּסיכישער סקארבוט! כ׳האָב עס אים קלאָר באַוויזן פון זיינע אייגענע באַשרייבונגען, פון דעם אַנדערן פאָרשונגס-מאַטעריאַל און זיין לעבנסגעשיכטע. כ׳האָב אים געראָטן, ער זאָל זיך ווייטער אינטענסיוו נעמען פאַרן מסחר, בעסער אַריבערצופאָרן, ווען מעגלעך, אין אַן אַנדער שטאָט (דאָס פאָרן און בייטן די סביבה האָבן, ווי ס׳ווייזן אַרויס אונזערע פאָרשונגען, אַ גרויסע פּסיכיש סטימולירנדיקע שטויס-קראַפט). ער איז אָבער אַזוי אינערלעך אָפּגעלאָזן, אַז ער פאַרמאָגט נישט די נויטיקע ווילנס-קראַפט צו אַרבעט, ווי אַ סקארבוט-קראַנקער פאַרלירט דעם אַפּעטיט צום עסן. ער האָט זיך פונדעסטוועגן אויף מיין עצה עטוואָס אָנגע-שטרענגט און דערוויייל זיך נאָר אָנגעהויבן טרעפן מיט געשעפטס-מענטשן און אַ „שמעק" טון אין דער געשעפטלעכער לופט. אָט דער „ריח", די ערשטע איינדרוקן, האָבן צו ביסלעך געוועקט זיין סוחרישן חשק. באַלד טאַקע האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט. מ׳האָט אים פאָרגעלייגט אין אַן אַנדער שטאָט אַ געשעפט „אַ מציאה", וואָס האָט גרויסע פּערספּעקטיוון, ער איז אַוועקגעפאָרן אַהינצו, אָפּגעקויפט דאָס געשעפט און פאַרדרייט אַ גרויס „ראָד". איך

בין געווען דערשטוינט, ווען איך האָב שוין אין אַ פּאָר וואָכן אַרום באַקומען אַ ידיעה, אַז אַלע נערוועזע דערשיינונגען זענען כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן, כ׳בין דערנאָכדעם געפאָרן אין זיין נייעם וווינאָרט און האָב אים פעריאָדיש מער ווי 1½ יאָר באַאָבאַכטעט. ער האָט כסדר ווי אין די פריערדיקע יאָרן מיט גרויס אימפּעט געהאַנדלט און האָט זיך אויף קיין זאַך נישט געקלאָגט. קיינע צוואַנגס-אידעען וועגן די קינדער. נאָר אין זעלטענע מאָמענטן פון גרויסער אויפרעגונג צוקט ביי אים ווען-נישט-ווען אַ קורצע ווײַלע דאָס לינקע אויג.

איצט ווילן מיר גאַנץ קורץ ברענגען אַ בולטן פאַל פון פּסיכישן סקאַרבוּט ביי אַ קינד.

אַנני, 12 יאָר אַלט, פיזיש געזונט, גוט באַגאַבט, זייער לעבעדיק און מונטער, האָט צוויי עלטערע ברידער און אַ קליין שוועסטערל. די עלטערן זענען זייער רייך און געבן די קינדער אַ וועלטלעכע ערציונג. ווײַל די עלטערן זענען זייער באַשעפטיקט און קענען זיך נישט ווי געהעריק אָפּגעבן מיט די קינדער, האָט מען אַנני אויף דעם 12 יאָר אַוועקגעשיקט אין אַ רייכן געשלאָסענעם פּאַנסיאָן. אַנני איז נישט גערן אַריין אין דעם פּאַנסיאָן, וואָס האָט אויסגעזען פאַר איר לעבהאַפטער נאַטור צו איינטאָניק און לאַנגווײַליק. שוין די ערשטע טעג האָט זי זיך אַרויסגעוויזן מאָדנע דרייסט און אומדיסציפּלינירט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן שאַרפע קאָנפליקטן צווישן איר און דער לייטערן. אַהיים שרייבט אַנני שווערע בריף, זי קלאָגט זיך ביטער, אַז דער פּאַנסיאָן איז „גרוי און לאַנגווײַליק, ווי דער טויט". זי בעט זיך רחמים מ׳זאָל זי נעמען אַהיים אָדער מ׳זאָל זי אַריבערפירן אין אַ בעסערן אָרט. די עלטערן האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ קאַפּריז און איר געשריבן, אַז דערווײַלע מוז זי אָן שום טענות בלייבן אין פּאַנסיאָן. אין אַ קורצער צייט איז אַנני געוואָרן זייער אויפגערעגט, שרייט און וויינט אָפט. האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, זעט אויס עטוואָס בלאַס. שטייט אויף אינדערפרי מיט שוואַרצע קרייזן אונטער די אויגן און קלאָגט זיך אָפט אויף קאָפּ-שמערצן. די לייטערן האָט פאַרזיכטיק וועגן דעם גע-

שרייבן אַהיים און געראַטן, מ'זאָל זי אויף אַ צייט אָפּנעמען פֿון פּאַנסיאָן. דערווייל האָט די לייטערין איינמאָל שפּעט ביינאַכט באַאָבאַכטעט אַנני אין איר צימער און דערזען, אַז אַנני שלאָפֿט נישט און ליגנדיק אין בעט הערט זי נישט אויף צו אָנאַנירן. אַנני איז באַלד, צום שרעק פֿון גאַנצן פּערסאָנאַל, אַריינגעפֿאַלן אין אַ אומגעוויינלעכע עראָטישע אויסגעלאַסנקייט. זי האָט געהיים אַריינגערופֿן צו זיך אין צימער עטלעכע חברטעס, זיך אויסגעטאָן נאַקעט און, רעדנדיק ניבול-פּה, פֿאָרגעמאַכט עראָטיש אויסגעלאַסענע באַוועגונגען. אין דעמזעלבן טאָג האָט מען זי מיט אַ ספּעציעלן מענטשן אָפּגעשיקט פֿון פּאַנסיאָן אַהיים. דער קינדער דאָקטאָר פֿון פּאַנסיאָן האָט ערקלערט, אַז אַנני האָט אַ עראָטיש געשטייגערטע פּסיכאָפּאַטישע קאָנסטיטוציע און זי מוז אָנקומען אין אַ ספּעציעלן אַנשטאַלט פֿאַר נערוועזע קינדער. דאָס קינד איז דאַן געקומען אונטער מיין באַהאַנדלונג. נאָך אַ גרינדלעכער עקספּעדיציע - פֿאָרשונג האָבן מיר אָביעקטיוו קאָנסטאַטירט די כאַראַקטעריסטישע ערשיינונגען פֿון פּסיכישן סקאָרבוט. מחמת דעם אויספֿעלן פֿון דעם אינדיווידועל נויטיקן סטימוליר-שטאָף אין דעם „גרויען" פּאַנסיאָן איז ביי דעם קינד אַרויסגערופֿן געוואָרן אַ פּסיכישע גלייכגעוויכטס-שטערונג, און ביי דער אינערלעכער אָפּגעלאָזנקייט האָט אַנני נישט געקענט מער באַוועלטיקן די פֿריער גוט באַהערשטע אויפֿוואַכנדיקע עראָטיק פֿון דעם איבערגאַנגס-עלטער. איך האָב געראַטן דעם פֿאָטער, מ'זאָל אָפּגעבן דאָס קינד אין אַ געוועינלעכער שול און לאָזן איר די פֿריערדיקע באַוועגונגס-פֿרייהייט, וואָס איז פֿאַר איר אַ שטאַרקע סטימוליר-קראַפֿט. אַ חוץ דעם, זאָל מען ערציעריש ערפֿילן אירע באַרעכטיקטע שטאַרקע שטרעבונגען צו גליטש-שיך (אויף דעם גליטש פּלאַץ), רימטישער גימנאַסטיק און טאַנץ. אויך דאָ האָבן צום אַלגעמיינעם שטוינען די נערוועזע ערשיינונגען ווי מיט די הענט אָפּגענומען. אין אַ משך פֿון אַ לאַנגער צייט האָב איך פֿון שול און פֿאַמיליע באַקומען דורכאויס גינסטיקע ידיעות.

ווי גרויס ס'זאָל נישט זיין די צאָל באַאָבאַכטע פֿאַלן און

ווי אַלגעמיין ס'זאָל נישט זיין זייער באַדייטונג, מוז אָבער די עקספּעדיציע-פאָרשונג זיך האַלטן האַרט ביי דער ווירקלעכקייט און נישט פאַראַלגעמיינערן. מיר קענען דערווייל פּאָרזיכטיק אונזער אויספירונג אַזוי פאָרמולירן: אין אַ גרויסער צאָל פאַלן ווייזט זיך אַרויס די נערוועזישקייט אַלס אַ פּסיכישער סקאָרבוט, ד. ה. אַלס אַ פּסיכישע אָדער נעווראָ-פּסיכישע גלייכגעוויכטס-שטערונג, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך אַ לאַנגדויערנדיק אויס-פעלן פון אינדיווידועל - נויטיקן פּסיכישן סטימוליר-שטאָף אָדער פּסיכישע וויטאַמינען, און קען געהיילט ווערן דורך אַ אַנט-שפּרעכנדיקע דערגענצונג פון דעם לעבנס-שטייגער דורך אינדיווי-דועל-נאַטירלעכע סטימוליר עלעמענטן.

נישט באַאָבאַכטנדיק קאָנקרעט דאָס רעאַל-פּסיכישע לעבן, האָט די וויסנשאַפט ביז אַהער אַזוי ווייניק געפאָרשט די לעבנס-וויכטיקע באַדייטונג פון פאַרשידענע איינדרוק-שטאָפן אויף דעם פּסיכישן גלייכגעוויכט. אין דער ספּעציעלער ליטעראַטור זענען באַשריבן געוואָרן אייניקע פאַלן פון מענטשן, וואָס האָבן זיך פון געבורט אָן ערצויגן אויסער יעדער מענטשלעכער סביבה (ווי דער ווילדער פון ראַובער). דידאָזיקע זענען פּסיכיש אַזוי טיף פאַרקריפּלט, אַז זיי האָבן שוין אַפילו קיין מענטשלעכע ענלעכ-קייט נישט. אַ נאָרמאַלע פּסיכיק קען זיך אַנטוויקלען נאָר אין אַ באַשטימטער ביאָ-סאָציאַלער סביבה, פון וואַנען זי באַקומט נויטיקע איינווירקונגען און איינדרוק-שטאָף. איז דאָך לאָגיש און פאַקטיש אומעגלעך, אַז כאַראַקטער און צוזאַמענשטעלונג פון דעם איינדרוק-שטאָף זאָל זיין גלייכגילטיק פאַר דעם פּסיכישן צושטאַנד. דערפאַר זעען מיר טאַקע ביי אונזער דורכויס אָביעקטיווער פאָר-שונג, אַז ביי דעם אויספעלן בלויז פון פּסיכישן סטימוליר-שטאָף קומט עס צו נעווראָ-פּסיכישער גלייכגעוויכטס-שטערונג — פּסיכישער סקאָרבוט!

מיר אונטערשטרייכן אין אונזער אויספירונג די באַדייטונג פון דעם אינדיווידועל-נויטיקן. די פאָרשונגען האָבן געמלדעט באַוויזן, אַז די עמפּינדלעכקייט צו דעם מאַנגל פון פּסיכישן סטימוליר-שטאָף איז נאָך גראַד און ריכטונג אינדיווידועל פאַרשידן

און איז אָפּהענגיק פון קאָנסטיטוציע, עלטער און ערציִונג. אויך דאָ, ריין בילדלעך פאַרגלייכנדיק, זעען מיר אַ ענלעכע אינדיווי־דועלע פאַרשידענקייט ביי דער פיזישער סקאָרבוט־קראַנקייט. די זייער לעבהאַפטע טעמפעראַמענט־פולע אַנני האָט שאַרפער רעאַגירט אויף דאָס „גרויע" פּאַנסיאָן־לעבן, ווי אירע אַנדערע פּאַנסיאָן־חברטעס; איר סטימוליר־שטאָף איז, פאַרשטייט זיך, אַן אַנדערער, ווי ביי דעם געוועזענעם סוחר. עלטערע רויִקע נאַטורן רעאַגירן אַנדערש, ווי יונגע לעבנס־פולע מענטשן. די וואָס זענען ערצויגן אָדער געוואוינט צו אַ רייצפולן אָדער סטימול־רייכן לעבן, קאָנען שווערער איבערטראָגן אויף לענגערע צייט אַ רעלאַטיוו „גרויען" לעבנס־שטייגער. אַ גרויסשטאָטישער מענטש, למשל, קאָן זיך שווער איינלעבן אין דער „גרויער" אַטמאָספער פון אַ קליין שטעטל. מיר האָבן באַאָבאַכטעט אייניקע אַזוינע פאַלן, וואָס זענען אָבער בכלל נישט ווייניק באַקאַנט. אָט איז, למשל, אַזאַ טיפּישער פאַל פון פּסיכישן סקאָרבוט.

אַ גרויסשטאָטישער סוחר, 36 יאָר אַלט, פיזיש געזונט, האָט אַ פרוי מיט צוויי קינדער, דורכשניטלעך אינטעליגענט, האַלט זיך פאַר אַ „מאָדערנעם" גרויס־שטאָט ־ מענטשן. געשעפט־לעך האָט ער געמוזט איבערפאָרן פון דער גרויס־שטאָט אין פּראָווינץ. די ערשטע צייט, לויט זיין זעלבסט־באַשרייבונג, האָט אים אינטערעסירט די היימישע גוטמוטיקע רויִקייט פון פּראָווינץ. דערנאָכדעם אָבער האָט אים באַהערשט אַ קרענקלעכע בענקשאַפט (אין זיין רוסישער זעלבסט־באַשרייבונג הייסט דאָס: больно затосковал) האָט אָנגעהויבן אַלץ מער צו טרינקען און איז פּאַמעלעך געוואָרן אַ שווערער אַלקאָהאָליקער. ווי ביי דעם אויבנבאַשריבענעם סוחר, לויפט ער פון דעם „פּרעסנעם" לעבן אין די שכרות.

באַאָבאַכטונגען באַווייזן, אַז אָפּטמאָל קענען אויך צייט־ווייליקע לעבנס־תנאים שטייגערן אָדער פאַרענדערן אויף אַ געוויסער צייט דעם אינדיווידועל נויטיקן מינימום פון פּסיכישע סטימוליר־שטאָפן. ס'שפּילט אַ ראָלע די דינאַמישע ווירקונג פון דעם לעבנספאַרלויף. אָט איז אַזאַ כאַראַקטעריסטישער פאַל:

מאַניע, 24 יאָר אַלט, פיזיש געזונט, ענערגיש, אויפ־ברויזנדיק (אַ כעסנטע), האָט באַקומען אַ היימיש־באַלעבאַטישע ערציונג. דער פאָטער איז אַ קרעמער אין אַ קליין שטעטל. די לעצטע יאָרן העלפט מאַניע הויפּטזעכלעך דעם עלטער געוואָרענעם פאָטער אין געשעפט. איינמאָל איז זי אַוועקגעפאָרן צו גאַסט צו איר רייכן פעטער אין דער גרויסער הויפּטשטאָט. דאָרט האָט זי אין אַ פולער מאָס געקענט געניסן די הויפּט־שטאָט. איבעראַשט און פאַרוווּנדערט האָט זי זיך דאָרט ענערגיש גענומען, ווי נאָר מעגלעך, אַלץ אויסצוזען און אי־בערצולעבן. קומענדיק אַהיים אין שטעטל האָט זי שווער געקענט אַריבערטראָגן דעם קאָנטראַסט. ס'האָט זיך איר געדוכט, לויט איר אויסדרוק, ווי זי וואָלט פּלוצים אַראָפּגעפאַלן פון אַ ברויזנדיקן שיינעם ים אין אַ קליינינקער בלאָטע. אַלץ אַרום איז קליינלעך און גרוי, אויך דאָס אויסזען פון די עלטערן האָט איצט זי טיף אויפגערעגט, דאָס גאַנצע לעבן איז „נמאס". די ערשטע נאַכט איז זי נישט געשלאָפן און פאַר זיך אַליין שטיל געוויינט. פון דעם צווייטן טאָג אָן האָט זי אין משך פון אַ גאַנצער וואָך (מיט קליינע רויקע הפסקות) אַרויסגעוויזן שווערע היסטערישע סימפּטאָמען, זי האָט מער נישט געקענט באַוועל־טיקן די פריער ליידלעך - באַהערשטע אויפברויזנדיקייט, וואָס האָט זיך איצט אומבאַגרענעצט דורכגעריסן און זיך געשטייגערט צו היסטערישע אָנפאַלן — שטאַרק אפעקטירטע סצענעס מיט פּלוצימדיקע איבערגאַנגען פון וויינען צו לאַך־קראַמפּן. שעהן לאַנג ווערט זי ווי געליימט און קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. אין אַ וואָך אַרום זענען די אָנפאַלן אַלץ זעלטענער און שוואַכער געוואָרן. ס'האָבן פאַמעלעך פאַר איר אויפגעוואַכט די אַלץ מער פאַרכאַפּנדיקע זאָרגן און אינטערעסן פון איר קאָנקרעטן לעבנס־קאַמף. זי האָט זיך אָנגעהויבן איינגעוואוינען און ווידער זיך איינשטעלן אויף די נאַטירלעכע סטימולן פון איר שטענדיק לעבן. אָט אַזוי זענען די היסטערישע סימפּטאָמען פאַרשוווּנדן.

אין יאָר 1919 האָבן מיר אין קיעוו אין צייט פון רעוואָלוציע דורך גרינדלעכע עקספּעדיציע־פאָרשונג געקאָנט אין

אייניקע פאַלן קאָנסטאַטירן די היילנדיק־גינסטיקע ווירקונג דווקא פון דער שווערער רעוואָלוציע־צייט אויף נערוועזע און היסטע־רישע מענטשן. ס'האָט זיך געלאָזט אָביעקטיוו פעסטשטעלן, ווי דאָס איז אויך פון זעלבסט קלאָר, אַז די רעוואָלוציע ברענגט נישט נאָר זאַכלעך וויכטיקע פאַרענדערונגען פאַר די קאָנקרעטע פסיכישע באַדערפעניש און אינטערעסן, נאָר אויך אַ אומגעהויערע מאַסע פון פסיכישן סטימוליר־שטאָף: דער פאַרכאַפנדיקער דראַנג פון ברויזנדיקן מאַסן־לעבן, דער מיטרייסנדיקער טעמפּ פון די לויפנדיקע געשעענישן, אַפטע איבעראַשונגען, די אינערלעכע גרייטקייט אויף אומדערוואַרטע פּאַסירונגען, דאָס מער אָדער ווייניקער מאַוימדיקע געפיל פון לעבנס־וואַקלעניש און די געפאַר פון אַפטע עקסצעסן א. אַ. וו. אַט דער פרישער סטימוליר־שטאָף קען ביי באַשטימטע תּנאים וועקן אין דעם נערוועזן אָדער היסטערישן מענטשן, די פאַרלוירענע אָדער שטאַרק אָפּגעשוואַכטע שפּאַן־קראַפט פון נשמה־לעבן און אַזוי אַרום ברענגען אַלץ מער צו היילנדיקער אינערלעכער אויס־גלייכונג. מיר ווילן דאָ ברענגען אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל.

אַ זייער רייכע בירגערלעכע פרוי, 37 יאָר אַלט, האָט צוויי דערוואַקסענע קינדער, דער מאַן איז אַ גרויסער סוחר, לעבט זייער רייך און ברייט. נישט האָבנדיק אַליין וואָס צו טון, באַזוכט זי אָפט טעאַטער, האָט פיל באַקאַנטשאַפט און נעמט פיל אַנטייל אין וווילטעטיקע געזעלשאַפטן. פון נאַטור אָבער און דורך קנאַפער ערציונג איז ביי איר ווייניק אויס־געבילדעט דער חוש פאַר עסטעטישע און געזעלשאַפטלעכע זאַכן, וואָס רופן ביי איר טאַקע נישט אַרויס קיין אינערלעכן אינטערעס. קלאָגט זי זיך זייער אָפט אויף דאָס „גרויע" לעבן, זי איז „פעסימיסטיש" — האָט נישט קיין אינטערעס אין לעבן. איז אָפט זייער שלעכט געשטימט. ווערט אַלץ מער אינערלעך אָפּגעלאָזן. אין די לעצטע יאָרן האָט זי אָנגעהויבן אַרויסווייזן שווערע היסטערישע סימפּטאָמען. שטאַרק אַפעקטירטע סצענעס מיט לאַנג־דויערנדיקע קרעמפּן, פאַרלירט שעהן לאַנג דעם לשון. נאָר אָט איז געקומען די שווערסטע רעוואָלוציע־צייט,

איר רייך הויז ווערט „נאַציאָנאַליזירט“, זי מוז זיך מיט דער גאַנצער פאַמיליע אַריבערקלייבן אין אַ קליינע וווינונג. פאַר איר, ווי פאַר אַלעמען, הויבט זיך אָן אַ אָנגעשטרענגטע לעבנס־צייט. אויך אין די פריערדיקע יאָרן פלעגט זי קאָנען זיין פיל באַשעפטיקט, אָבער איצט איז זי דורך דעם שאַרפן סטימוליר־שטאָף פון רעוואָלוציע אינערלעך געשטייפט און געשפאַנט. אַלץ זעלטענער און שוואַכער ווערן די היסטערישע סימפּטאָמען, ביז זיי פאַרשווינדן אינגאַנצן. אויף מיינער אַ פראַגע ענטפערט זי האַלב גלייכוואַרטלדיק: „מ'איז אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז מ'האָט נישט קיין כּוח און קיין חשק צו קרענקען“. אין משך כּמעט פון אַ יאָר מערקט מען נישט ביי איר קיין שום פּסיכישע שטערונג. נאָך סוף יאָר איז איר געלונגען מיט דער פאַמיליע אַריבערצופאָרן קיין אויסלאַנד. דאָרט האָבן זיי ווידער אַ רייכע וווינונג, רויק לעבן און „נויטיקן“ לוקסוס. די ערשטע צייט האָט זי „אָפּגעטעמט“ פון דעם שפּאַנענדיקן רעוואָלוציע־לעבן. אין משך פון דער צייט האָט זי זיך אָבער אַלץ מער איינגעוווינט מיט דער נייער סביבה. דאָס „גלאַטע“ רויקע לעבן האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן מאָנאָטאָן צו ציען. דער מאַן איז פאַרנומען מיט געשעפטן, זי באַזוכט טעאַטער... זי איז שוין ווידער „פּעסימיסטיש“ און ווערט אינערלעך ווייטער אַלץ מער אָפּגעלאָזן. ס'האָבן זיך נאָך שאַרפער אַרויסגעוויזן די פריערדיקע היסטערישע סימפּטאָמען. דער מאַן מיינט, אַז דאָס איז אפשר די ווירקונג פון אַ ניי פרעמד לאַנד. זי אָבער קלאָגט זיך ביטער אויף דאָס „גרויע“ עמיגראַנטן־לעבן.

מיר קומען איצט נאָענטער צו דער לערע פון פּסיכישע וויטאַמינען. פּסיכישער סקאָרבוט איז, ווי מיר האָבן געזען, דער צושטאַנד פון אָפּגעשוואַכטן לעבנס־דראַנג, ווען ס'קומט צו אינערלעכער אָפּגעלאָזנקייט און פאַרמינערטער ווידערשטאַנד־קראַפט פון פּסיכישן לעבן. פּסיכישע וויטאַמינען, וואָס ביי זייער אויספעלן קומט עס צו פּסיכישן סקאָרבוט, זענען טאַקע יענע סטימולן, וואָס וועקן אינדיווידועל דעם אומיטלבאַרן לעבנס־דראַנג פון מענטשן, דעם אינדיווידועלן קוואַל פון זיין

לעבנס-שכרות. דער שפּיל-אימפּעט ביי געזונטע קינדער, די גליענדיקע ערנסטקייט ביי יונגע מענטשן, מסירות-נפשדיקע מוטערשאַפט ביי פרויען, דער אונטערנעמערישער אימפּעט פון אַ ליידנשאַפטלעכן סוחר, שעפערישע באַגייסטערונג ביי באַגאַבטע קינסטלער, הייסע רעליגיעזישקייט פון אַ אינערלעך פרומען מענטשן א. אַ. וו. — יעדער מענטש האָט לויט כאַראַקטער, עלטער און ערצויונג זיין אייגענעם קוואַל פון לעבנס-שכרות, וואָס ברענגט אומיטלבאַר אורטימלעכן לעבנס-אימפּעט און גיט דעם מענטשן כח און חשק צו לעבן און צו ליידן. וואָס שטאַרקער (פון נאַטור אָדער ערצויונג) דער לעבנס-אימפּעט, אַלץ גרעסער איז די פסיכישע ווידערשטאַנד-קראַפט. הויך רעליגיעזע מענטשן, רעוואָלוציאָנערן און פאַרליבטע קענען מער און לענגער ביישטיין אַנטקעגן פאַרשידענע נסיונות און ליידן.

אָט דער אינדיווידועל געשטימטער לעבנס-אימפּעט בילדעט די אורטימלעכע וויטאַלישקייט (לעבנס-קראַפט) פון מענטשן. ביים אויספעלן פון פסיכישע וויטאַמינען, ד. ה. ווען די לעבנס-תנאים גיבן נישט קיין סטימולן פאַר דעם אינדיווידועלן קוואַל פון לעבנס-שכרות, קומט עס צו נערוועישקייט אָדער פסיכישן סקאָרבוט.

אין קריטישע לעבנס-מאָמענטן, ביי אַ גרויסן אומגליק אָדער שווערער ערשיטערונג, זוכט דער מענטש סטיכייאיש, דורך ביידע אָדער גרעסערע פסיכישע וויטאַמינען צו פאַרשטאַרקן זיין לעבנס-אימפּעט און באַקומען דורך דעם כח אַריבערצוטראָגן די ליידן. אַ פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן דעם הייסגעליבטן מאַן, קלאַמערט זיך סטיכייאיש אין איר מוטער-ליבע צו די קינדער, אַנדערע לויפן בשעת אַ נשמה-אומגליק אין רעליגיעזישקייט, „אין פאָלק", אויפן פראָנט, אין רעוואָלוציע א. אַ. וו. מיט אַנדערע ווערטער, ביי פסיכישער טראַוומאַ (נשמה-דערשיטערונג) שטרעבט דער מענטש אינסטינקטיוו צו פאַרשטאַרקן דורך גרעסערע פסיכישע וויטאַמינען זיין לעבנס-אימפּעט און אַזוי אַרום, אויפצוהייבן זיין פסיכישע ווידערשטאַנד-קראַפט. ביים אויספעלן פון אַזוינע פרישע וויטאַמינען קומט עס צו אַ קריטישן פסיכישן

סקאָרבוט. מיר באַצייכנען אָט דעם סקאָרבוט אַלס אַ קריטישן, ווייל ער קומט דורך אַ קריזיס פון נשמה לעבן.

דער פּרינציפּ פון לעבנס-שכרות, וואָס אונזער לערע פון פּסיכישע וויטאַמינען ברענגט אַריין, איז צום אונטערשיד פון-דעם פּסיכאָ-אַנאַליטישן א. ד. גל. אַ ריינער עקספּעדיציע-פּרינציפּ, ד. ה. אַ פּרינציפּ, וואָס איז נישט לעבנס-פרעמד און איז אין אַלע זיינע אויספירונגען באַקאַנט יעדן פון זיין אינער-לעכער ערפאַרונג. אַ חוץ דעם, אָט דער פּרינציפּ דאָגמאַטיזירט נישט, ד. ה. ער פאַרגוואַלטיקט נישט די אומענדלעכע פיל-געשטאַלטיקייט פון נשמה-לעבן .ביי פאַרשידענע מענטשן, ווי אויך ביי איין און דעמזעלבן מענטשן אין פאַרשידענעם עלטער און לעבנס-תנאים, זענען די קוואַלן פון לעבנס-אימפּעט אינדי-ווידועל פאַרשידן. יעדעס געפיל, ווי למשל ליבע, נקמה א. ד. גל. ביי באַשטימטע אַנטוויקלונג און סיטואַציע, ברענגען אַריין אינערלעכן אימפּעט און שפּאַן-קראַפט. דער פּרינציפּ פון לעבנס-שכרות גיט אונז טאַקע די מעגלעכקייט צו פאָרשן דעם מענטשן אין זיין רעאַל אומענדלעכער פילגעשטאַלטיקייט.
(זע קאַפּ. 9).

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שטייט נאָך איין וויכטיקער פּונקט. מיר רעדן נישט, ווי דער פּסיכאָ-אַנאַליז, וועגן דער פאַרוואַנדלונג פון איין פּסיכישער ערשיינונג אין דער אַנדערער (דער „פאַרדרענגטער" ווונטש זאָל, לויט דעם פּסיכאָ-אַנאַליז, „זיך" פלומרשט פאַרוואַנדלען אין אַ קראַנקהאַפטן „סימפּטאָם"), וואָס פירט צו ספּעקולאַטיוו-שטעמפּלדיקער „אויסטייטשונג" פון פּסיכישע דערשיינונגען. מיר זעען אָבער פאַר אונז שטרענג אָביעקטיוו די רעאַלע פּערזענלעכקייט, וואָס זוכט אויף אַן אָרגאַניש-נאַטירלעכן אופן צו באַפרידיקן זיין לעבנס-דורשט און באַנוצט זיך לויט כאַראַקטער און סיטואַציע, מיט די אָדער יענע אוצרות פון נשמה-לעבן. ווען דער מענטש קען נישט אויסלעבן זיין אינדיווידועלן אימפּעט גייסטיק — פּראָדוקטיוו, קומט ער דינאַמיש אין די אייגענע נידער-פּרימיטיווע וועלטן. די נערוועזישקייט איז נישט אַ פאַרוואַנדלונג, נאָר אַ נאַטירלעך

אויפקומען פון אייגנאַרטיקע פּסיכישע כּחות, אַ דינאַמיש — צוועקמעסיקע איינשטעלונג פון דער עצם פּערזענלעכקייט.

די ווייטערע פאָרשונגען ווייזן אויף ווי מיר וועלן עס זען אין די נאָענטע פאָרלעזונגען) נאָך טיפער דעם מהות פון פּסיכישן סקאַרבוט. נאָר שוין דידאָזיקע גרונט-דערשיינונג אַליין, ווי מיר האָבן עס ביזאַהער באַשריבן, ווייזט זיך אַרויס נישט נאָר ביי אונזער אָביעקטיווער פאָרשונג, נאָר געפינט זיך אויך אין מערקווירדיקן איינקלאַנג מיט פאַרשידענע באַקאַנטע גרונט-פאַקטן פון פּסיכיש-גייסטיקן לעבן. טאַקע דערפאַר, וואָס אונזער פאָרשונג איז אַן עקספּעדיציע-פאָרשונג, ד. ה. אַ פאָרשונג, וואָס איז פאַקטיש און אַקטועל איינגעשטעלט אויף דאָס פיל-זייטיק רעאַלע פּסיכישע לעבן, ברענגט זי רעזולטאַטן, וואָס זענען קיינמאָל נישט לעבנס-פרעמד און זענען צוגענגלעך פאַר יעדן פון זיין אייגענער אינערלעכער ערפאַרונג. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף גוט באַקאַנטע גרונט-פאַקטן, פון וועלכע מיר האָבן אייניקע אויך אַליין אויף אונזער אופן געפאָרשט.

ווי באַקאַנט, פילן זיך פיל נערוועזע און היסטערישע מענטשן באַדייטנד בעסער אין פרעמדער געזעלשאַפט און קאָנען זיך דאָרט אָביעקטיוו פיל מער באַהערשן, ווי אין דער היים צווישן פאַמיליע און נאָענטע. מ'האָט נאָך ווייניק קאָנקרעט געפאָרשט דידאָזיקע ערשיינונג, מ'קאָן עס אָבער אין אַלגעמיין נישט אָפּלייקענען. אין פרעמדער געזעלשאַפט באַקומט דער נערוועזער מענטש פרישן און שטאַרקן סטימוליר-שטאָף, (דאָס שפּיל פון קעגנזייטיקע אָנרעגונגען, געוועקטע אַמביציע א. א. וו.), וואָס שטאַרקט ביים נערוועזן די אָפּגעשוואַכטע שפּאַן-קראַפט פון נשמה-לעבן און אויף אַזוי פיל הויבט עס די מעגלעכקייט צו זעלבסט-באַהערשונג און פּסיכישער אויסגלייכונג. וואָס אינטערעסאַנטער און אָנרעגנדיקער די פרעמדע געזעלשאַפט, אַלץ מער איז די סטימוליר-גינסטיקע איינווירקונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שטייט די באַקאַנטע הייל-גינסטיקע ווירקונג, וואָס האָבן רייזע און סביבה-ענדערונג אויף נערוועזע אוז היסטערישע מענטשן. אין דער טעראַפּיע אָדער

היילנדיקער באַהאַנדלונג רעקאָמענדירן עס נערוון-דאָקטוירים אָפּט פאַר נערוועזע און היסטערישע מענטשן. אונזערע פאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז מ'מוז טעאָרעטיש און פּראַקטיש אונטערשיידן צווישן סביבה-בייטן און רייזע. דאָס סביבה-בייטן ברענגט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס הייל-ווירקנדיקן סטימוליר-שטאָף — נייגיר און אינטערעס צו דער אומגעוויינטער אָדער ווייניק צוגעוווינטער סביבה, פרישקייט פון נייע איינדרוקן און באַגעגענישן א. ד. גל. די רייזע אָבער ווירקט נישט נאָר דורך דאָס סביבה-בייטן, נאָר הויפּטזעכלעך דורך דעם רייזע-פּראָצעס אַליין. וואָרום דאָס רייזן אַליין, שוין די רייזע-פּאָרבערייטונגען, וועקן און אַקטיווירן פאַרשידענע, טיילווייז האַלב-טונקעלע געפילן און אינסטינקטן (ווי, למשל, דעם טיף-וואָרצלדיקן וואַנדער-אינסטינקט) און דורכדעם רופן זיי אַרויס אינדיווידועל אומגעוויינלעכע אַקטיווישקייט (ביי פיל מענטשן דערגייט עס צו „רייזע-פיבער”, צו וואַנדער-אונטערמערישער ליידנשאַפט) און האָבן אַ זייער גרויסע היילנדיקע סטימוליר-ווירקונג. דאָס זעט מען דייטלעך אין די זעלבסט-באַשרייבונגען פון פיל נערוועזע מענטשן, וועלכע פילן זיך פון דער רייזע „אָפּגעפרישט”, „אויפגעמונטערט”, „אויפגעלעבט” א. אַ. וו.[1]

---

1) גוט איז אַ כאַראַקטעריסטישע זעלבסט-באַשרייבונג פון אַ צוויי-און-דרייסיק יעריקן נערוועזן מענטשן: „...ביי די פאָרבערייטונגען צו מיין רייזע פיל איך זיך מאָדנע אויפגעמונטערט, אַקטיווער און באַוועגלעכער. איינפּאַקנדיק די זאַכן און שליסנדיק דאָס רענצל, פיל איך עפּעס אַ מאָדנע געהויבנקייט, האָב אַן אומערקלערלעך פאַרגעפיל פון באַנייאונג און ווייטע פּערספּעקטיוון, כאָטש איך פאָר דאָך נאָר אויף אַ קורצע צייט. ווער ווייסט אָבער, וואָס אין וועג קען זיך טרעפן... עפּעס אַן אויסגעמישט טרויעריק-לוסטיק געפיל. ערשט נאָך האַלבער נאַכט בין איך פאַרטיק מיט דעם פּאַקן און אַנדערער אַרבעט, איך גיי דאַן אין בעט און אַ מידער ווער איך גלייך אַנטשלאָפן. און פונדעסטוועגן כאַפּ איך זיך אויף צום פאַרטאָגעדיקן צוג אַ פרישער, אַ לייכטער. ס'האָט נאָרוואָס אָנגעהויבן טאָגן. איך טו אַ קוק אין פענסטער — אהא! דער וואָגן וואַרט שוין פאָרן צום וואָקזאַל. כ'האָב מיך פלינק אָנגעטון. ביים געזעגענען פאַרקלעמט מיר עפּעס דאָס האַרץ, און פונדעסטוועגן כאַפּ איך מיך מיט יינגלשער לעבעדיקייט אַראָפּ פון די טרעפּ, די זאַכן אין דער האַנט, איך שפּרינג אַריין אין וואָגן מיט אַזאַ לוסטיקייט, וואָס דערמאָנט מיך אין מיינע קינדער יאָרן, ווען כ'פלעג האָבן די זעלטענע זכיה אַריינכאַפּן זיך אין אַ וואָגן. און אָט האָט זיך דער וואָגן גערירט, איך ווינק צו מיינע אייגענע מיט די הענט — האַלב-שטיפעריש, האַלב טרויעריק-לוסטיק און...”.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז דער כאַראַקטער פֿון דעם אינדיווידועל גייסטיקן סטימוליר-שטאָף און די עמפּינדלעכקייט ביי זיין אויספֿעלן זענען אינדיווידועל פֿאַרשידן, לויט קאָנסטיטוציע, עלטער און דערציונג. וואָס מער, למשל, דער עסטעטישער חוש איז פֿון נאַטור און דורך דערציונג אויסגעבילדעט, אַלץ מער קענען די פֿאַרשידענע ווירקונגס-אַרטן פֿון דער קונסט ווערן פֿאַר דעם מענטשן אַן אומגעהויערער פּסיכישער סטימוליר-קוואַל. די עסטעטישע אָדער קינסטלערישע דערציונג האָט אַ חוץ אַלעמען אויך דערפֿאַר אַ גרויסע באַדייטונג, וואָס זי מאַכט פֿאַר דעם מענטשן צוגענגלעך אַ לעבנס-וויכטיקן סטימוליר-קוואַל פֿון פּסיכישע וויטאַמינען. מיר האָבן אויבן געזען, אַז ביי אַנני איז דער טאַנץ מיט ריטמישער גימנאַסטיק איינע פֿון די היילנדיקע סטימוליר מיטלען. מיר האָבן עס אויך געקאָנט סיסטעמאַטיש באַאָבאַכטן אין אַנדערע פֿאַלן, ווי, למשל, ביי צוויי פֿרויען (איינע 24 און די אַנדערע 31 יאָר אַלט), וואָס האָבן, קורץ געזאָגט, ביי זייער איינזאַמען „גרויען" לעבן אַרויסגעוויזן פֿאַרשידענע היסטערישע סימפּטאָמען. ביים פֿעלן פֿון וועלכע ס'איז פֿאַרכאַפּנדיקע אינטערעסן, האָבן מיר זיי געראַטן אויסלערנען זיך טאַנצן (אַביסל האָבן זיי נאָך פֿון פֿריער געקענט) און 1—2 מאָל אין דער וואָך באַזוכן געזעלשאַפֿטלעכע טאַנץ-אָוונטן. דאָס האָט טאַקע אַריינגעטראָגן פֿרישע סטימולן אין זייער נשמה-לעבן און האָט דורכדעם (ווי ס'איז נאָך באַזונדערס דייטלעך פֿון זייער זעלבסט-באַשרייבונגען) געהאַט אַן אָביעקטיווע הייל-ווירקונג.

די קונסט דורך אירע אַלגעמיין צוגענגלעכע אַרטן, ווי, למשל, טעאַטער, האָט, אַלס גרויסער און שטענדיקער סטימוליר-קוואַל, אַ געוואַלדיקע באַדייטונג אין דער נעוורא-פּסיכישער פֿאָלקס-געזונטקייט. ס'איז דערפֿאַר צו פֿאַרשטיין און צו שעצן, אַלס אַ באַדייטנדיקע דערשיינונג פֿון דעם סאָציאַלן זעלבסט-דערהאַלטונגס אינסטינקט, וואָס אין שווערע צייטן פֿון מלחמה, רעוואָלוציע און הונגער האָט מען נישט פֿאַרמאַכט די טעאַטערס. ווייל דווקא אין די שווערע צייטן ביי דער נייטיקער אָנשטרענגונג איז עס לעבנס-

וויכטיק צו וועקן און צו הויבן די שפּאַן-קראַפט פון נשמה לעבן. ווי מיר האָבן עס אויבן געזען ביי דעם קריטישן פּסיכישן סקאָרבוט, פאָדערן ליידן גרעסערע פרישע פּסיכישע וויטאַמינען. מיר באַקומען אויף דעם אופן אַן אָביעקטיוון און עמפּיריש קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס האָבן געשטעלט אַזוינע פאָרשער, ווי דאַרווין, ווייסמאַן, ריבאָ און אַנדערע[1]). פאַרוואָס, פרעגן זיי, האָט עוואָלוציאָנירט די עסטעטישע טעטיקייט, וואָס האָט דאָך אייגנטלעך נישט לויט איר נאַטור און באַשטימונג דעם סטימול פון נוצלעכקייט בנוגע צו די עקזיסטענץ-תּנאים פון דעם אינדיווידואום. געוויס האָט עסטעטישע טעטיקייט ווייניק צו טון מיט די קאָנקרעטע אינטערעסן און באַדערפעניש פון לעבנס-קאַמף. זי איז אָבער אַ לעבנסוויכטיקער פּסיכישער אַקטיווירקוואַל, אַ עלעמענטאַר נויטיקער „צינדשטאָף", אַ מין פּסיכישער „וויטאַמין", וואָס צינדט און שפּאַנט דאָס נשמה לעבן און פאַרהיט פון אינערלעכער אָפּגעלאָזנקייט און גלייכגעוויכטס-שטערונג — פון פּסיכישן „סקאָרבוט".

ס'איז נישט דאָ דער אָרט אָפּצושטעלן זיך אויף דער אַלגעמיין באַקאַנטער געוואַלדיקער סטימוליר-קראַפט פון רעליגיעזע איבערלעבענישן, וואָס פאַרנעמען אַזאַ גרויסן פּלאַץ אין דעם פּסיכיש גייסטיקן פאָלקס-לעבן[2]).

---

1) זע ריבאָ'ס בוך: „די פּסיכאָלאָגיע פון געפילן" (2 טייל. קאַפּ. 10)

2) ס'איז באַקאַנט דער כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פון דעם באַקאַנטן דענקער, אַז ביי דעם אויסוואַל צווישן אמת און קאַמף פאַר אמת, וואָלט ער אויסגעקליבן דעם אמת-קאַמף. טאַקע דערפאַר זאָגן מיר, ווייל דער קאַמף פאַר אמת שפּאַנט און אַקטיווירט דאָס אינטערעס און אינערלעכע פעיקייט צו אמת. אין דעם העכערן פּסיכיש גייסטיקן לעבן, ווי אין פּסיכישן לעבן בכלל, זענען וויכטיק נישט נאָר די אָביעקטיווע דערגרייכונגען, נאָר אויך די עצם דערגרייכונגס-אַרבעט אַליין מיט אַלע אירע שפּאַנונגען, די רייצנדיקע און טרייבנדיקע קראַפט פון קאַמף און ווידערשטאַנד. אָט ווי ביי דער פאַרהיטונג פון דער פיזישער סקאָרבוט קראַנקייט, בלייבנדיק ביי אונזער ריין בילדלעכער פאַרגלייכונג, איז עס בעסער צו עסן אומגעשיילטן רייז, ווייל אין דער שאָלעכץ זענען פאַראַן פילע אַקטיווירנדיקע וויטאַמינען. אַזוי איז אין פּסיכישן לעבן וויכטיק נישט נאָר די „תּוך" אָדער דאָס ציל פון אונזער טעטיקייט, נאָר אויך די רייבענישן און שפּאַנונגען פון דער עצם טעטיקייט, די אָנשטרענגנדיקע רעלאַטיוו גראָבלעכע מיטל — די וויטאַמין-רייכע „שאָלעכץ" פון פּסיכישן לעבן.

ביי יידן איז רעליגיע אַלע מאָל געווען אַ סאָציאַל-אומערשעפּלעכער קוואַל פון פּסיכישע וויטאַמינען, וואָס האָט געגעבן כח און חשק בייצושטיין אַנטקעגן די נסיונות און ליידן פון דעם שווערן גלות-לעבן.

ווי וויכטיק ס'זאָלן נישט זיין אַלגעמיינע באַטראַכטונגען פאַר אַ פאָרשונג, מוז מען אָבער שטרענג אונטערשיידן צווישן באַטראַכטונגען און פעסטגעשטעלטע פאַקטן. האַלטנדיק זיך האַרט ביי דער פּסיכישער ווירקלעכקייט, מוזן מיר זיך אומקערן צו דער עמפּיריש פעסטגעשטעלטער און אינדוקטיוו באַגרינדעטער גרונט-ערשיינונג פון פּסיכישן סקאָרבוט און אונזער עקספּע-דיציע-פאָרשונג ווייטער פירן — מעטאָדיש דורכדרינגען נאָך טיפער אין דעם רעאַלן נשמה-לעבן און אירע איינהייטלעך-גאַנצע פילזייטיקייט טריט נאָך טריט אָביעקטיוו באַאָבאַכטן און באַשרייבן.

אויסנאַם=נאַטורן און אויסנאַם=צושטאַנדן

(פערטע לעקציע)

חשובע צוהערער!

ווי ס׳טרעפט אָפט ביי אַ עקספּעדיציע-פאָרשונג, דאָס, אַנשטויסנדיק זיך אויף פּלוצים געפונענעם לאַנד, בייט די עקספּעדיציע איר אָנגעקלערטן פּלאַן לויט דעם אומגעריכט געפונענעם וועג. אַט אַזוי האָבן מיר, אָנשטויסנדיק זיך אויף די קאָנקרעטע גרונט ערשיינונג פון פּסיכישן סקאָרבוט געפירט אונזער פאָרשונג ווייטער אין דער ריכטונג.

שוין ביי די ערשטע אונטערגעזוכטע פאַלן האָט זיך קלאָר באַוויזן, ווי מיר האָבן אויבן געזען, אַז דער כאַראַקטער פון דעם אינדיווידועל נויטיקן סטימוליר=שטאָף און די קראַנקמאַכנדיקע עמפּינדלעכקייט ביי זיין אויספעלן איז אינדיווידועל פאַרשידן לויט קאָנסטיטוציע, עלטער און דערציונג. אַט דעם אינדיווידועל באַשטימטן דורשט נאָך פּסיכישע לעבנס-סטימולען אָדער אַט די אינדיווידועל ספּעציפישע עמפּינדלעכקייט ביי זייער אויספעלן האָבן מיר קורץ באַצייכנט (ריין קאָנווענציאָנעל) אַלס גראַד פון פּסיכישן לעבנס=דורשט.

צוערשט האָט זיך געלייגט אויפן מח די השערה צו פאַר=שטיין אויף דעם אופן די אַלגעמיין פאַרברייטערטע באַקאַנטע ערשיינונג. ביי די מייסטן מענטשן איז דאָך דער לעבנס=שטייגער זעלטן צוגעשניטן לויט די אינערלעכע שטרעבונגען, נאָר

הויפּטזעכלעך לויט די קאָנקרעטע אינטערעסן פון דעם לעבנס־קאַמף. און דערפאַר פילט כמעט יעדער מענטש אויף זיין אינדיווידועלן אופן פון צייט צו צייט בענקעניש, אינערלעכע ציענישן, אומצופרידנקייט — אַ מין „דעפיציט״ פון דעם לעבנס־שטייגער, וואָס דעקט נישט אינגאַנצן דעם לעבנס־דורשט אָדער דעם אינדיווידועלן באַדאַרף אין פּסיכישע לעבנס־סטימולן. ביי נאָרמאַלע תנאים זוכט און געפינט יעדער מענטש אויף זיין אופן די מעגלעכקייט צו דעקן דעם „דעפיציט״ פון לעבנס־שטייגער דורך אַזוינע „צוגאָבן״, וואָס האָבן אייגנטלעך ווייניק באַדייטונג פאַר דעם קאנקרעטן לעבנס־קאַמף, נאָר באַפרידיקן הויפּטזעכלעך דעם „רעשט״ פון אומגעשטילטן לעבנס־דורשט. טעאַטער, קינאָ, שפּילן, געזעלשאַפטלעכע אמביציע, ימים־טובים, עראָטישע אָדער אַנדערע געפיל־אויפפלאַקערונגען. רעליגיעזע אינטערעסן אָדער פאַרשידענע וועלטלעך גייסטיקע אינטערעסן, ווי אויך רויכערן, נייגונג צו אַלקאָהאָל א. ד. גל, — אָנהויבנדיק פון לוסטיקע צעשטרויונגען און ענדיקנדיק מיט העכערע גייסטיקע אינטערעסן, — זוכט אַלעמאָל יעדער מענטש לויט זיין כאַראַקטער און דערציונג צו „באַפעפערן״ דאָס „פרעסנע״ לעבן און כאָטש וויפל ס'איז צו דערהערן „דעם״ שאַרפן טעם פון לעבן. ווען אָבער דער „דעפיציט״ פון לעבנס־שטייגער (בנוגע צום אינדיווידועלן לעבנס־דורשט) איז צו גרויס און ווערט אין אַ משך פון לאַנגער צייט נישט געדעקט — קען עס פירן צו אינערלעכער אָפּגעלאָזנקייט און פאַרשידנאַרטיקער פּסיכישער גלייכגעוויכטס־שטערונג — צו פּסיכישן סקאָרבוט.

די אוממיטלבאַרע פאָרשונגען פון דעם רעאַל־פּסיכישן לעבן האָבן אָבער באַוויזן פיל קאמפּליצירטערע און פאַרבנרייכערע באַציונגען. מיר האָבן זיך געמלעך ביי דער ווייטערער פאָרשונג אָנגעשטויסן אויף צוויי מערקווירדיקע קאנקרעטע ערשיינונגען, וואָס באַווייזן אָבער אייגנטלעך נאָר בולטער און טיפער דעם תוך פון די אויבנבאַשריבענע פאַלן. מיר ווילן דאָס קורץ אַזוי פאָרמולירן:

1) אייניקע מענטשן האָבן פון נאַטור (זעלטענער דורך

ערציונג) אַזאַ גרויסן גראַד לעבנס-דורשט אָדער אַזאַ הויכן באַדאַרף אין אַ רייך-רייכן לעבן, וואָס קאָן גאָר נישט געדעקט ווערן דורך אַ מעגלעכן געוויינלעכן לעבנס-שטייגער, וועלכער מוז דאָך צוגעשניטן ווערן לויט די קאָנקרעטע אינטערעסן פון לעבנס-קאַמף און איז פאַר אַזוינע מענטשן אומערטרעגלעך „פּרעסנע". דאָס זענען, ווי מ'רופט עס אין לעבן, גרויסע „ליידנשאַפטס-מענטשן", „שטורמישע נאַטורן" א. אַ. וו. מיר באַצייכנען אַזוינע מענטשן (מיר וועלן שפּעטער זען פאַרוואָס) אַלס „ספּערישע מענטשן". אויב זיי קאָנען נישט ביי אומגינסטיקע לעבנס-תּנאים געפינען די מעגלעכקייט צו גייסטיק-פּראָדוקטיווער אויסלעבונג פון זייער אומגעוויינלעכן אינערלעכן דראַנג – לויפן זיי סטיכייאיש, ווי ביי די אויבנבאַשריבענע פאַלן, אין נערוועזישקייט אָדער מאָראַלישע דעגענעראַציע (שכּרות, פאַרברעכן), וואָס עפענען פאַר זיי די מאָוימדיק שטאַרקע, ווען אויך קראַנקהאַפטע, סטימוליר-תּהומות. זיי קענען זיך, פאַרקערט, באַפרייען פון אָט דער נויט-זינקעניש, ווען אין זייער פּריוואַט-לעבן אָדער געזעלשאַפטס-לאַגע באַווייזן זיך מעגלעכקייטן, (ווי, למשל, ליבעס-אויפפלאַקערונג, שטאַרקע רעליגיעזע ווירקונג, צייטן פון רעוואָלוציע און מלחמה א. ד. גל.) צו גייסטיק פּראָדוקטיוון אויפשוווּנג. אָט ווי דער אויבנבאַשריבענער געוועזענער סוחר, וואָס אָנהויבנדיק ווייטער מיט אימפּעט צו האַנדלען, „פאַרגעסט" ער זיין נערוועזישקייט. אַזוי טרעפן מיר אין אויסנאַם-צייטן (מלחמה, רעוואָלוציע, רעליגיעזער אויפשוווּנג א. ד. גל.) גאָרנישט זעלטן פּסיכאָפּאַטן אַלס גייסטיקע פירער, וואָס שטייען אָבער איצט אויף דער הויך פון די קאָלאָסאַלע אויפגאַבן. טאַקע אָט די קאָלאָסאַלע אויפגאַבן ברענגען פאַר אַזוינע מענטשן די מעגלעכקייט גייסטיק פּראָדוקטיוו אויסצווירקן דעם אומגעוויינלעכן לעבנס-דראַנג, וואָס האָט פריער אינסטינקטיוו געמוזט זוכן און געפינען זיין אויסגאַנג אין דער קראַנקהייט. מיר וואָלטן זיך געקענט בילדלעך אַזוי אויסדריקן: ווען דער שטורמישער לעבנס-דראַנג פון אַזוינע מענטשן קאָן נישט שטייגן אין דער הויך איבער דעם

געוויינלעכן לעבנס-ניוואָ, מוז ער זינקען אין דער טיף, פון וואַנען ער קאָן זיך ביי גינסטיקער מעגלעכקייט אַדורכרייסן אין דער הויך. דאָ ווייזט זיך בולט די דינאַמישע פאַרבונדנקייט צווישן שטייגן און זינקען, צווישן די צוויי כלומרשט קעגנגעזעצלעכע פסיכישע צושטענדן, ווי גייסטיקע פּראָדוקטיווישקייט און גייסט-קראַנקהייט, וואָס בייטן זיך דינאַמיש מיט אײנאַנדער. מיר וועלן ווייטער ברענגען אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל.

2) ס'קאָנען אויך אין דעם לעבן פון יעדן מענטשן פאָרקומען פסיכישע אויסנאַם-צושטאַנדן — עקסטאַטישע, טראַגישע אָדער בכלל טיף ערשיטערנדיקע אינטימע איבערלעבענישן. די דאָזיקע קאָנען ביי יעדן מענטשן העכערן דעם אינדיווידועלן לעבנס-דורשט, וואָס קאָן אין אַ משך פון אַ לאַנגער צייט נישט באַפרידיקט ווערן פון אַ געוויינלעכן לעבנס-שטייגער. דאָ האָבן מיר ווייטער דאָס זעלבע: ווען דער גרויס-געוואָרענער לעבנס-דורשט האָט נישט די גינסטיקע מעגלעכקייט זיך גייסטיק אויסצוווירקן, מוז ער אינסטינקטיוו זוכן און געפינען זיין אויסגאַנג אין קראַנקהייט אָדער מאָראַלישער דעגענעראַציע. צום אונטערשיד פון די באַשריבענע „ספּערישע" מענטשן, האָבן מיר דאָ צו טון מיט „ספּערישע" צושטאַנדן. דאָרט האָבן מיר צו טון מיט אַ נאַטירלעך גרויסן, דאָ — מיט אַ גרויס-געוואָרענעם לעבנס-דורשט. מיר ברענגען דאָ צוויי כאַראַקטעריסטישע פאַלן.

געאָרג, פיזיש געזונט, אינטעלעקטועל גוט באַגאַבט, זייער ליידנשאַפטלעך, האָט צוויי יינגערע ברידער און אַ עלטערע שוועסטער, אינטעליגענטע פאַרמעגלעכע עלטערן (דער פאָטער איז אינזשינער), די קינדער באַקומען אַ וועלטלעכע ערציִונג. געאָרג איז ביי ניין יאָר אָנגעקומען אין גימנאַזיע. שוין אויפן דריטן לערן-יאָר האָט ער אָנגעהויבן אומרעגלמעסיק באַזוכן די שול. ווי אַ גימנאַזיסט גייט ער אַלע טאָג אַ $7\frac{1}{2}$ זייגער אין דער פרי אַרויס פון דער היים. אָבער גאָר נישט זעלטן (דורכשניטלעך 1—2 מאָל אַ וואָך) אַנשטאַט צו גיין אין גימנאַזיע, בלאָנקעט ער זיך אַרום ערגעץ אין שטאָט. אָפטמאָל פאַרשווינדט ער נאָך דער

ערשטער ליצקציע פון גימנאַזיע. ער האָט זיך אַפילו געפונען ערגעץ אין שטאָט פאַסנדיקע חברים, געגרינדעט אַ מין וואַנדערגרופע, וועלכע האָט אים געמאַכט פאַר אַ פירער. אויך אין גימנאַזיע איז ער ביי זיינע שול-חברים אַ באַליבטער פירער. נישט אַלעמאָל געלינגט עס דער מוטער אים אויפצוהאַלטן נאָך מיטאָג אינדערהיים און צווינגען אים מאַכן די אויפגאַבן. אָפט פאַרשווינדט ער אונטער די הענט און נאָך לאַנגע זוכענישן געפינט מען אים ערגעץ אויפן גאַס אָדער ביי אַ חבר „צו גאַסט”. אויף די ביטערע פאָרווורפן פון עלטערן און לערער דרייט ער זיך אויס מיט כלערליי פאַרשפיצטע תירוצים און ווען ס'איז גאָר שלעכט, שווייגט ער קאַלט-בלוטיק, פאַרלירט אָבער קיינמאָל נישט זיין שטאָלצע „פירער-האַלטונג”. בשעת מ'שלאָגט אים, ראַנגלט ער זיך שטאָלץ, אָדער שטעלט אונטער קאַלט-בלוטיק די פלייצעס צום שלאָגן, קיינמאָל אָבער נישט אויפגעשריגן אָדער געוויינט. צוויי יאָר האָבן עלטערן און לערער מיט בייזן און גוטן, אויף אַלערליי אופנים זיך מיט אים געראַנגלט. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. עטלעכע מאָל איז ער נעבליבן זיצן אויף אַ יאָר. פון זעקסטן קלאַס האָט מען אים אויסגעשלאָסן. איצט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ שווערע צייט פאַר די עלטערן. געצאָרג, שוין אַ צוואַנציק-יאָריקער בחור, האָט זיך ליידנשאַפטלעך אַריינגעלאָזן אין קאָרטן-שפילן. גאַנצע טעג פאַרשווינדט ער פון דערהיים און נאָך לאַנגער זוכעניש געפינט מען אים אין אַ געהיימען ווינקלביים שטאַרקן אַזאַרט-שפילן. דורך אַלערליי המצאות נאַרט ער אויס געלט ביי זיין פאָטער, נאָך אָפטער ביי דעם פאָטערס באַקאַנטע. בגנבה פאַרכאַפט ער אומבאַמערקט פאַרשידענע חפצים פון דערהיים און פאַרזעצט זיי, כדי צו באַקומען געלט פאַר זיינע „ענינים”. ער שטעלט זיך נישט אָפ פאַר קרימינעלע שווינדלערייען, וואָס די אומגליקלעכע עלטערן מוזן מיט אַלע כחות פאַרגלעטן, כדי נישט דערלאָזן צו אַן „עפנטלעכן סקאַנדאַל”. דערהויפט אָבער ווייזט ער אַרויס עראָטישע אויסגעלאַסנקייט, וואָס ווערט מיט יעדן יאָר אַלץ שטאַרקער. ער שטייט גלייכצייטיק אין עראָטישע באַציונגען

מיט פיל פרויען, צווישן זיי מיט גאַסן-מיידלעך. ס׳קומט אָפט צו אומגעוויינלעכע עראָטישע עקסצעסן. געאָרג באַמיט זיך דאָס אַלץ צו מאַכן אונטער די פליִיצעס פון די עלטערן, מעגלעך געהיים, אומבאַמערקט. אין „פרייע" צייטן : [illegible]ן קאָרטן און עראָטיק ליידנט ער ליידנשאַפטלעך אַלערליי בעלעטריסטיק. ביי 22 יאָר איז ער דורך אַ נייער שטאַרקער ווירקונג פון די עלטערן (באַזונדערס פון דער קראַנק געוואָרענער מוטער) אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט אַרבעטן אין אַ געשעפט און פייערלעך אויף זיך גענומען צו פירן פון היינט אָן אַ „ריכטיק" לעבן. אַ קנאַפן חודש האָט ער כלומרשט אויסגעהאַלטן, באַלד אָבער האָט אים ווייטער באַהערשט די ליידנשאַפט צום אזארט-שפיל און עראָטישער אויסגעלאַסנקייט, האָט אויסגענוצט דעם נאָר וואָס באַקומענעם צוטרוי און געמאַכט נייע חובות אויפן פאָטערס חשבון, האָט קונציק אויף פאַרשידענע אופנים אויסגעשווינדלט פיל געלט, און שפילנדיק גאַנצע נעכט אין קאָרטן, האָט ער שטאַרק מאַנקירט מיט דער אַרבעט. מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט פון געשעפט.

די עלטערן האָבן זיך אָנגעהויבן פון אים מיאש זיין. זיי ווענדן זיך צו פסיכיאַטער און גרויסע פעדאַגאָגן, וועלכע האָבן אָבער ביי אים קיין גרויסן ערפאָלג נישט. ביי אָט דער שאַרפער מאָראַלישער דעגראַדאַציע איז אָבער מערקווירדיק דאָס פיינע אינטעליגענטע אויסזען פון געאָרג און זיין גלענצנדיקע שטעלונג אין אַ פרעמדער געזעלשאַפט. הויך און שלאַנק, אויסערלעך סימפּאַטיש, איז ער ביי דער אונטערהאַלטונג אַנגענעם, שאַרפזיניק און גייסטרייך. ער איז „אָנגעשמעקט" אין דער שיינער ליטעראַטור, אָריענטירט זיך שאַרף אין פּאָליטיק, איז זייער לינק געשטימט. ס׳איז שטאַרק אויפפאַלנד דער מאָדנער קאָנטראַסט צווישן זיין אימפּאָנירנדיקער פּערזענלעכקייט און זיין מאָראַלישן זינקען. ס׳איז אויך מערקווירדיק זיין שטענדיק זיכער אויפטרעטן און זיין דרייסטע נייגונג צו מאַכט און פירערשאַפט. איינמאָל, למשל, ביינאַכט ביי אַ פּלוצימדיקער שריפה האָט ער דער איינציקער אין שטוב דעם קאָפּ נישט פאַרלוירן און האָט קונציק דרייסט אָנגעפירט מיט דער רעטונגס-אַרבעט.

ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן שנעלע אָריענטירונג און גרויסע אָרגאַניזיר-פֿעיִקייט. אין משך פֿון 24—25 לעבנסיאָר טראָגט ער זיך אַרום מיט פּלענער — ער וויל דורכאויס פֿאָרן אין אַפֿריקע, די עלטערן זענען דאַגעגן, הויפּטזעכלעך אָבער שטערט אים אַ באַקומענע געשלעכט - קראַנקהייט (גאָנאָריי). נאָר אָט האָט אין דעם פֿאָלגנדיקן יאָר אויסגעבראָכן די וועלט-מלחמה. אָן דער ידיעה פֿון די עלטערן גייט ער אַוועק פֿרייוויליק אויפֿן פֿראָנט, וווּ ער איז מיטאַמאָל אינערלעך אויפֿגעוואַכט. דער פֿראָנט שטייפֿט און שפּאַנט זיין צעפֿאַלענעם נשמה-לעבן. זיינע שטאַרקע ליידנשאַפֿטן באַקומען איצט אַ מעגלעכקייט צו ברייטער סאָציאַלער אויסווירקונג. שוין נאָך קנאַפּע אַכט חדשים באַקומט ער אַ גרויסע אויסצייכנונג פֿאַר העלדישקייט, אין משך פֿון דער מלחמה-צייט איז ער צוויי מאָל פֿאַרוווּנדעט געוואָרן און יעדעס מאָל נאָך דער היילונג האָט ער זיך ביי דער ערשטער מעגלעכקייט געריסן אויפֿן פֿראָנט, וווּ ער באַקומט אַלץ גרעסערן אָנזען. אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציע איז ער געוואָרן אַ פֿייערדיקער אַנטשלאָסענער באָלשעוויק. נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש ווערט ער אַ קאָמאַנדיר פֿון אַ גרויסער אַרמיי-אָפּטיילונג, וווּ ער איז באַלד געוואָרן באַרימט מיט זיין מיליטערישער ענערגיע און דרייסטן פֿירער-טאַלאַנט. אין איינעם אַ בריוו פֿון פֿראָנט שרייבט ער דעם פֿאָטער אין אַ פּאַטעטישן טאָן: „וואָס געווען, טאַטע, איז געווען. לאָמיר מער וועגן דעם נישט רעדן. נישט איך, נישט איר זענען אין דעם שולדיק. כ׳האָב פֿון דער נאַטור צו-זודיק בלוט פֿאַר דער שמאָלער שול-באַנק אָדער פֿאַר אַ באַלעבאַטישע קאַריערע-מאַכעריי. אין דעם נודנעם לעבן האָט עס מיין הייס בלוט מיט גוואַלד געצויגן צו אַזאַרט און עראָטיק. אַ נישט וואָלט איך גאָר פֿון זינען אַראָפּ. מעגסט מיר גלויבן. איצט ווייס איך כאָטש, וואָס כ׳לעב אויף דער וועלט. כ׳וויל איצט אַפֿילו אַ קאָרט נישט אָנקוקן — אויף וואָס דאַרף איך עס איצט. דאָס לעבן האָט אַ זין און ס׳איז פֿייער און פֿלאַם. דאָס לעבן האָט אַן אַנדער פּנים באַקומען — מעגסט מיר גלויבן. כ׳קעמף מיט חשק פֿאַר אַלעמען

אַפֿילו פֿאַר יענע פּחדנים, וואָס באַהאַלטן זיך ווי פּאַדלעם אונטערן בעט. מעגסט מיר גלויבן — אייער נודנע וועלטל וואָלט דאָך גאָר איינגעשלאָפֿן און פֿאַרפֿוילט געוואָרן, ווען נישט אונזער, זודיק בלוט, וואָס רייסט מיט זיך די וועלט פֿאָראויס א. א. וו.״

דאָ זען מיר פֿאַר אונז בולט אַ קעמפֿעריש אַקטיווע אויסנאַם־נאַטור, ד. ה. אַ מענטשן, וואָס האָט פֿון נאַטור אַזאַ אומגעוויינלעך הויכן גראַד פֿון קעמפֿערישער לעבנס־דורשט, וועלכער קאָן לחלוטין נישט באַפֿרידיקט ווערן דורך דעם געוויינלעכן „נודנעם״ לעבנס־שטייגער. ס׳ציט אים דערפֿאַר „מיט גוואַלד״ אין די אַזאַרט־תהומות פֿון מאָראַלישער דעגענעראַציע, און ער באַפֿרייט זיך סטיכייאיש פֿון אָט דער נויט־זינקעניש ביי דער ערשטער מעגלעכקייט אַדורכרייסן זיך אין דער הויך פֿון דעם היסטאָריש אויפֿגעפֿלאַקערטן סאָציאַלן קאַמף. געאָרג פּילט, אַז ווען ער וואָלט נישט האָבן ביי דעם „נודנעם״ לעבן „אַזאַרט און עראָטיק״, וואָלט ער זיך „גאָר געררט פֿון זינען״. מיר האָבן עס טאַקע אין אייניקע פֿאַלן געקאָנט אָביעקטיוו באַאָבאַכטן ביי ראָמאַנטיש צאַרטע אויסנאַם־נאַטורן, ד. ה. ביי אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן פֿון נאַטור אַ אומגעוויינלעך הויכן גראַד פֿון ראָמאַנטישן לעבנס־דורשט. פֿאַר זייער ראָמאַנטיש־צאַרטער נאַטור איז צו אָפּשטויסנדיק די מאָראַלישע דעגענעראַציע און זיי לויפֿן פֿון דעם „נודנעם״ לעבן אין די נערוועזישקייט. זיי קלאַמערן זיך סטיכייאיש, „מיט גוואַלד״, פֿאַר וועלכע ס׳איז איינגעבוירענע דעפֿעקטן אָדער שוואַכקייטן פֿון זייער נעווראָ־פּסיכישער אָרגאַניזאַציע, שטאַרקן זיי אינסטינקטיוו ביז הויכגראַדיקער נערוועזישקייט, ווו זיי געפֿינען שטאַרקע, ווען אויך קרענקלעכע, לעבנס־שפּאַנונגען. זיי באַפֿרייען זיך אָבער אויך סטיכייאיש פֿון אָט דער נערוועזער נויט־זינקעניש ביי דער ערשטער מעגלעכקייט זיך גייסטיק — פּראָדוקטיוו אויסצווירקן. נאָך מער: איז די נערוועזישקייט שוין צו ווייט און צו טיף איינגעוואָרצלט, קאָנען זיי ביי גינסטיקע תּנאים אָט די נערוועזע הויך־שפּאַנונגען גופא אויסנוצן פֿאַר זייער גייסטיק־פּראָדוקטיוון אויפֿשוווּנג. ס׳איז גענוג, למשל, אָנצווייזן אויף דער עפּילעפּסיע ביי דאָסטאָיעווסקין און די האַלוצינאַציעס ביי מאַגאַמעטן — די זאָגיקע קראַנקהאַפֿטע ערשיי־

בונגען זענען אויף באַשטימטע אופנים שעפעריש איינגעוועבט געוואָרן ביי דער דיכטערישער און רעליגיעזער אויסווירקונג פון זייער אומגעהויערן לעבנס-דורשט.

נאָך דעם געזאָגטן מוזן מיר די אויבן געגעבענע פאָרמולירונג וועגן אויסנאַם-נאַטורן אויף אַזאַ אופן דערגאַנצן. אייניקע מענטשן האָבן פון נאַטור אַזאַ הויכן גראַד פון **אינדיווידועל באַשטימטן** לעבנס-דורשט, וואָס קאָן אָרגאַניש נישט באַפרידיקט ווערן דורך דעם געוויינלעכן לעבנס-שטייגער. ענטשפּרעכנד דער קאָנסטיטוציע פון דער פילגעשטאַלטיקער אינדיווידואַליטעט און לויט די פאַקטישע מעגלעכקייטן פון דעם פּערזענלעכן און סאָציאַלן לעבן, קאָן ביי אַזוינע מענטשן די אויסווירקונג פון דעם שטאַרקן לעבנס-דורשט זיך דינאַמיש באַוועגן אויף דער גרויסער לעבנס-ליניע פון טיפער מאָראַליש-נערוועזער דעגענעראַציע ביז צום העכסטן גייסטיק-פּראָדוקטיוון אויפשוואונג. ווי ביי דעם אַלגעמיינעם פּסיכישן סקאָרבוט, אַזוי מוז אויך ביי דער היילונג פון דער באַשריבענער נויט-נערוועזישקייט דורכאויס דערגאַנצט ווערן דער קנאַפּער לעבנס-שטייגער דורך אינדיווידועל פּאַסנדיקע עלעמענטן פון גייסטיק פּראָדוקטיווער הויך-שפּאַנונג.

מיר קאָנען אָבער דידאָזיקע ערשיינונג נאָך פון אַן אַנדער זייט פאָרשן, געמלעך ביי די אָביעקטיווע באַאָבאַכטונגען פון אויסנאַם-צושטאַנדן — און דאָ קומען מיר צו דער צווייטער גרונט-ערשיינונג — וואָס קאָנען פאָרקומען ביי יעדן מענטשן און פאַרגרעסערן בלויז צייטווייליק דעם גראַד פון אינדיווידועלן לעבנס-דורשט אָדער דעם באַדאַרף אין הויכע לעבנס-שפּאַנונגען. דאָ געבן אונז די אָביעקטיווע באַאָבאַכטונגען אַ מעגלעכקייט אומיטלבאַר צו פאַרגלייכן דאָס רעאַל-פּסיכישע לעבן פאַר און נאָך דער שפּאַנונגס-ענדערונג. אָט איז אַזאַ כאַראַקטעריסטישער פאַל.

לעאָניד, 25 יאָר אַלט, סטודענט, פיזיש געזונט. דאָס לעצטע יאָר האָט ער דורכגעלעבט אַ שווער נשמה-ליידן. ער שילדערט עס קלאָר און בילדלעך אין זיין זעלבסט-באַשרייבונג, וואָס האָט זיך אין אַלגעמיין באַשטעטיקט אויך דורך אַנדערע

פאַרשונג - מיטאָדן. מיר ברענגען אַן אויסצוג פון אָט דער זעלבסט-באַשרייבונג.

... קנאַפּע עטלעכע חדשים האָבן געדויערט אונזערע באַציונגען, וואָס האָבן אָבער אַזוי טיף איינגעשניטן מיין גאַנץ לעבן. צום ערשטן מאָל האָב איך זי געזען ביי מיינעם אַ פריינט אין אָוונט ביי אַ קליינער טיי-געזעלשאַפט. כ'ווייס אַליין נישט גענוי, פאַרוואָס זי האָט פון דעם ערשטן בליק אויף מיר געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק. דאָס האַרץ האָט ביי מיר אָנגעהויבן נאָגן, מיך האָט באַהערשט אַ טיפע, ציענדיקע בענקשאַפט. אַ מאָדנע זאַך! אַלץ אַרום מיר האָט עפּעס ווי פלוצים אויפגעלויכטן. די גאַנצע געזעלשאַפט, דער כיבוד אויפן טיש, דער עלעקטרישער לאָמפּ — אַלץ האָט אויסגעזען באַדייטנד און ווי מיט אַ העלן נעפּל באַדעקט. כ'ווייס אַליין נישט, ווי עס גענוי אויסצודריקן. כ'האָב מיך באַהערשט און ווי אַלעמאָל פיל דערציילט און געלאַכט. נאָר מיין געזיכט-אויסדרוק האָט זיך, אַפּנים, געמוזט פאַרענדערן אָדער אפשר דער קלאַנג פון מיין שטימע — אין אַ ווײַלע אַרום האָט מיך אַ חבר אָנגענומען פאַרן האַנט און געפרעגט שטיל אויפן אויער: „לעאָניד! וואָס טוט זיך עס מיט דיר?" כ'האָב מיך געמאַכט נישט הערנדיק... גלייך מיט אַלעמען בין איך אַוועקגעגאַנגען און האָב מיך מיט איר אומבאַמערקט געזעגנט. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן, ווי פאַרטרוימט מיט אָפענע אויגן, ערשט פאַרטאָג האָב איך אַ ווײַלע איינגעדרימלט. כ'האָב מיך פרי אויפגעכאַפּט און בין אויפן ניכטערן האַרצן אַוועקגעגאַנגען צו מיין פריינט. ביי אים האָב איך מיך דערוווּסט, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן צו זיך אַהיים אין דער שטאָט ק., פונוואַנען זי איז געקומען אַהער בלויז אויף אַ פּאָר טעג. ווי איך שטיי און גיי בין איך אַוועקגעפאָרן מיט דעם ערשטן צוג אין ק. דאָרט האָט זיך פאַר מיר ערשט אָנגעהויבן אַ הייסע צייט, וואָס האָט דעם לעצטן נערוו אוממענטשלעך געשפּאַנט. כ'בין כסדר באַהערשט פון אַ הייסן אינטימען לעבן, וואָס איז פול פון דראַנג און טרוים. ווי אין אַ קדחת האָט עס מיך שטענדיק געוואָרפן צווישן האָפנונג און פאַרצווייפלונג.

מיינע איבערלעבענישן פון יענער צייט האָב איך אויספירלעך באשריבן אין מיין טאָג-בוך, וואָס איז דעמאָלט אין מיין איינזאַמקייט געווען מיין איינציקער חבר, וועמען כ'האָב אַלץ געקאָנט דערציילן (דעם טאָג-בוך האָבן מיר דערנאָכדעם באַקומען — דער פאַרפאַסער).

...פּלוצים באַקום איך אַ טעלעגראַמע פון מיין פריינט, וועלכער רופט מיך אַרויס דרינגענד אַהיים אין מיין שטאָט. כ'קום צו פאָרן און דערוויס זיך ביי מיין פריינט, אַז זי איז אַ כלה געוואָרן מיט אַן אַנדערן און אַז זי האָט מיין פריינט בריוולעך געבעטן מיך אַרויסצורופן און וועגן דעם מודיע זיין. ס'באַהערשט מיך אַ ביטערער כעס אויף איר, למאי האָט זי אַזוי פאַלש און נמאס אַזאַ לאַנגע צייט מיך גענאַרט און געפירט פאַרן נאָז. מיין ליבע-געפיל איז אין איין רגע אויסגעלאָשן. זי זעט מיר איצט אויס ווי אַ קליינלעכע קאָקעטקע, וואָס איז מיר דירעקט ווידערלעך. כ'שרייב איר גלייך אַ שווערן בריוו, וואָס צעברעכט די לעצטע בריקן הינטער מיר. כ'טראָג אַוועק אויף גיך דעם בריוו אין פאָסט. אַריינגעוואָרפן דעם בריוו אין קאַסטן, פיל איך מיך לחלוטין באַפרייט פון איר און מיין נאַרישער ליבע. ס'איז מיר מאָדנע לייכט און העל אויף דער נשמה געוואָרן. די אויסגעלאָשענע ליבע איז אַוועק, ווי אַ שוואַרצער נעפּל, וואָס האָט מיך אַזוי לאַנג געשטיקט, די לעצטע ווייען האָבן נאָך שווער אָפּגעקלונגען אין דער נשמה. כ'האָב פריי אָפּגעעטעמט און בין לייכט און צופרידן געגאַנגען אַהיים. נאָר קומענדיק אַהיים האָב איך פּלוצים דערפילט אַ שמערצנדיקע אינערלעכע פּוסטקייט. נאָך די גרויסע פאַרכאַפּנדיקע שפּאַנונגען פון די לעצטע חדשים פילט זיך דאָס געוויינלעכע לעבן אומערטרעגלעך נודנע און פּוסט. כ'לייג מיך אויפן סאָפע מיט פּנים אַראָפּ און קריץ מיט די ציינער פון אַ שווערן נשמה-קראַמף. עטוואָס ענלעכעס האָב איך געפילט מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון אַ טיף-קראַנקהייט — נאָך די גרויסע שפּאַנונגען פון דער קראַנקהייט האָב איך אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם שמערצלעך געפילט אַ מין פּוסטקייט, לייכטוואַגיקייט. איצט פיל איך עס אָבער אויף אַ

שמערצנדיקן אופן, אַז מיין נשמה, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען אַזוי געשפּאַנט, מ׳וז זיך איצט ווידער איינשרומפּן, ווי אַ פעסט אָנגעצויגענע פּרוזשינע ביים פּלוציו׳דיקן אָפּלאָזן. מיין נשמה קען עס אָבער נישט אַזוי גיך און וואַרפט זיך אין אַ שווערן קראַמף. כ׳קאָן נישט איינליגן, לויף איבערן חדר אַהין און צוריק און אויסשטרעקנדיק די הענט, שריי איך ווילד אין דער לופט: „וווהין זאָל איך מיך אַהינטון, וווהין?..״ כ׳וואַרף מיך ווידער אויפן סאָפע מיטן פּנים אַראָפּ און קלער איצט מיט ברענענדיקער קנאה וועגן טורגעניעווס ליזע, וואָס האָט נאָך דעם טראַגישן ברוך פון איר ליבע געקאָנט אַוועקגיין אין קלויסטער. דאָרט האָט די נשמה געקענט גלייך אויספילן די פּלוצימדיקע פּוסטקייט, האָט גלייך באַקומען נייע, אפשר נאָך טיפערע שפּאַנונגען פון רעליגיעזן עקסטאז. וווהין זאָל איך זיך אָבער אַהינטון? אַ געוויינלעכער סטודענט, וואָס האָט פיל „אינטערעסן״, אָבער קיין גייסטיקע ליידנשאַפטן. פיל כאַפּן זיך אין אַזאַ מינוט פאַרן רעוואָלווער. וואָס? דאָ צעמישן זיך מיינע געדאַנקען און כ׳בלייב ליגן אַ ווײַלע פאַרגליווערט. איך כאַפּ מיך אויף פון סאָפע און לויף אַוועק צו מיין פריינט. כ׳הויב אים אָן וועגן מיר דערציילן און צעוויין זיך פּלוצים אויף אַ קול. ער פּרוּווט מיך באַרויקן. כדי מיך ווייטער אָפּצולענקען, הויבט ער פּאַמעלעך אָן צו רעדן וועגן אונזערע סטודענטישע „אינטערעסן״, וואָס זענען מיר איצט אויס אומערטרעגלעך נודנע און קליינלעך. כ׳לויף אַרויס אויפן גאַס און לאָז מיך האַסטיק אָן אַ ציל פאָרויס. פאַרנאַכט האָב איך פאַרבלאָנדזשעט אין א רעסטאָראַן און האָב געהייסן מיר דערלאַנגען וויין. די ערשטע גלעזער וויין מאַכן מיך אַלץ טרויעריקער. כ׳טרינק נאָך און נאָך, ביז איך פאַרליר דאָס באַוווסטזיין. מ׳האָט מיך אויף אַ וואָגן שפּעט ביינאַכט געבראַכט אַהיים. אינדערפרי האָב איך מיך אויפגעכאַפּט שטאַרק צעבראָכן און דערשלאָגן. כ׳האָב פון תמיד אָן פיינט אַלקאָהאָל און קען עס שלעכט פאַרטראָגן. דער קאָפּ טוט מיר איצט שטאַרק ווײ, ס׳שווינדלט מיר שטאַרק אין די אויגן. כ׳קאָן דעם קאָפּ פון קישן נישט אויפהויבן און בלייב

ליגן אין בעט. ס'איז מיר שטאַרק נישט גוט געוואָרן. בין איך אינערלעך צופרידן מיט אָט דעם ביסעלע קראַנקהייט, וואָס פאַרנעפּלט מיר עטוואָס די קרעמפּנדיקע פּוסטקייט. צו דער נאַכט האָט מיר די גאַנצע רעכטע העלפט פון קערפּער אָנגעהויבן שטעכן ווי מיט נאָדלען. כ'האָב געמוזט שרייען פון שמערצן און בין אַ גאַנצע נאַכט נישט איינגעשלאָפן. פאַרטאָג איז אויף מיר געקומען אַ מאָדנע האַלב-דרעמלדיקער צושטאַנד, ווו אָפּגע-בראָכענע רעיונות האָבן זיך אומגעלומפּערט געמישט מיט אילוזיעס און שרעק-וויזיעס. אַ פּאָר וואָכן האָבן מיך די שמערצן נישט אָפּגעלאָזן, ווי אויך די שווערע שלאָפלאָזע נעכט. נאָר אויפן סוף פון דער דריטער וואָך בין איך אַוועקגעפאָרן צו מיין ברודער אין אויסלאַנד. די רייזע און די נייע סביבה האָבן מיך שטאַרק אָפּגעפרישט. כ'האָב אָנגעהויבן בעסער שלאָפן, די שמערצן האָבן שטאַרק נאָכגעלאָזן. דערווייל האָט זיך מיר געמאַכט אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט אַריבערגיין אין דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט, וואָס האָט מיך שטאַרק פאַרכאַפּט. איך בין פאַמעלעך אַריין אין דער אַרבעט. וואָס מער איך האָב מיך איינגעשטעלט אויף מיינע נייע פרישע „אינטערעסן", אַלץ גרינג-לעכער איז פאַרשוווּנדן די קראַנקהייט...

דאָ זעען מיר, אַז די אינטימע אויסנאַם-איבערלעבענישן העכערן ביי לעאַנידן דעם גראַד פון אינדיווידועלן לעבנס-דורשט, וואָס קאָן אין אַ משך פון אַ לאַנגער צייט נישט באַפרי-דיקט ווערן פון די געוויינלעכע לעבנס-„אינטערעסן". דער שטאַרקער שפּאַנונגס-„דעפיציט" אָדער די „קרעמפּנדיקע פּוסטקייט" ברענגט דאָס געפיל פון אַ שווערן נשמה-קראַמף און פירט צו אינערלעכער אָפּגעלאָזנקייט און פסיכישער גלייכגעוויכט - שטערונג. לעאַנידס עמפינדלעכע נאַטור איז ווייניק צוגעגלעך פאַר אַלקאָהאָל און מאָראַלישע עקסצעסן. ער לויפט פון דער „קרעמפּנ-דיקער פּוסטקייט" אין דער נערוועזישקייט אַריין, וואָס ער פיקסירט און פאַרשאַרפט אינסטינקטיוו. ווי ער זאָגט עס אַליין, איז ער אינערלעך צופרידן „מיט דעם ביסעלע קראַנקהייט, וואָס פאַרנעפּלט עטוואָס די קרעמפּנדיקע פּוסטקייט". רייזע און נייע

סביבה וועקן אינערלעך נייע שפאנקראפט. און וואָס מער ער ווערט „פארכאפט“ פון די נייע „אינטערעסן“, אַלץ ווייניקער „דאַרף“ ער די קראנקהייט און אַלץ גרינגלעכער פאַרשווינדט זי.

לעאָניד איז מקנא טורגעניעווס ליזע און באַהויפּטעט, אַז ער וואָלט אויך מיט גייסטיקער באַנייונג אַרויס פון זיין פסיכישער נויט, ווען ער וואָלט פאַרמאָגן, וועלכע ס׳איז גייסטיקע ברען־ליידנשאַפטן. מיר האָבן עס טאַקע געקענט אָביעקטיוו באַאָבאַכטן אין אייניקע פאַלן, דאָס געוויינלעכע מענטשן זענען ביי און דורך אזעלכער פסיכישער נויט אַרויפגעשטיגן אויף העכערע גייסטיק פּראָדוקטיווע נשמה־ספערן, וואָס זענען פריער געווען אין דעם מענטשן פאטענציעל פאַרבאָרגן. דאָ שטויסן זיך אונזערע פאָרשונגען אומיטלבאַר אויף דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם וועגן די פאַרשידענע קאָנקרעטע ארטן פון פסיכישער ווירקלעכקייט און זייערע דינאמיש־אינערלעכע פאַרבינדונגען — וועגן דעם וועלן מיר רעדן אין דער קומענדיקער לעקציע.

די קאָנקרעט באַשריבענע פאַלן ביי געאָרג און לעאָנידן ווייזן אָביעקטיוו דייטלעך דאָס געזעצמעסיקע אויפטרעטן פון פּסיכישן סקאָרבוט ביי פאַרשידענע תנאים, ווען דער אינווידועל באַשטימטער לעבנס־דורשט קאָן נישט באַפרידיקט ווערן פון דעם פאַקטישן לעבנס־שטייגער. ביי אויסנאַם־מענטשן און אויסנאַב־צושטאַנדן קומט עס אָפטער און שטאַרקער צו פסיכישן סקאָרבוט, ווייל דער אינדיווידועלער לעבנס־דורשט איז פון נאַטור אומגע־וויינלעך גרויס ביי אויסנאַם־מענטשן אָדער ער איז אומגעוויינלעך געשטייגערט דורך אויסנאַם־צושטאַנדן ביי נאָרמאַל־מענטשן — און דער פאקטישער לעבנס־שטייגער לאָזט זיך זעלטענער און שווערער צופאַסן צום אומגעוויינלעך גרויסן אָדער געשטייגערטן לעבנס־דורשט.

ספּעריִשער קאָפּיטל

(פינפטע לעקציע)

חשובע צוהערער!

וואָס ווייטער און טיפער ס׳קומען אונזערע פאָרשונגען, מוזן מיר זיך אלץ מער עקספּעדיציע־אַרטיק אָנשטרענגען, כדי צו באהערשן דעם אינערלעכן דראנג צו ספּעקולאַטיווע פאראלגעמיינערונגען און דורכאויס האלטן זיך הארט ביי דער פילגעשטאלטיקער פּסיכישער ווירקלעכקייט. מיר מוזן נאָר אריינדרינגען אין אָט דער ווירקלעכקייט און טריט ביי טריט מעטאָדיש זאמלען און באשרייבן פאקטן פונם אינעווייניקסטן לעבן. קודם כל מוז דער פאָרשונגס־פּלאן אליין, ווי ביי יעדער עקספּעדיציע פאָרשונג, זיך שטענדיק מעסטן און צופּאסן צו דער פּסיכישער ווירקלעכקייט, אין וועלכע מ׳זאָל פאקטיש אריינדרינגען — אָט דער פּלאן איז טאקע (ווי מיר האָבן אויבן געזען) אזא, וואָס פארגוואלדיקט נישט די פּסיכישע פילגעשטאלטיקייט, טרייבט די אָביעקטיווע פאָרשונג און ווערט כסדר קאָנטראָלירט און קאָריגירט.

צוערשט וויל איך פאר אייך פאָרברענגען נאָך איין כאראקטעריסטישן פאל פון אונזערע פאָרשונגען ביי אויסנאם־נאטורן, ספּעציעל ביי קינסטלער און רעליגיעזע מענטשן. פון דעם גרויסן מאטעריאל וויל איך דאָ געבן א מער טיפּישן, בולטן פאל:

מאַקס, 33 יאָר אַלט, אַ דיכטער פון טאַלאַנט און ערפאָלג. פיזיש געזונט, איז זייער עמפּינדלעך. פון צייט צו צייט באַקומט ער שווערע נערוועזע שטערונגען (שטאַרק האַרץ-קלאַפּן מיט אַנגסט-געפיל, קאָפּ-שמערצן, אָפּטע שלאָפלאָזיקייט). ביי דער נאָענטער נאָכפאָרשונג ווייזט זיך מערקווירדיק אַרויס, אַז די-דאָזיקע נערוועזישקייט קומט הויפּטזעכלעך דעמאָלט, ווען ער האָט נישט קיין „שטימונג״ אָדער מעגלעכקייט צום „שאַפן״, ד. ה. אין די ליידיקע פויזע-טעג פון זיין דיכטערישער אַרבעט. אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישע נאָטיץ פון זיין טאָג-בוך:

„...זונטיק, דריי אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט. איך ליג שוין העכער אַ שעה מיט צוגעמאַכטע אויגן און קאָן נאָך אַלץ נישט איינשלאָפן. איך פיל, אַז דער לעצטער טאָג איז ווי לייכטער פוסטער שטרוי פאַרגאַנגען און צו אַ שטרויענעם טאָג קלעבט זיך נישט קיין שלאָף. באַלד אָבער פיל איך, אַז איך האָב דעם לעצטן טאָג גאָרנישט אויסגעלעבט, און דער נישט אויסגעלעבטער טאָג לייגט זיך ווי שווערער בליי אויף דער נשמה און לאָזט זי נישט איינשלאָפן. דערצו קומט נאָך, וואָס... ס׳דערעסן מיר אָט די אומפּרוכטבאַרע שטרויענע רעיונות. דאָס האַרץ קלאַפּט מיר, אומרו און אַנגסט טרייבן מיך פון בעט, כ׳שטיי אויף, זעץ זיך ביים שרייב-טיש און נעם זיך פאַר מיין טאָג-בוך. קוק איך מיך אַרום בלויז אויף דאָס לעבן פון דער פאַריקער וואָך און ס׳נעמט מיך אָן אַ שוידער: וואָס זאָל איך בלויז מיט מיר טון?..

מאָנטיק און דינסטיק (אין דער פאַרגאַנגענער וואָך) זענען געווען פון גאָט געבענטשטע טעג, ווען ס׳האָט זיך אין מיר ווי פלוצים געעפנט אַ קוואַל פון בילדער, וויזיעס און טרוימען. בכלל אַרבעט איך, ווי פיל אַנדערע קינסטלער, מיט מער אָדער ווייניקער שטימונג. נאָר יענע טעג, מאָנטיק-דינסטיק, איז אויף מיר אַ זעלטענע באַגייסטערונג געקומען, וואָס האָט מיר ווי פלוצים געבראַכט אַ ניי-גליענדיק נשמה-לעבן, כ׳פיל מיך לייכט ווי אַ פעדער און די גאַנצע וועלט איז העל און דורכזיכטיק. ס׳איז עפּעס אַ מין יום-טוב אויף דער וועלט. ערגעץ-ווו אויף אַ

הויכן, גרינעם באַרג שפּילט אַ שטילע שטילע מוזיק, וואָס רופט מיך און ציט... ווי אַ באַנומענער שרייב איך מיט גרויס אימפּעט. ס'שפּרודלט אין מיר אַזוי, אַז די פּעדער קאָן גאָרנישט גענוג גיך שרייבן. אומאויפהערלעך קומען אומערוואַרטע כוואַליעס פון בילדער און ריטמען — כ'האָב דאָס געפיל פון אַ מין התגלות, אַ גאָלדענער שלאַק-רעגן. איך שרייב דעם גאַנצן טאָג ביז טיף אין דער נאַכט אַריין. ערשט פאַרטאָג האָב איך זיך האַלב פאַרחלומט אויסגעטון און ווי אַ קינד איינגעשלאָפן. אינדערפרי האָב איך מיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. כ'פיל מיך לייכט און פריש, אַ שטילע פרייד גיסט זיך אין מיינע אָדערן. די וועלט איז נאָך העלער און דורכזיכטיקער געוואָרן. דער רויטער שפּאַליר אויף דער וואַנט, דער עטוואָס איינגעבויגענער שראַנק, מיין קיילעכדיקער שרייב-טיש — אַלץ איז יום-טובדיק העל און דורכזיכטיק, כ'זע אַלץ אַדורך און דורך. די נשמה האָט זיך גאָר מיסטיש אַנטבלויזט. ווי אין די פריערדיקע קינדער-יאָרן האָב איך זיך אַ ווײַלע געשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט און שטיל, פאַר זיך געדאַוונט. איך פאַרכלינע מיך פון אינערלעכן גליק און בענקשאַפט, נאָר פון יענעם הויכן גרינעם באַרג האָט זיך ווייטער דערהערט אַ מין שטילע שטילע מוזיק, וואָס רופט און ציט... ווי אַ באַנומענער האָב איך מיך געזעצט צום שרייב-טיש און מיט אימפּעט געשריבן. ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געענדיקט מיין ווערק, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט מיין זעלטענעם, הייליקן נשמה-פייער. כ'בין איצט מיד און צעבראָכן, קוים וואָס איך האָב כח זיך אויסצוטון, און שלאָף איין, ווי אַ סנאָפּ. אויף מאָרגן האָב איך מיך שפּעט אויפגעכאַפּט אַ ניכטערנער, אַ מידער. דער עטוואָס איינגעבויגענער שראַנק און דער קיילעכדיקער שרייב-טיש זענען ווי אַלעמאָל פּשוט אַלט און אָפּגענוצט. כ'בין איינזאַם אין מיין קליינעם פאַרלאָזענעם חדר. כ'בין אָבער צופרידן און שטאָלץ אויף מיין ווערק. נאָכמיטאָג האָב איך געלייענט דאָס נייע ווערק פאַר מיינע פריינט, וואָס האָבן זיך שטאַרק באַגייסטערט אָפּגערופן. כ'בין שטאָלץ און געהויבן, אָבער נאָך דעם אָרגאַנגענעם צויבער-לעבן פון מאָנטיק.

דינסטיק בענדט זיך מיר אינערלעך ווייטער נאָך שטאַרקע איבערלע־
בעניש. אַ ירשיטערנדיקע ליבע, אַ שטאַרקע באַגייסטערונג, אַ אַבנ־
טויער, אַ קאַטאַסטראָפע. עפּעס שטאַרקעס, וואָגיקעס, פאַרכאַפּנדיקעס.
ס׳קומען אָבער געוויינלעכע „שטרויענע״ טעג, לייכטע און פּוסטע,
צו וועלכע ס׳קלעבט זיך נישט קיין שלאָף. אַזוי ווי איך האָב
דאָנערשטיק באַקומען געלט פון אַ פאַרלעגער, האָב איך גערופן
חברה גוטע ברודער אויף אַ גלאָז וויין, אויף אַ פריילעך נעכטל.
ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מין פריילעכע באַהעמע, וואָס האָט מיך
אָבער נישט פאַרכאַפּט. דאָס טרינקען צינדט מיר אָן דאָס בלוט
און רופט אַרויס פון די סאַמע טיפענישן נאָך אַ שטאַרקערע
בענקשאַפט. אָבער נאָך עטלעכע גלעזער ווערט דער מוח אַלץ
פריילעכער פאַרטומלט און צוביסלעך פאַרלירט מען רוים און
צייט... אויף מאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען נאָך אַ האַלבן טאָג
מיט אַ טרויעריקן און נמאסן „קאַצן־יאָמער״ אויף דער נשמה.
די באַהעמע פאַרשרייט און פאַרטומלט די אינערלעכע בענקשאַפט,
אָבער באַפרידיקט נישט. כ׳ווייס נישט, פיל לאָזן „פאַרשרייען״
זייערע שטרויענע טעג אין דער באַהעמע, ביי מיר אָבער ווערן
דערפון די טעג נאָך „שטרויענער״. און אָט האָב איך פון
פרייטיק אָן כמעט קיין טעם פון שלאָף נישט פאַרזוכט ווי גע־
העריק, האָב כסדר האַרץ־קלעמעניש און... כ׳מוז דיך, טייערעס
טאָג־בוך, פאַרלאָזן דער גאַנצער ווידוי האָט מיין טרוים־וועלטעלע
אויפגעוועקט. ס׳ברענגט מיך צום „שרייבן״. כ׳וועל, דאַכט זיך,
היינט פאַרדינען און באַקומען אַ גוטן שלאָף״...

דאָ ווייזט זיך בולט דאָס געזעצמעסיקע אויפטרעטן פון
פסיכישן סקאָרבוט ביי דער קינסטלערישער אויסנאַם־נאַטור פון
מאַקסען, וואָס ביי זיין נאַטירלעך גרויסן אינדיווידועל קינסטלע־
רישן לעבנס־דורשט קאָן ער זיך נישט באַפרידיקן פון דעם
געוויינלעכן, „שטרויענעם״ לעבנס־שטייגער. און ווען ס׳פאַרלאָזט
אים די מעגלעכקייט פון גייסטיק פּראָדוקטיווער אויסווירקונג
קומט עס צו אינערלעכער גלייכגעוויכט־שטערונג אָדער פּסי־
כישן סקאָרבוט.

מיר האָבן אָבער שוין געזען, אַז נישט נאָר ביי אויסנאַם־

נאַטורן, נאָר אויך ביי געוויינלעכע מענטשן, ווי, למשל, ביי לעאָנידן, קומען פאָר ביי געוויסע תנאים אויסנאַם-איבערלעבענישן, וואָס רייסן אַרויס דעם מענטשן אויף אַ לאַנגער צייט פון דעם געוויינלעכן לעבנס-שטייגער, פאַרגרעסערן זיין לעבנס-דורשט און אַזוי אַרום טרייבט עס דעם מענטשן אינערלעך דינאַמיש אין די פאַרשידענע ספערן פון פסיכישן לעבן.

קוקן מיר מיט אָביעקטיוו אָפענע אויגן אויף די אַלע קאָנקרעט געשילדערטע לעבנס- און קראַנקהייטס-געשיכטן, זעען מיר פאַקטיש בולט דריי פאַרשידענע און אינערלעך פאַרבונדענע אַרטן פון רעאַל-פסיכישן לעבן, וואָס לאָזן זיך דורכאויס אָביעקטיוו באַשרייבן:

1) דאָס געוויינלעכע אָדער שטענדיקע פסיכישע לעבן — לאָמיר עס קורץ באַצייכנען אַלס נאָרמאַל-באַוווסטזיין — וואָס איז איינגעשטעלט און געשטימט אויף דעם פאַקטיש מעגלעכן לעבנס-שטייגער אָדער אויף די נאַטירלעכע „אינטערעסן” פון דעם אינדיווידועל נויטיקן לעבנס-קאַמף. אַט אַזוי לעבט לעאָניד (פאַר און נאָך דעם דורכברוך פון די אויסנאַם-צושטאַנדן), ווי פיל אַנדערע נאָרמאַל-מענטשן, לויט זיין סטודענטישן לעבנס-שטייגער. אין דעם נאָרמאַל-באַוווסטזיין דענקט דער מענטש קאַאוזאל (אורזאַכלעך) און האַנדלט צוועקמעסיק. לויט כאַראַקטער און שפּאַנונגס-גראַד האַלט ער איין, דער נאָרמאַל-באַוווסטזיין, דעם לעבנס-פאַסנדיקן פסיכישן גלייכגעוויכט. גאַנץ אַנדערע אַרטן פון רעאַל-פסיכישן לעבן געפינען מיר אָבער אין אויסנאַם-צושטאַנדן ביי געוויינלעכע מענטשן אָדער רעלאַטיוו שטענדיק ביי אויסנאַם-מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט אויסלעבן אין דעם נאָרמאַל-באַוווסטזיין. פאַר זיי איז דאָס געוויינלעך צוגעפּאַסטע פסיכישע לעבן אָדער דער געוויינלעכער לעבנס-שטייגער „נודנע”, „לייכט און פוסט, ווי שטרוי”.

2) די אינטימע אַרט פון פסיכישן לעבן, וואָס צייכנט זיך אויס רעאַל-פסיכיש לויט כאַראַקטער און הויך-שפּאַנונג: די אָפטע קינסטלערישע אינספּיראַציע ביי מאַקסן, דער אינטימער אויפשוווּנג און אַנטוויקלונג פון דעם קאַמף-געפיל ביי געאָרגן

די אינטים-אויפלאַקערנדיקע ליבע, וואָס קומט פאָר אַלס אויסנאַם-צושטאַנד ביי לעאָנידן.

אַט די אינטים-אויפלאַקערנדיקע ליבע רייסט אַרויס לעאָנידן פון זיין שטענדיקן פסיכישן גלייכגעוויכט - לעבן אָדער נאָרמאַל-באַוווסטזיין און פירט אים אַריין אין אַן אַנדערע רעאַל-פסיכישע ספערע פון אומגעהויערער הויך-שפּאַנונג און גוואַלדיקן אינערלעכן דראַנג. דאָס גאַנצע וועלט-באַנעמען, ווי דער כאַראַקטער פון זיינע רעאַקציעס, ווערן פלוצים להלוטין פאַרענדערט. „אַלץ אַרום מיר, דערציילט לעאָניד, האָט עפּעס ווי פלוצים אויפגעלויכטן... אַלץ האָט אויסגעזען באַדייטנד און ווי מיט אַ העלן נעפּל באַדעקט”. „ווי ער שטייט און גייט” פאַרלאָזט ער גלייך זיין לעבנס-שטייגער און וואַרפט זיך מיט לייב און לעבן אַריין אין דער הייסער ספערע פון אומגעווינלעכן אַנדערש-אַרטיקן פסיכישן לעבן. „כ׳בין כסדר באַהערשט פון אַ הייסן אינטימען לעבן, וואָס איז פול פון דראַנג און טרוים”.

נאָך בולטער איז די אַנדערש-אַרטיקייט פון דעם אינטים-פסיכישן לעבן אין דער קינסטלערישער אינספּיראַציע ביי מאַקסן. „כ׳פיל מיך לייכט ווי אַ פעדער, די גאַנצע וועלט איז העל און דורכזיכטיק. ס׳איז עפּעס אַ מין יום-טוב אויף דער וועלט” א. אַ. וו. אויך ווערט פאַרענדערט דער כאַראַקטער פון זיינע רעאַקציעס אין דעם אומגעהויערן שאַפונגס-דראַנג: „די פעדער קאָן גאָרנישט געגוג גיך שרייבן”. דאָס זעלבע אויך ביי דעם אינטימען אויפשוווּנג פון דעם קאַמף - געפיל ביי געאָרגן, ווען „דאָס לעבן האָט אַן אַנדער פּנים באַקומען”, און דער פריער אָפּגעלאָזענער קאָרטן-שפּילער ווערט אַ באַגאַבטער און באַגייסטערטער פירער.

די אינטים-פסיכישע אַרט הויבט דאָס אַלגעמיינע פסיכישע ניוואָ און ברעגנט העכער אָרגאַניזירטע פסיכישע סטרוקטורן. ביי לעאָנידס אינטים-אויפפלאַקערנדיקער ליבע ווערט דאָס לעבנס-געפיל לײדנשאַפטלעך געשטייגערט און די ווילנס-קראַפט שטייגערט זיך צו מסירת-נפשדיקן דראַנג. הויפּטזעכלעך אָבער איז דאָס הייסע אינטימע לעבן תמיד מער אָדער ווייניקער אָרגאַניש

פאַרוועבט מיט הויך אָרגאַניזירטע עסטעטישע און געוויסע רעליגיעזע איבערלעבענישן (די „פאַרגעטערונג" פון דעם „אומגעוויינלעך שיינעם" ליבע - אָביעקט). און, וועקנדיק אינערלעך די פּראָדוקטיווע פאַנטאַזיע, ברענגט די אינטימישקייט אַן עמאָציאָנעל-שעפערישן לעבן, „וואָס, איז פול פון דראַנג און טרוים". נאָך בולטער זעען מיר דאָס ביי מאַקסן אין זיין קינסטלערישער אינספּיראַציע, „ווען ס'האָט זיך ווי פּלוצים געעפנט אַ קוואַל בילדער, וויזיעס און טרוימען". אָדער ביי געאָרגס אינטימען קאַמף-אויפשוונג, ווען ס'הויבט זיך אָן זיין פּראָדוקטיווע ענערגישע פירער-אַרבעט. אויף דעם אופן האָט די אינטימע פּסיכישע אַרט אַ פּראָדוקטיוון כאַראַקטער און איר הויכשפּאַנונג איז אַ פּאָזיטיווע, וואָס ברענגט, הייסט דאָס, הויך אָרגאַניזירטע פּסיכישע סטרוקטורן.

די אינטימע רעאַל-פּסיכישע אַרט אין אירע פאַרשידענע געשטאַלטן איז אַ רעלאַטיוו שטענדיקע סטיכיע ביי אויסנאַמנאַטורן, ווי מאַקס און געאָרג, וואָס קאָנען זיך טאַקע שווער אויסלעבן אויסער זייער אינדיווידועל אינטימער סטיכיע. אָבער אויך ביי נאָרמאַל-מענטשן, ווי לעאָניד, אַנטפּלעקט זיך ביי באַשטימטע תּנאים די אינטימע-פּסיכישע אַרט, ווי אַן אויסנאַם-צושטאַנד.

3) די נערוועזע און פּרימיטיוו-אינסטינקטיווע אַרט פון פּסיכישן לעבן. מיר וועלן זי קורץ באַצייכנען אַלס פּרימיטיווע פּסיכישע אַרט, וואָס צייכנט זיך אויך אויס רעאַל-פּסיכיש לויט כאַראַקטער און שפּאַנונגס-גראַד: די שטענדיקע נערוועזישקייט פון מאַקסן אין די רו-פּויזעס פון זיין שעפערישער באַגייסטערונג, ווי אויך די אַלקאָהאָלישע שכרות פון דער גויט-באָהעמע, דאָס פּרימיטיוו-אינסטינקטיווע לעבן פון געאָרגן פאַר זיין קאַמף-אויפשוואונג, אָדער די נערוועזישקייט פון לעאָנידן נאָך זיין נשמה - קריזיס.

די פּרימיטיווע פּסיכישע אַרט, אין קעגנזאַץ צו דער אינטימער, ברענגט צו אַ געוויסן זינקען פון פּסיכישן ניוואָ. מיר זעען עס דייטלעך אין דער נערוועזישקייט, למשל, ביי מאַקס

און לעאָנידן. דאָס לעבנסגעפיל קומט אין וואַקלעניש, די ווילנס־קראַפט ווערט מערסטנס שלאַבריק־שוואַך אָדער פאַרקראַמפּט זיך אין צוואַנג־אידעען. אין מיטלפּונקט שטייען פונקציאָנעלע שטערונגען, שוואַכקייטן און שמערצן. הויפּטזעכלעך אָבער קאָנען ביי דער נערוועזער גלייכגעוויכט־שטערונג נישט באַהערשט ווערן די פּרימיטיווע נייגונגען און שוואַכקייטן, וואָס רייסן זיך אַרויס אויפן פּסיכישן אויבערפלאַך. דאָסזעלבע זעען מיר ביי דער אַלקאָהאָלישער שכּרות, אָדער ביי דעם אינסטינקטיוו־פּרימיטיוון לעבן פון געאָרגן פאַר זיין אויפשוווּנג. אויף דעם אופן האָט די פּרימיטיווע פּסיכישע אַרט אַ רעגרעסיוון כאַראַקטער און איר הויך־שפּאַנונג איז אַ נעגאַטיווע. וואָס ברענגט, הייסט דאָס, פּרימיטיווער אָרגאַניזירטע פּסיכישע סטרוקטורן.

די אינטימע און פּרימיטיווע פּסיכישע לעבנס־אַרטן ווייכן ביידע אָפּ לויט כאַראַקטער און הויך שפּאַנונג פון דעם געוויינלעכן נאָרמאַל־באַוווּסטזיין און פאַרענדערן, יעדער אויף איר שטייגער, דאָס וועלט־באַנעמען, ווי דעם כאַראַקטער פון דעם מענטשנס האַנדלונגען. כּדי אויסצודריקן דעם אַלגעמיינעם אונטערשיד פון דעם געוויינלעכן נאָרמאַל־באַוווּסטזיין באַצייכנען מיר די ביידע פּסיכישע אַרטן, די אינטימע און די פּרימיטיווע, אַלס ס פּ ע ר י ש[1] פּסיכיש לעבן, וואָס קומט פאָר אַלס שטענדיקער צושטאַנד ביי אויסנאַם־מענטשן אָדער אַלס אויסנאַם צושטאַנד ביי נאָרמאַלע מענטשן.

אָבער אויך אין דעם געוויינלעכן נאָרמאַל־באַוווּסטזיין זענען אין די ראַמען פון דעם קאָנקרעט־מעגלעכן לעבנס־שטייגער פאַראַנען עלעמענטן אָדער ניואַנסן פון אינטימען און פּרימיטיוון ספּעריש־פּסיכישן לעבן. באַפרייענדיק זיך, למשל, פון טאָג־אַרבעט און טעגלעכע עקזיסטענץ־זאָרגן, לויפט דער מענטש אין טעאַטער אָדער צום קאָרטן־שפּיל, זוכט פרייע גייסטיק־פּראָדוקטיווע

1) דעם טערמין „ספּערע", וואָס שילדער האָט אַריינגעפירט אין דער פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע אין דעם ענג־באַשטימטן זין, באַנוצן מיר צו באַצייכענען פון די פּסיכישע לעבנס־אַרטן, וואָס צייכענען זיך אויס דורך זייער נאַטור פון דעם נאָרמאַל־באַוווּסטזיין און וואָס זענען אָבער פליסנדיק דינאַמיש מיט אים פאַרבונדן.

„אָפּרישונג‟ אָדער פאַרשיכורנדיקע איינווירקונגען פון אַלקאָהאָל און עראָטישער אויסגעלאַסנקייט, פּראָדוקטיוו-גייסטיקן קאַמף אָדער אַזאַרט-שפּיל א. אַ. וו. נישט נאָר די רו-פּויזעס פון לעבנס-קאַמף, נאָר אויך דער לעבנס-קאַמף אַליין טראָגט מער אָדער ווייניקער ספּעצירישע ניואַנסן, ווי, למשל, געוויסער שאַפונגס-אימפּעט ביי דער אַרבעט, אַזאַרט און אונטערנעמערישער אימפּעט ביים מסחר א. אַ. וו. אָפּהענגיק פון כאַראַקטער, ערציִונג און סביבה איז דאָס ספּעציפישע שטרעבן אינדיווידועל פאַרשידן נאָך גראַד און ריכטונג—אָנהויבנדיק פון אויסנאַם-נאַטורן אָדער ספּעציפישע מענטשן און ענדיקנדיק מיט טעמפּע געוויינהייטס-מענטשן. ווען דער פאַקטישער לעבנס-שטייגער פאַרמאָגט נישט דעם אינדיווידועל-נויטיקן מינימום פון סטימולן, וואָס וועקן און באַפרידיקן די אינדיווידועל-ספּעציפישע סטיכיע, קומט עס צו אינערלעכער אָפּ-געלאָזנקייט און נערוועזער גלייכגעוויכט - שטערונג — פּסיכישער סקאָרבוט — ווען דער מענטש זוכט נערוועז פּרימיטיוו אויסלעבן זיין ספּעצירישן דראַנג. אָט דעם אינדיווידועלן באַדאַרף אין ספּעצירישע סטימולן, אָדער די קראַנקמאַכנדיקע עמפּינדלעכקייט ביי זייער אויספעלן באַצייכנען מיר אַלס ספּעצירישן קאַפּאַציטעט.

דאָסזעלבע זעען מיר דאָך אָביעקטיוו דייטלעך ביי די קאָנקרעט באַשריבענע אויסנאַם-נאַטורן און אויסנאַם-צושטאַנדן. די אויסנאַם-נאַטורן, ווי געאָרג און מאַקס, האָבן, יעדער אויף זיין אופן, אַ גרויסן ספּעצירישן קאַפּאַציטעט, וואָס אָפּט אַנטשפּרעכט ער נישט דעם קאָנקרעט מעגלעכן לעבנס-שטייגער. דאָס געוויינ-לעכע צופּאַסונגס-לעבן זעט אויס געאָרגן אומדערטרעגלעך „נודנע‟, און מאַקס ראַנגלט זיך מיט די „שטרויענע‟ טעג. און ווען זיי קאָנען נישט ביי דער געגעבענער פאַקטישער סיטואַציע זיך ספּעריש-אינטים אויסלעבן — קומט עס ביי זיי צו אַ פּסיכישער גלייכגעוויכט - שטערונג — פּסיכישער סקאָרבוט — און זיי זינקען דינאַמיש אין דער ספּעריש פּרימיטיווער סטיכיע, ביז ס'קומט די מעגלעכקייט פון אַ ספּעריש אינטימען אויפשוווּנג.

דעם אייגענעם דינאַמישן פּראָגאַנג געפינען מיר אויך ביי די אויסנאַם-צושטאַנדן. אָט די באַשריבענע ספּעריש אינטימע

אויפפלאקערונג, וואָס קומט פאָר ייִ געוויסע תּנאים אין דעם נאָרמאַל-מענטשן אַלס אויסנאַם-צושטאַנד, העכערן צייטווײַליק דעם ספּערישן קאָעפיציענט, וואָס אַנטשפּרעכט נישט דעם מעגלעכן לעבנס-שטייגער. ס׳קומט צו פּסיכישער גלייכגעוויכט-שטערונג אָדער פּסיכישן סקאָרבוט, ווען דער געשטייגערטער ספּערישער דראַנג מוז זיך ספּעריש פּרימיטיוו אויסלעבן. מיר האָבן עס געזען אין דער דריטער לעקציע בײַ סאָניען נאָך דעם צוריקקערן פון דער הויפּט-שטאָט. נאָך דײַטלעכער איז עס בײַ לעאָנידן נאָך דער פּלוצים אויסגעלאָשענער ליבע.

אויף דעם אופן באַקומען מיר אָביעקטיוו אַ טיפערן אײַנבליק אין דער קאָנקרעטער גרונטערשײַנונג פון פּסיכישן סקאָרבוט, וואָס אַנטשטייט, הייסט דאָס, געזעצמעסיק בײַ פאַרשידענע כאַראַקטערן, צושטאַנדן און תּנאים, ווען דער נאַטירלעכער אָדער געשטייגערטער ספּערישער קאָעפיציענט אַנטשפּרעכט נישט דעם מעגלעכן לעבנס-שטייגער. אַ נאָרמאַלער לעבנס-שטייגער מוז באַפרידיקן נישט נאָר די נאַטירלעכע אינטערעסן פון דעם נויטיקן לעבנס-קאַמף, נאָר אויך דעם אינדיווידועל-ספּערישן דראַנג, כּדי צו פאַרהיטן אָדער צו היילן די נערוועז-פּרימיטיווע נויט-אויסווירקונג — דעם פּסיכישן סקאָרבוט.

דער ספּערישער דראַנג, הייסט דאָס, שפּילט, ווי דער נאָרמאַל-באַוווסטזײַן, אַ לעבנס-וויכטיקע ראָלע און בײדע צוזאַמען אין זייער אינדיווידועל אַנטשפּרעכנדיקער פאַרטיילונג בילדן דעם לעבנס-נויטיקן גלייכגעוויכט פון נאָרמאַלן נשמה-לעבן. אין דעם נאָרמאַל-באַוווסטזײַן לעבט דער מענטש הויפּטזעכלעך, ווי ס׳לאָזט זיך לויט דעם פאַקטיש-מעגלעכן לעבנס-שטייגער, אין דער ספּערע אָבער לעבט דער מענטש, ווי ס׳ווילט זיך לויט דער אינערלעכער ברען-ליידנשאַפט. דאָס נאָרמאַל-פּסיכישע לעבן איז דער אינדיווידועל פּאַסנדיקער גלייכגעוויכט צווישן פאַקטישער מעגלעכקייט און ספּעריש אינערלעכן דראַנג. ווערט דער אינדיווידועל-ספּערישער דראַנג נישט באַפרידיקט קומט עס צו פּסיכישן סקאָרבוט, אַלס פּרימיטיווע נויט-אויסווירקונג פון דעם אומגעשטילטן דראַנג. אין דעם נאָרמאַל-באַוווסטזײַן איז די פּערזענלעכקייט באַגרענעצט און

צוגעשניטן לויט די ענגע ראמען פון דער צופאַסונגס-מעגלעכקייט. אין דער ספערע ברעכט די פערזענלעכקייט דעם לעבנס-שטייגער און וויל אומגעשטערט אויסלעבן איר אינערלעכע ליידנשאַפטן און שטרעבונגען. דאָרט איז די פערזענלעכקייט באַגרענעצט, צוגעפּאַסט, אויסגערעכנט, צוועקמעסיק, מיינסטנס אינטעלעקטואַליסטיש — ראַציאָנעל; דאָ איז די פערזענלעכקייט פריי, אומגעשטערט, אומבאַרעכנט, אינטואיטיוו-איראַציאָנעל. די פאָרשונג פון ספערישן לעבן פירט אונז דערפאַר אין די טיפענישן פון דער פערזענלעכקייט — אין איר אומגעשטערטער אָדער אומבאַגרענעצטער עכטקייט און אורטימלעכקייט.

די דריי אַרטן פון רעאַל-פסיכישן לעבן

(פאַקט-ווירקלעכקייט און פיל-ווירקלעכקייט)

(זעקסטע לעקציע)

חשובע צוהערער!

ביי אונזערע ווייטערע פאָרשונגען האָבן מיר באַנוצט די ביידע פאַרשידענע וועגן, וואָס מוזן זיך אין דער פאָרשונג געגנזייטיק קאָנטראָלירן און וואָס יעדער פון זיי פירט אויף אַן אייגענעם אופן צום רעאַל-פסיכישן לעבן. מיר האָבן נעמלעך קודם כל צו פאָרשן אויף דעם וועג פון דער פסיכישער פאַקט-ווירקלעכקייט ד. ה. מיר מוזן אָביעקטיוו באַאָבאַכטן און באַשרייבן פאַקטישע איבערלעבענישן און פסיכישע געשעענישן, וואָס לאָזן זיך אָביעקטיוו און סוביעקטיוו פאַרשידן באַאָבאַכטן. אָט אַזוי האָבן מיר געזען ביי לעאָנידן אַ פאַקטישן אינטימען דורכברוך פון אויפפלאַקערנדיקער ליבע, אירע ווייטערע פאַרוויקלטע פראָצעסן. דעם שפּעטערדיקן קריזיס און דעם פאַקטישן אינערלעך-דינאַמישן איבערגאַנג אין קאָנקרעט באַשריבענע נערוועזע ערשיינונגען. דאָס האָט זיך קלאָר אָפּגעשפּילט אין לעאָנידס באַוווסטזיין און קאָנקרעט פון אים באַשריבן געוואָרן. גלייכצייטיק אָבער האָט זיך דאָס אַלץ אַרויסגעוויזן אויך אָביעקטיוו אין זיין פאַקטישער אויפפירונג, אומגעווינלעכע האַנדלונגען און פאַרענדערונגען פון לעבנס-שטייגער. אַריינדרינגנדיק סיסטעמאַטיש אין דערדאָזיקער

פּסיכישער פאַקט-ווירקלעכקייט מוזן מיר, ווי ביי יעדער וויסנשאַפטלעך-אָביעקטיווער פאָרשונג, פאַרגלייכן די פאַקטן צווישן זיך, ווי אויך מיט ענלעכע פאַקטן ביי אַנדערע מענטשן, און אויף דעם אופן קומען מיר אינדוקטיוו צו אַלגעמיין-כאַראַקטעריסטישע ערשיינונגען. יעדער מענטש קען אוממיטלבאַר זיינע פאַקטישע איבערלעבענישן, די עמפּירישע אָדער מענטש-וויסנשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע איז נאָר אַ וויסנשאַפטלעך פאַרפיינערט, אָביעקטיוו געניצער וויסן פון אָט דער פּסיכישער פאַקט-ווירקלעכקייט.

מיר מוזן אָבער אויך נעמען אין אַכט די פּסיכישע פיל-ווירקלעכקייט, ד. ה. אַזוינע איבערלעבענישן, וואָס מיר האָבן פאַקטיש נישט דורכגעמאַכט, נאָר וואָס מיר פאַרמאָגן זיי פּאָטענציעל און דערפאַר רופן זיי ביי אונז אַרויס אַ געוויסן אינערלעכן מיטקלאַנג און מיר פילן אוממיטלבאַר זייער ווירקלעכקייט. ווען כ׳לייען פאַר אייך, למשל, לעאָנידס טאָג-בוך אָדער ביים לייענען פון טאָלסטאָיס באַשרייבונגען פון אַננע קאַרענינאַ — רופן דידאָזיקע באַשרייבונגען ביי אייך אַרויס אַ געוויסן מיטקלאַנג פון ענלעכע פּאָטענציעלע געפילן, און איר ווייסט אָדער איר פילט אוממיטלבאַר דעם גראַד פון זייער מעגלעכקייט און נאַטירלעכקייט. אָט ווי אַ שפּילנדיקער אינסטרומענט, ביידלעך פאַרגלייכנדיק, רופט אַרויס אַן ענטשפּרעכנדיק מיטקלינגען פון ענלעכע סטרונעס אין אַ נאָענט ליגנדיקן אינסטרומענט. דערפאַר קאָן דאָך דער קינסטלער אַריבערטראָגן זיך און אונז אין אַ פרעמדע געפיל-וועלט, וואָס מיר האָבן פאַקטיש נישט דורכגעלעבט און וואָס די בילדלעכע באַשרייבונגען וועקן ביי אונז אַ מיטקלינגען פון ענלעכע פּאָטענציעלע געפילן. אָט אַזוי קאָנען גלייכצייטיק הונדערטער מענטשן אין טעאַטער, מיט מער אָדער ווייניקער שפּאַנונג, אינערלעך מיטפילן די אויף דער בינע פאָרגעשטעלטע נשמה-געשעענישן, ווי אַ ראָמאַן אָדער אַ ביאָגראַפיע קאָן אַלגעמיין אינערלעך דורכגענומען ווערן. מיר פילן אוממיטלבאַר די ווירקלעכקייט פון אָט די אינערלעך מיטקלינגענדיקע פּסיכישע ערשיינונגען, ווי מיר זעען אויך דערפאַר עמפינדלעך קעגן „פאַלשע נאָטן" פון אַ באַשרייבונג אָדער אומנאַטירלעכע איבערטרייבונגען א. ד. גל. ווען אַ באַשרייבונג

„פאַרלעצט“ אונזער ווירקלעכקייטס־געפיל, הויבן מיר אָן אינערלעך צו פראָטעסטירן. ווי אַלע פסיכישע כחות, איז אויך די זעלבסט־באָבאַכטונג, ווי דער חוש צו פיל־ווירקלעכקייט, אינדיווידועל פאַרשידן — אָפּהענגיק פון באַגאַבונג און איבונג. יעדער מענטש האָט די פעיִקייט זיך אינערלעך אָפּצורופן אויף פרעמדע אָדער פאָרגעשטעלטע איבערלעבענישן און דורכפילן דעם גראַד פון זייער ווירקלעכקייט. נאָר ביי דעם געוויינלעכן מענטשן איז עס אינדיווידועל, צעשוומען, אומבאַשטימט, וואָס שטייגערט זיך אָבער אין דער קונסט צו אַ־אַלגעמיין גילטיקער לעבעדיקער בילדלעכקייט. מ׳האָט נאָך וויסנשאַפטלעך לערך ווייניק געפאָרשט דעם כאַראַקטער און די אַנטפּלעקנס־תּנאים פון דער פסיכישער פיל־ווירקלעכקייט. אין אַלגעמיין אָבער מוז מען ביי אַ פסיכאָלאָגישער פאָרשונג זיך דורכאויס רעכענען מיט דעם פסיכיש־נאַטירלעכן ווירקלעכקייטס־חוש. ווען די פאָרשונג נעמלעך פון דעם פאַקטישן פסיכישן לעבן קומט צו רעזולטאַטן, וואָס זענען לחלוטין פרעמד אונזער אינערלעכער ערפאַרונג אָדער „פאַרלעצט“ אונזער ווירקלעכקייטס־געפיל, מוזן מיר דורכאויס קאָנטראָלירן די אָביעקטיווע ריכטיקייט פון אַזאַ פאָרשונג, ווי מ׳מוז קאָנטראָלירן דעם מעכאַניזם פון אַ קאָמפּאַס, ווען זיינע אָנווייזונגען ווערן צווייפלהאַפט. פון דער אַנדערער זייט מוזן מיר נאָכפּרווון אָדער קאָנטראָלירן די אָביעקטיוו קינסטלערישע פיל־ווירקלעכקייט — דורך עמפּירישער פאָרשונג פון אַנטשפּרעכנדיקע פאַקטישע איבערלעבענישן און פסיכישע געשעענישן.

די עמפּיריש וויסנשאַפטלעכע פסיכאָלאָגיע אָדער די מענטש־וויסנשאַפט האָט, הייסט עס, צו טון מיט דער פסיכישער פאַקט־ווירקלעכקייט, ווי די קונסט — מיט דער פיל־ווירקלעכקייט. אונזער פאָרשונג, האָבן מיר געזאָגט, מוז זיין אַן עקספּעדיציע־פאָרשונג, ד. ה. אַ זעלכע, וואָס וויל אַריינדרינגען אין דער פאַקטיש געגעבענער פסיכישער ווירקלעכקייט, זי אָביעקטיוו באַאָבאַכטן און באַשרייבן, כדי אינדוקטיוו אַרויסצובאַקומען אַלגעמיין כאַראַקטעריסטישע רעזולטאַטן. פון איין זייט, מוז אַזאַ פאָרשונג כסדר קאָריגירן און קאָנטראָלירן אירע מעטאָדן

און וועגן, אויף וויפל זיי לאָזן פּאַקטיש אַריינדרינגען און אָביעקטיוו באַאָבאַכטן. פון דער אַנדערער זייט מוז מען שטענדיק די רעזולטאַטן פון דער פאָרשונג קריטיש מעסטן און פאַרגלייכן מיט דעם נאָרמאַל-אינדיווידועלן און קינסטלעריש-אָביעקטיוון ווירקלעכקייטס-געפיל. די פאָרשונג וויל דאָך אַריינדרינגען אין די געגעבענע ספערן פון נשמה-לעבן, וואָס זענען דעם נאָרמאַלן מענטשן פּאַקטיש אָדער פּאָטענציעל צוגענגלעך פאַר זיין אינער-לעכער ערפאַרונג, און וואָס קינסטלער האָבן צו אַלע צייטן מיט געניאַלער אינטואיציע געזוכט דורכצובליקן און צו שילדערן. מ׳מוז שטרענג דורכקאָנטראָלירן יעדע פאָרשונג, ווען זי ברענגט לעבנס-פרעמדע רעזולטאַטן און ווערט פאַרקריפּלט צו אַ מין פּסיכאָלאָגישן שפּיאָנאַזש, וואָס וויל אויפצווונגען דעם מענטשן „באַהאַלטענע״ שטרעבונגען, פון וועלכע מ׳האָט נישט אַפילו פּאָטענציעל קיין פאָרשטעלונג און זיי זענען פרעמד-אָפּשטויסנדיק פאַר דעם נאָרמאַלן ווירקלעכקייטס-געפיל.

ווי איר האָט עס אין די פריערע לעקציעס געזען, האָבן אונזערע פאָרשונגען כסדר צו טון בלויז מיט פּאַקטישע פּסיכישע געשעענישן, וואָס ווערן אָביעקטיוו באַאָבאַכטעט און פאַרגליכן ביי פאַרשידענע מענטשן און צושטאַנדן. דידאָזיקע פּסיכישע געשעענישן, ווי די רעזולטאַטן פון זייער פאַרגלייכנדיקער פאָרשונג, זענען דורכאויס פאַרשטענדלעך און לעבנס-נאַטירלעך. איך וויל איצט אייך געבן די ווייטערע מעגלעכקייט צו קאָנ-טראָלירן אונזערע אויספירונגען דורך אייער אינערלעכער דערפאַרונג. כ׳וויל טאַקע גלייך אפעלירן צו אָט דער דערפאַרונג און הויב אָן מעטאָדיש דערפאַר מיט פראַגן.

אָט האָבן מיר אויבן גערעדט וועגן דעם שטענדיקן געוועלעכן פּסיכישן לעבן וואָס איז איינגעשטעלט און געשטימט אויף די נאַטירלעכע אינטערעסן פון לעבנס קאַמף. ס׳איז דאָס נאָרמאַלע, געוועלעכע, וואָכעדיקע באַוווסטזיין פון דעם דערוואַקסענעם קולטור מענטשן (וועגן קינדער און פרימיטיווע מענטשן זאָל באַזונדער די רעדע זיין). מיר וועלן עס קורץ אָנרופן נאָרמאַל-באַוווסטזיין, און שפּעטער וועלן מיר אויף זיין גענויערער פאָרשונג קומען. איצט

בשעת דער לעקציע, ווי בכלל ביי דעם שטענדיקן ניכטערנעם צופאסונגס-לעבן, ווירקט ביי אייך דאס נארמאל-באוווסטזיין. פרעג איך אייך איצט, וועלכע אנדערע פאקטיש-קאנקרעטע ארטן פון רעאל-פסיכישן לעבן זענען אייך באקאנט פון אייער אינערלעכער ערפארונג. אט ענטפערט עמעצער צווישן אייך, אז א חוץ דעם נארמאל-באוווסטזיין ווירקט אויך דאס „אומבאוווסטע". דאס איז אבער בלויז א אומבאשטימטער באגריף אדער א טעארעטישע אויספירונג. ביי אונזער עקספעדיציע-פארשונג ווילן מיר אבער דורכאויס קאנקרעט פאקטישע לעבנס ארטן פון דער אינעווייניקסטער ערפארונג. אט הער איך נאך אן ענטפער, אז א חוץ דעם נארמאל-באוווסטזיין זענען דא אינסטינקטן. אבער אויך אין נארמאל-באוווסטזיין ווירקן דאך אינסטינקטן, ווי הונגער געפיל, ליבע א. ד. גל. אפשר מיינט איר יענע אומגעוויינלעכע פאקטישע ווירקונגס-ארטן פון אינסטינקטן, וואס קומען נישט פאר אין דעם נארמאל-באוווסטזיין? וועלכע זענען זיי פאקטיש? מיר וועלן זיך נאך צו דעם צוריקקערן. אט האט מען צווישן אייך דערמאנט וועגן חלומות. דאס חלום-לעבן איז טאקע א פאקטישע פסיכישע לעבנס-ארט, וואס איז אנדערש ווי דאס נארמאל-באוווסטזיין און וואס יעדער פון אייך קען פאקטיש פון זיין ערפארונג.

ווי ס׳איז צו זען, האט איר באנומען דעם תוך פון אונזער פראגע. (ס׳קומט פאר א זאכלעכער מיינונג אויסטויש פון דער אודיטאריע).איך צייכן אויף אלע אייערע קאנקרעטע אנווייזונגען און וויל איצט מעטאדיש — סיסטעמאטיש באשרייבן די פאר יעדער אינערלעכער ערפארונג צוגענגלעכע פארשידענע פסיכישע לעבנס-ארטן, וואס זענען אינערלעך פארבונדן און בייטן זיך אפ געזעצמעסיק דינאמיש אין אן אינערלעכן צוזאמענהאנג.

שטיצנדיק זיך אויף די פריער געגעבענע און באגרינדעטע באצייכנונגען, באשרייבן מיר צוערשט די ספעריש פרימיטיווע רעאל-פסיכישע ארטן, וואס זענען אונז פאקטיש באקאנט פון די דערפארונג. דאס זענען פאלגנדיקע:

חלומות

גייסט-קראַנקייטן

היפּנאָטישע צושטאַנדן

פּסיכישע צושטאַנדן ביי שכּרות און אַנדערע פאַר-
שידענע פאַרגיפטונגען (מאָרפיע א. ד. גל.)

פּרימיטיוו-ווילדע אינסטינקטן אָדער פּרימיטיוו ווילדע
ווירקונגס-אַרטן פון אינסטינקטן.

ביי חלומות און היפּנאָז, ווי ביי גייסט-קראַנקייטן און פאַרגיפטונגען, זעען מיר פאַקטיש בולט ספּעריש-פּרימיטיווע אַרטן פון רעאַל פּסיכישן לעבן, וואָס זענען לחלוטין אַנדערש, ווי דאָס נאָרמאַלע באַוווסטזיין, און ברענגען מייסטנס צום אויסברוך פון נידריקער אָרגאַניזירטע פּסיכישע סטרוקטורן. ווי מיר האָבן עס אויבן אויך געזען ביי דער נערוועזישקייט פון לעאָנידן און מאַקסן.

אָבער אויך אין דעם לעבן פון יעדן מענטשן קאָנען ביי באַשטימטע תּנאים אויפוואַכן פּרימיטיווע אינסטינקטן אָדער פּרימיטיווע ווירקונגס-אַרטן פון אינסטינקטן, וואָס פאַרענדערן פּרימיטיוו דאָס נאָרמאַל-באַוווסטזיין. ס'זענען אייך אַלעמען אין דעם זין באַקאַנט די וויכטיקע פאַקטן פון סאָציאַל-פּסיכישן לעבן. די פּרימיטיוו גרויזאַמע בלוט-דורשטיקייט פון סאָלדאַטן בשעת דער הייסער קאַמף-צייט אויפן פראָנט. די[1], וואָס זענען נישט געווען אויף אַ פראָנט, ווייסן דאָס נאָר פון פאַקטישע באַשרייבונגען, וואָס ווערן אָבער אַלגעמיין אינערלעך מיט-איבערגעלעבט און באַקומען פיל-ווירקלעכקייט. די לעצטע יאָרן, למשל, זענען אין רוסלאַנד ביי דער קאַטאַסטראָפאַלער הונגער-

1) די „אַטלאַס“-פּסיכאָלאָגיע האָט נאָך כּמעט ווי גאָר נישט געזאַמלט אָדער באַאַרבעט וועלכן ס'איז וויסנשאַפטלעכן אָביעקטיוון פאַקטישן מאַטעריאַל פון אַט דער געוואַלדיקער פראָנט-ערפאַרונג. פאַר אַזוינע און ענלעכע אומצעליקע ערשיי-נונגען פאַרמאָגט מען נאָר אַזוינע „אַטלאַס“-באַצייכנונגען, ווי „פּרימיטיווע מאַסן-אפעקטן“ א. ד. גל.

וויט גאַנצע געגנטן פאַרכאַפּט געווען פון פּרימיטיווער מענטשן-פרעסעריי. אויך דאָס ווייסט איר נאָך פון פאַקטישע באַשרייבונגען דורך פיל-ווירקלעכקייט. אין אויסנאַם-צייטן פון מלחמה און רעוואָלוציע וואכן אויף אין סאָציאַל-פּסיכישן לעבן ספּערישע בייגונגען — ווי אינטימע מאָראַליש-סאָציאַלע באַגייסטערונג (אינטים-אויפפלאַקערנדיקע פּאַטריאָטישע געפילן אָדער סאָציאַלע קאַמף-באַגייסטערונג), אַזוי אויך פּרימיטיוו ווילדע אינסטינקטן פון דער אויפגערודערטער קאַמף-סטיכיע. אָבער יעדער ווייסט פון זיין אייגענער ערפאַרונג, אַז ביי דער אַפעקטיווער אויפברויזונג פון צאָרן, האַס, אייפערזוכט א. ד. גל. קאָן יעדער מענטש ביי געוויסע תּנאים באַהערשט ווערן פון פּרימיטיוו-פּסיכישע איבער-לעבענישן, ווען אַט דער מענטש עמפּינדעט, פילט און האַנדלט לחלוטין אַנדערש, ווי ביי דעם געוועגלעכן נאָרמאַל-באַוווסטזיין. ביי יעדן מענטשן קומען פאָר אין זיין לעבן מער אָדער ווייניקער אַזוינע ספּעריש-פּרימיטיווע אויסנאַם-צושטאַנדן.

אָט ביי די אַלע פאַרשידענע ספּעריש-פּרימיטיווע אַרטן פון רעאַל-פּסיכישן לעבן קאָנען מיר זיי אָביעקטיוו באַאָבאַכטן און באַשרייבן נאָר אין מאָמענט פון זייער פאַקטישער אַנטפּלעקונג, וואָס עפנט דאַן אַ וועג אָדער אַ צוגאַנג פאַר דער פאָרשונג. אין פאַרלויף פון אונזערע לעקציעס האָבן מיר געקענט פעסט-שטעלן די פאָלגנדיקע פאָרשונגס-וועגן: 1) די פאָרשונג פון אויסנאַם-איבערלעבענישן, וואָס קומען פאָר אויך ביי נאָרמאַל-מענטשן, בשעת אַ ספּעריש-פּרימיטיוון **דורכברוך**, אַ חוץ באַאָבאַכטונגען פון פאַקטישער אויפפירונג, פאַרשידענע אויסערונגען און האַנדלונגען, האָבן מיר אין די מייסטן פאַלן אויך זעלבסט-באַשרייבונג פון דעם באַטרעפנדן מענטשן בשעת און נאָך דעם דורכברוך. אָט אַזוי האָבן מיר אויך געהאַט ביי לעאָנידן זעלבסט-באַשרייבונגען בשעת און נאָך דעם נערוועזן דורכברוך. דאָ האָבן מיר די מעגלעכקייט אָביעקטיוו צו פאַרגלייכן די פּסיכישע ערשיינונגען פון דעמזעלבן מענטשן אין געוויינלעכע מאָמענטן פון נאָרמאַל-באַוווסטזיין און אין אויסנאַם-מאָמענטן פון פּרימיטיוו-ספּערישן דורכברוך. אַהער געהערן בכלל אַלע באַאָבאַכטונג-

מאַטעריאַלן פון ספּעריש-פּרימיטיוון דורכברוך אין דעם צושטאַנד פון שכרות, היפּנאָז און פּרימיטיוו-אינסטינקטיווער אויפּברויזונג. 2) די פּאָרשונג פון פּרימיטיווע אויסנאַם-נאַטורן אָדער ספּעריש-פּרימיטיווע מענטשן, ווי גייסט קראַנקע, אַלקאָהאָליקער, פאַר-ברעכער א. ד. גל. דאָ האָבן מיר די מעגלעכקייט אָביעקטיוו צו פאַרגלייכן די פּסיכישע ערשיינונגען פון ספּעריש-פּרימיטיווע נאַטורן און נאָרמאַל-מענטשן. 3) די פאָרשונג פון די ספּעריש פּרימיטיווע עלעמענטן אין דעם לעבן פון נאָרמאַל-באַוווסטזיין. מיר האָבן אויבן געזעען, אַז אויך ביי דעם געוויינלעכן לעבנס-שטייגער אָדער אין דעם לעבנס-צוגעפּאַסטן נאָרמאַל-באַוווסטזיין זוכט און געפינט דער מענטש (אויף וויפיל ס'ערלויבט דער לעבנס-קאַמף) די מעגלעכקייט, וויפל ס'איז, זיך ספּעריש (אינטים און פּרימיטיוו) אויסצולעבן. אויף דעם אופן קענען מיר אין געוויינלעכן לעבן פון יעדן מענטשן געפינען מער אָדער ווייניקער פּרימיטיווע און אינטימע ספּערישע עלעמענטן, וואָס ניואַנסירן אינדיווידועל כאַראַקטעריסטיש דאָס נאָרמאַל-באַוווסטזיין. אַ מער אָדער ווייניקער, למשל, איינגעהאַלטענע נייגונג צו שכרות, צו עראָטישע עקסצעסן, אַ קוים איינגעהאַלטענע ווילדע גרויזאַמקייט א. ד. גל. אָדער פאַרקערט, אַ נייגונג צו קונסט און טרוימען אין פרייע מאָמענטן, אַ שטאַרקע איינגעהאַלטענע רעליגיעזישקייט א. ד. גל. די פאָרשונג מוז דאָ זייער פאָרזיכטיק באַאָבאַכטן און אויסטיילן די ספּעריש-פּרימיטיווע עלעמענטן ביי זייער קאָמפּליצירטער פאַרפלאָכטנקייט אין דעם נאָרמאַל-באַ-וווסטזיין.

מיר גייען איצט איבער צו דער פראַגע וועגן די ספּעריש-אינטימע אַרטן פון רעאַל-פּסיכישן לעבן. וועלכע זענען אייך באַקאַנט פון אייער אינערלעכער דערפאַרונג? ווי איר זעט, האָבן זיך פילע פון אייך אָפּגערופן אויף מיין פראַגע און האָבן אָנגעוויזן אויף אַזוינע רעאַלע פּסיכישע אַרטן. מיר וועלן איצט מעטאָדיש סיסטע-מאַטיש באַצייכנען די פאַר יעדע אינערלעכע דערפאַרונג צוגענגלעכע ספּעריש-אינטימע פּסיכישע אַרטן:

קינסטלערישע „אינספּיראַציע״ אָדער אויסנאַם-צושטאַנדן
בײַ קינסטלערישער שאַפונגס-באַגײַסטערונג.

רעליגיעז-נביאישע „אינספּיראַציע״ אָדער אומגעווײנ-
לעכע איבערלעבענישן בײַ רעליגיעזער שאַפונגס-
עקסטאַזע.

עקסטאַטישע און טראַגישע איבערלעבענישן.

ספּעריש-אינטימע געפילן אָדער ספּעריש אינטימע
ווירקונגס-אַרטן פון געפילן.

בײַ קינסטלערישער, ווי אויך בײַ רעליגיעז-נביאישער שאַפונגס-באַגײַסטערונג, קומען פאָר די אומגעווײנלעכע ספּעריש-אינטימע איבערלעבענישן, וואָס ברעכן פּאַמעלעך אָדער פּלוצים דעם נאָרמאַל-באַוווּסטזײַן און רופן אַרויס בײַם קינסטלער אָדער בײַם רעליגיעזן מענטשן דאָס געפיל פון אַ מין „אינספּיראַציע״. „כ׳האָב דאָס געפיל, דערציילט מאַקס, פון אַ מין התגלות, אַ גאָלדענער שלאַק-רעגן״. מיר ווייסן עס פון די זעלבסט-באַשרײַבונגען, וואָס אין אַלע צײַטן האָבן קינסטלער און נביאים פון זיך געמאַכט. אין אַזוינע מאָמענטן ענדערט זיך אַזוי דאָס וועלט-באַנעמען און ס׳רײַסן זיך דורך שעפּעריש (אין נביאה אָדער קונסט-ווערק) אַזוינע אומגעווײנלעכע ספּערישע ווילן-עמאָציאָנעלע ערשײַנונגען, אַז אַפילו די אַרומיקע האָבן דעם אוממיטלבאַרן אײַנדרוק פון אַ מין „אינספּיראַציע״.

אָבער יעדער ווייסט פון זײַן אייגענער דערפאַרונג, אַז אויך אין לעבן פון יעדן מענטשן קומען פאָר עקסטאַטישע און טראַגישע מאָמענטן אָדער ספּעריש אינטימע איבערלעבענישן, וואָס פאַרענדערן לחלוטין דאָס נאָרמאַל-באַוווּסטזײַן און ברענגען מײַסטנס העכער אָרגאַניזירטע פּסיכישע סטרוקטורן. אין אומגאַנג-לעבן געברויכט מען אָפט און זיכער אַזוינע באַצייכנונגען, ווי „אינטימע געפילן״ אָדער „אינטימע איבערלעבעניש״. דערמיט באַצייכנט מען יענע ספּערישע איבערלעבענישן, וואָס ווערן פון מענטשן אוממיטלבאַר געפילט — צום אונטערשייד פון דעם געווײנלעכן נאָרמאַל-באַוווּסטזײַן פון אָט דעם שטענדיקן פּסיכישן אויבערפלאַך -- אַלס אינערלעכע („אינטים״ איז דאָך די לאַטײַנישע

באַצייכנונג פון „אינערלעך") און טיף-גייענדיקע. מיר האָבן עס אויבן אין לעאָנידס זעלבסט-באַשרייבונגען געזען, ווי די אינטים-אויפּפּ, אַקערנדיקע ליבע ברעכט לעאָנידס נאָרמאַל-באַוווּסט-זיין און ענדערט זיין גאַנץ וועלט-באַנעמען, ווי אויך דעם כאַראַקטער און טעמפּ פון זיינע האַנדלונגען. ער וואַרפט זיין געוויינלעכן סטודענטישן לעבנס-שטייגער און קומט „אין אַ הייסע אינטימע ספערע, וואָס איז פול פון דראַנג און טרוים". די ספעריש אינטימע פאַרענדערונגען פון דער פערזענלעכקייט לאָזן זיך אָפט שוין דערקענען דורך דעם אויפפאַלנדיקן מימישן אויסדרוק. דער הייסער בליק פון די האַלב פאַרנעפּלטע אויגן, דער פאַרגאַפטער געזיכט-אויסדרוק, דער אַנטציקט-בלאָנדזנדיקער שמייכל, דאָס גאַנצע אויסטערלישע באַנעמען — שוין ריין מימיש אויסערלעך — לאָזט אָפט דערקענען די הייסע כוואַליע פון גליענדיקער אינטימישקייט, וואָס האָט אַזוי טיף פאַרכאַפּט די פערזענלעכקייט. אָבער נישט נאָר ליבע-געפיל, נאָר אויך יעדעס געפיל קאָן ביי געוויסע תנאים זיך אינער-לעך אַנטוויקלען און ווערן ספעריש-אינטים. מיר זעען עס אָביעקטיוו פאַקטיש אפילו ביי אַזוינע אָרגאַנישע געפילן, ווי הונגער און שמערץ, וואָס קענען ביי באַשטימטע תנאים זיך אינערלעך פאַרטיפן און ספעריש-אינטים פאַרענדערן די פערזענלעכקייט. אָט איז, למשל, דער „הונגער" פון האַמסון, וועלכער באַשרייבט די ספעריש אינטימע איבערלעבעניש פון דעם אינערלעך פאַרטיפטן הונגער-געפיל. צו אַלע צייטן האָט די רעליגיע, וואָס שטרעבט אַרויסצוברענגען דעם מענטשן פון דעם טאָג-טעגלעכן לעבן אָדער פון דעם געוויינלעכן נאָרמאַל-באַוווּסטזיין, תמיד באַנוצט הונגער (פאַסטן) און שמערץ (עינויים), וואָס ביי אינערלעכער פאַרטיפונג ווערן זיי אַ רייכער קוואַל פון ספעריש אינטימער פערזענלעכקייט-ענדערונג.

יעדעס געפיל לאָזט זיך (אָפּהענגיק פון כאַראַקטער און סיטואַציע) אויסלעבן אין צוויי ריכטונגען — אין דער ריכטונג פון צוועקמעסיקע מאָטאָרישע רעאַקציעס אָדער אינטים-גייסטיקער אויסלעבונג. מיט אַנדערע ווערטער, ווען מ'קאָן נישט (אָדער

1) דאָ אונטערשיידן מיר זיך זאַכלעך און פּרינציפּיעל פון פרויד און אַדלער, וועלכע ווילן איינזייטיק שטעמפּלענדיק אַרויספירן דאָס גאַנצע אינטימע לעבן פון דער עראָטיק אָדער פון מאַכט-שטרעבונג.

ס'וויל נישט) אויסלעבן אַ געפיל אַקטיוו-מאַטאָריש, נאָך אויסן — לאָזט זיך דאָס געפיל אויסווירקן אינטים-גייסטיק, נאָך אינעוויי-ניק. הונגער און שמערץ, למשל, רופן אַרויס נאַטירלעך אַקטיווע רעאַקציעס כּדי צו שטילן דעם הונגער אָדער שמערץ — מיר באַמיען זיך, זוכן און געפינען מיטלען צו באַפרידיקן דאָס געפיל, מימיש און פאַנטאַסטיש דריקן מיר אויס דעם אַקטיוון געפילס-דראַנג. אָבער ווען מיר קאָנען נישט אָדער ווילן נישט (ווי למשל, ביים רעליגיעזן פאַסטן און עינויים) באַפרידיקן אַקטיוו דאָס געפיל און טראָגן עס „אין זיך" — קאָן דאָס איינגעהאַלטענע געפיל זיך אינערלעך פאַרטיפן און ספּעריש-אינטים אויסגעלעבט ווערן.

אויך דאָ ביי אָט די אַלע פאַרשידענע ספּעריש-אינטימע אַרטן פון רעאַל-פּסיכישן לעבן קענען מיר זיי אָביעקטיוו באַ-אָבאַכטן און באַשרייבן נאָר אין מאָמענטן פון זייער פאַקטישער אַנטפּלעקונג, וואָס עפנט אַ וועג אָדער אַ צוגאַנג פאַר דער פאָרשונג. און אויך דאָ האָבן מיר אין פאַרלויף פון אונזער אַרבעט געקענט פעסטשטעלן פאָלגנדיקע פאָרשונגס-וועגן. 1) די פאָרשונג פון אויסנאַם-איבערלעבענישן ביי דעם ספּעריש-אינטימען דורכברוך, וואָס קומט פאָר ביי באַשטימטע תּנאים אויך ביים נאָרמאַלן מענטשן. אַ חוץ אָביעקטיווע באַאָבאַכטונגען פון פאַקטישער אויפ-פירונג, פאַרשידענע אויסערונגען און האַנדלונגען, קענען מיר אין אַזוינע פאַלן האָבן אויך זעלבסט-באַשרייבונגען פון דעם באַטרעפנדן מענטשן בשעת און נאָך דעם דורכברוך. אָט אַזוי האָבן מיר געזען אויבן ביי לעאָנידן זעלבסט-באַשרייבונג פון דעם ספּעריש-אינטימען ליבע-דורכברוך. דאָ האָבן מיר אַ מעגלעכקייט אָביעקטיוו צו פאַרגלייכן די פּסיכישע איבערלעבענישן פון דעמזעלבן מענטשן אין געוועינלעכן לעבנס-צייטן פון נאָרמאַל-באַוווסטזיין און בשעת דעם פּעריאָד פון ספּעריש-אינטימען דורכברוך. אַהער געהערן אַלע באַאָבאַכטונג-מאַטעריאַלן פון דעם ספּעריש אינטימען דורכברוך אין עקסטאַטישע און טראַגישע לעבנס-מאָמענטן בשעת דער אינטים — פאַרטיפטער אויפפלאַקערונג פון העלכן ס'איז געפיל. 2) די פאָרשונג פון ספּעריש אינטימע מענטשן, ווי הייליקע, נביאים, באַגייסטערטע דיכטער-נאַטורן,

מאָראַליש-עקסטאַטישע פאָלקס-העלדן א. ד. גל. דאָ האָבן מיר די מעגלעכקייט אָביעקטיוו צו פאַרגלייכן די פסיכישע ערשיי-נונגען ביי ספּעריש-אינטימע נאַטורן און ביי נאָרמאַלע מענטשן. ספּערישע אויסנאַם-מענטשן האָבן פון נאַטור אַזאַ שטאַרקע ספּערישע סטיכיע, וואָס ערשיטערט רעלאַטיוו שטענדיק דאָס לעבנס-צוגעפּאַסטע נאָרמאַל-באַוווסטזיין. ביי געאָרגן, למשל, איז די ספּערישע קאַמף-סטיכיע אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט, ווי ביי מאַקסן די ספּערישע קינסטלערישע סטיכיע, אַז זיי קאָנען זיך נישט אויסלעבן אין דעם לעבנס-צוגעפּאַסטן נאָרמאַל-באַוווסטזיין, וואָס ווערט כסדר דורכגעריסן. אָט אַזוי ווייסן מיר אויך די ביבלישע זעלבסט-באַשרייבונגען פון נביאים, וועלכע ס'ציט „מיט געוואַלד" פון דעם טאָג-טעגלעכן לעבן אין די שטאַרקע ספּעריש-נביאישע סטיכיע.

די אָביעקטיווע באַאָבאַכטונגע, באַווייזן אָבער, אַז די ערציונג קאָן ביי גינסטיקע תנאים אַנטוויקלען און קולטיווירן אין דעם מענטשן די ספּערישע סטיכיע אויף דעם חשבון פון דער צופּאַסונג - פעיקייט אָדער פון דעם לעבנס-צוגעפּאַסטן נאָרמאַל-באַוווסטזיין, וואָס ווערט אונטערדריקט און נישט אויסגעבילדעט. אָט אַזוי, למשל, שטרעבט די ווייטגייענדיקע רעליגיעזע ערציונג ביי צוברענגען דעם מענטשן, אַז די אַרומיקע וועלט מיט אירע ערדישע אינטערעסן איז בלויז אַ זינדיקער דמיון, הבלי עולם-הזה, — דער עיקר איז די עולם הבא, דאָס רוחניות'דיק אינטימע נשמה-לעבן. פון איין זייט ווערן אונטערדריקט דער חשק און די פעיקייט צו אַ לעבנס-צוגעפּאַסטן נאָרמאַל-באַוווסטזיין, פון דער אַנדערער זייט, ווערט כסדר געוועקט און אַנטוויקלט די ספּעריש אינטימע רעליגיעזע סטיכיע. אָט אַזוי זעען מיר אין גרויסע רעליגיעזע צייטן און קרייזן אַ געוויסע מאַסן-ערשיינונג פון עקסטאַטישע אָדער ספּעריש רעליגיעזע מענטשן. דאָסזעלבע איז אויך בנוגע צו ספּעריש פרימיטיווע מענטשן. אייניקע האָבן פון נאַטור אַ שטאַרקע פרימיטיווע סטיכיע, וואָס רייסט כסדר דורך דאָס נאָרמאַל-באַוווסטזיין, ווי מיר זעען עס עפּ"י רוב ביי פסיכאָפּאַטישע ליידנשאַפט - פאַרברעכער. ביי אַנדערע

קומט עס דורך שלעכטער אָדער פעלנדיקער ערציונג, וואָס אונטערדריקט די אויסבילדונג פון אַ לעבנס-צוגעפּאַסטן נאָרמאַל-באַוווסטזיין און אַנטוויקלט די פּרימיטיוו-ווילדע נייגונגען און ליידנשאַפטן, — ווי דאָס קומט אָפט פאָר ביי פיל פאַרלאָזענע גאַסן-קינדער. ווי אומעטום אין נשמה-לעבן, אַזוי אויך דאָ זענען אינטימע און פּרימיטיווע ספערן אינערלעך פאַרבונדן און בייטן זיך אָפּ דינאַמיש לויטן כאַראַקטער און סיטואַציע.

מיר זעען, ווי גלייך ס'זענען די אַנטפּלעקונגס-תנאים (און די דורכדעם געעפנטע פאָרשונגס-וועגן) פון אינטימען און פּרימיטיוון ספערישן לעבן, וואָס צוזאַמען מיט דעם נאָרמאַל-באַוווסטזיין בילדן זיי די דריי פאַקטיש פאַרשידענע אַרטן פון רעאַל-פּסיכישן לעבן. יעדע פון זיי איז אומענדלעך פילגעשטאַלטיק, און אַלע צוזאַמען בילדן דעם קאָמפּליצירטן-איינהייטלעכן שטראָם, וואָס לויטן כאַראַקטער און סיטואַציע ברענגט ער געזעצמעסיק די אָדער יענע פּסיכישע אַרט צום באַוווסטזיין-אויבערפלאַך. וועגן אָט דער געזעצמעסיקייט וועלן מיר נאָך ווייטער רעדן.

אייגנטלעך האָבן מענטשן צו אַלע צייטן, פון זייער אייגענער דערפאַרונג אַרויס, אוממיטלבאַר געהאַט די ענלעכע אויפפאַסונג, אַז אַ חוץ דעם געוויינלעכן פּסיכישן לעבן זענען פאַראַן „העכערע" און „נידריקע" איבערלעבענישן, וואָס קומען פאָר אַלס אויסנאַם-צושטאַנדן ביי יעדעם געוויינלעכן מענטשן אָדער אַלס שטענדיקערע צושטאַנדן ביי אויסנאַם-מענטשן. צווישן דעם הייליקן און פאַרברעכער שטייט דער מיטל-מענטש, ווי ביי יעדן מענטשן שטייט דאָס געוויינלעכע טאָג-טעגלעכע לעבן צווישן זעלטענעם עקסטאַטישן אויפשוווּנג און זעלטן פאָרקומענדיקן זינקען. די אַלגעמיינע אויפפאַסונג ווייסט אויך מער אָדער ווייניקער וועגן דעם פליסנדיקבאַוועגלעכן איבערגאַנג פון צושטאַנדן און כאַראַקטערן — „אַ מענטש שטייט נישט אויף איין אָרט".

ערשט אין דער וויסנשאַפט הויבן זיך אָן טעאָרעטיש אויפגעצוווּנגענע אָפּווייכונגען פון אָט דער לעבנס-נאַטירלעכער אויפפאַסונג, וואָס לאָזן זיך קורץ אַלס דריי פאַרשידענע ריכטונגען פאָרמולירן, די רעליגיעז-מעטאַפיזישע פּסיכאָלאָגיע נייגט צו

אמין פסיכאָלאָגישן פלאַטאָניזם. לויט אַט דער אנשויונג איז בלויז די „העכערע", די ספעריש-אינטימע פסיכישע אַרט, דער עצם און שורש פון דער נשמה: דאָס געוויינלעכע פסיכישע לעבן, וואָס איז געשטימט אויף די ערדישע אינטערעסן פון לעבנס-קאַמף, ווי אויך די פרימיטיווע ליידנשאַפטן, זענען נאָר זינדיקע אָפּוויי-כונגען פון דער בעצם דורכאויס הימלישער נשמה. אין קעגנזאַץ צו דעם ברענגט דער פסיכאָ-אַנאַליז אַמין אומגעקערטן פלאַטאָניזם, וואָס וויל פאַרקערט אַרויספירן פון דעם ספעריש-פרימיטיוון אינסטינקט-לעבן די גאַנצע פסיכישע וועלט — אויך די העכערע קאָמפליצירטע ספעריש-אינטימע ערשיינונגען זענען בלויז אומוואַנדלונגען אָדער „סובלימירונגען" פון דער בעצם אינסטינקטיווער פסיכיק. די עקספערימענטאַלע פסיכאָ-לאָגיע זעט און פאַרשט דורכאויס דאָס געוויינלעכע נאָרמאַל-באַוווסטזיין, די ספערישע אויסנאַם-צושטאַנדן ווערן אָבער דערביי ווייניק באַאַכטעט, ווי זעלטענע אפעקטיווע עקסצעסן אָדער קראַנק-האַפטע אָפּווייכונגען פון דעם בעצם נאָרמאַלן פסיכישן לעבן.

די אַלע דריי אנשויונגען זענען דורכאויס טעאָרעטיש-ספעקולאַטיוו, פאַקטיש אומבאַגרינדעט און פאַראיינזייטיקן ווילנ-דיק דאָס פילאַרטיקע נשמה-לעבן. די מענטש-וויסנשאַפטלעכע פסיכאָלאָגיע, ווי די נאַטירלעכע לעבנס-אויפפאַסונג, קאָנסטאַטירט אָביעקטיוו די דריי פאַקטיש געגעבענע אַרטן פון פסיכישן לעבן, וואָס פליסן אין איינאַנד אין פסיכישן שטראָם, און בילדן, ביי דער אינדיווידועל-אַנטשפּרעכנדיקער פאַרטיילונג און צוזאַמענגעבונדנקייט דאָס נויטיקע גלייכגעוויכט פון נשמה-לעבן. ווי יעדע אָרגאַנישע סטרוקטור פאַרמאָגט אויך די נשמה-אָרגאַניזאַציע פאַרשידענע אינערלעך פאַרבונדענע אַרטן און תמיד אַנטפּלעקט זיך און אַנטוויקלט זיך די אָדער יענע אַרט, וואָס קאָן ביי דער געגעבענער סיטואַציע אַנטהאַלטן אָדער אויסדריקן די לעבנס-איינהייט פון דער גאַנצער פסיכישער סטרוקטור. נישט וואָס איין אַרט פאַר-וואַנדלט זיך אין דער אַנדערער נאָר איינע בייט אָפּ די אַנדערע אין דעם אינערלעכן צוזאַמענהאַנג פון דער גאַנצער סטרוקטור. ווען נאָך דער אויסגעלאָשענער ליבע ביי לעאָנידן ברעכט אויי

די נערוועזישקייט — איז עס ווילקירלעך צו באַהויפּטן, דאָס ליבע און נערוועזישקייט פאַרוואַנדלען זיך איינע אין דער אַנדערער. די אָביעקטיווע פאָרשונג און דאָס אוממיטלבאַרע געפיל ווייזן דייטלעך, אַז דאָ בייטן זיך אַפּ דינאַמיש — געזעצמעסיק פאַרשידענע פּסיכישע אַרטן. נאָך דער אינטימער הויך-שפּאַנונג קומט די גאַנצע פּסיכישע סטרוקטור אין וואַקלעניש, און ביי דער „קרעמפּנ-דיקער פּוסטקייט" אַנטוויקלט זיך אָרגאַניש די נערוועזישקייט, וואָס ברענגט די אינערלעך נויטיקע הויך-שפּאַנונג פון דער גאַנצער סטרוקטור. באַאָבאַכטן מיר אָביעקטיוו די פאַרשידענע לעבנס-און קראַנקהייטס-געשיכטן זעען מיר ביי יעדן מענטשן דעם לעבנס-צוגעפּאַסטן נאָרמאַל-באַוווּסטזיין און דעם אינדיווי-דועל ספּעריישן דראַנג, וועלכער ברענגט גלייכצייטיק צום אינדיווידועל-מעגלעכן אויסברוך אויך די ספּעריש-פּסיכישע אַרטן. ווען דער ספּערישער קאָפּיציענט אַנטשפּרעכט נישט דעם פּאַקטיש מעגלעכן לעבנס-שטייגער, קומט עס צו פּסיכישן סקאָרבוט, וואָס איז די קראַנקהאַפטע פּרימיטיווע נויט-אויסווירקונג פון דעם אומבאַפרידיקטן אינערלעכן דראַנג. דאָס עפנט אונז אויף אַ טיפן איינבליק אין דעם וווּרצל פון נערוועזישקייט און גיט אונז אַ וועג צו איר ראַדיקאַלער היילונג דורך אַנטשפּרעכנדיקער דער-גאַנצונג פון לעבנס-שטייגער.

ביי יעדן מענטשן און ביי יעדן צושטאַנד, הייסט דאָס, ווירקן אַלע זיינע פּסיכישע אַרטן, פון וועלכע נאָר די אָדער יענע איז לויט כאַראַקטער און סיטואַציע פאָרהערשנדיק. ווי ניכטער און טרוקן דער מענטש זאָל נישט זיין, ווי פעסט ס'זאָל נישט זיין ביי אים דער נאָרמאַל-באַוווּסטזיין — האָט אָבער יעדער מענטש זיין אינדיווידועל-ספּערישע סטיכיע, וואָס אַנטפּלעקט זיך און לאָזט זיך באַאָבאַכטן אַלס ניואַנסן און עלעמענטן פון דעם געוויינלעכן לעבנס-שטייגער אָדער אַלס אויסנאַם-צושטאַנדן ביים ספּערישן דורכבּרוך, ווי ס'קומט אַלס שטענדיקערער צושטאַנד ביי ספּערישע מענטשן. די פאָרשונג פון ספּערישן לעבן פירט אונז צו די טיפענישן פון דער אינערלעכער פּער-זענלעכקייט, אין איר אומבאַרירטער עכטקייט און אורטימלעכקייט.

אויך די קונסט שטרעבט הויפּטזעכלעך צו פֿאַרשן און אויסצודריקן די ספּעריש אינערלעכע פּערזענלעכקייט. צוליב דעם שילדערט זי טאַקע מיינסטנס דעם מענטשן אין אויסנאַם-צושטאַנדן ביים ספּערישן דורכברוך פון ליבע און אַנדערע ליידנשאַפטן (ווי צ. ב. ביי אַננע קאַרעני נא), אָדער זי שילדערט דעם שטענדיקן עקסטאַטיש-טראַגישן עולה-ויורד פון דעם ספּערישן ליידנשאַפטס-מענטשן, ווי אויך ביי דער שילדערונג פון געוויינלעכן לעבנס-שטייגער, ווייזט די קונסט אַרויס בולט די עכט-פּערזענלעכע כּפּערישע יסודות און עלעמענטן.

פאַר אונזערע לעצטע אויספירונגען, הייסט דאָס, איז אויך גינסטיק דער קריטישער פאַרגלייך פון דער מענטש-וויסנ-שאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע און דער קינסטלערישער שילדערונג, וואָס ווילן ביידע, יעדע אויף איר שטייגער, אַרומנעמען די אומענדלעך פילגעשטאַלטיקע נשמה-ווירקלעכקייט.

אָט די אויספירונגען פון די דריי אין אַנאַנד פליסנדיקע פאַרשידענע פּסיכישע אַרטן וואָלטן מיר גראָב סכעמאַטיש געקאָנט גראַפיש אויסדריקן אין דער פאָרם פון דריי אין אַנאַנד איבער-גייענדיקע שיכטונגס-קרייזן:



אינדיווידועלע און אוניווערסאַלע מעטאָדן פון ספערע־פאָרשונג

(אָרגאַניזאַציע פון אַ ספערישער פאָרשונגס־עקספּעדיציע)

(זיבנטע לעקציע)

ביי דער פאָרשונג פון ספערישן לעבן קען מען אָנווענדן אינדיווידועלע און אוניווערסאַלע מעטאָדן. די ערשטע גיבן די מעגלעכקייט צו פאָרשן קאָנקרעט דעם ספערישן קאָעפיציענט ביי דעם איינצעלנעם מענטשן, דעם גראַד און כאַראַקטער פון זיין ספערישן דראַנג, ווי אויך די נאַטור און ריכטונג פון זיין ספערישן לעבן בכלל. די אוניווערסאַלע מעטאָדן פאַרנעמען זיך מיט אַזוינע ספערישע דערשיינונגען, וואָס האָבן — ווי למשל, קינסטלערישע און רעליגיעזע שאַפונגען — אַן אוניווערסאַלע באַדייטונג.

אינדיווידועלע מעטאָדן

מיר האָבן כסדר געזען, אַז אַ חוץ דעם לעבנס־צוגעפּאַסטן נאָרמאַל־באַוווּסטזיין איז ביי יעדן מענטשן פאַראַן אַ ספעריש אינער־לעך לעבן, אינטים און פרימיטיוו, וואָס אַנטפּלעקט זיך און לאָזט זיך באַאָבאַכטן אַלס עלעמענטן און ניואַנסן פון דעם שטענדיקן פּסיכישן לעבן אָדער אַלס אויסנאָם־צושטאַנדן ביי יעדן מענטשן,

ווי מיר באַבאַכטן עס אַלס שטענדיקערע צושטאַנדן ביי אויסנאַם־מענטשן. אַט די אַלע מאָמענטן, ווען ס׳אַנטפּלעקט זיך דאָס ספּערישע לעבן, ווערן אויסשליסלעך באַנוצט פון די פאַרשידענע מעטאָדן צו באַאָבאַכטן דאָסדאָזיקע אַנטפּלעקטע ספּערישע לעבן.

דער ספּערישער דראַנג איז, ווי מיר האָבן פריער געזען, נאָך גראַד און כאַראַקטער, ביי יעדן מענטשן אינדיווידועל פאַר־שידן — ספּערישער קאַפּיציענט.

די אינדיווידועל פאַרשידענע אָרגאַנישע און סאָציאַלע תּנאים באַשטימען ביי יעדן מענטשן די נאַטור, ריכטונג און אינהאַלט פון זיין ספּערישן לעבן. קינסטלערישע און רעליגיעזע נאַטורן, עראָטישע, ראָמאַנטישע מענטשן און קאַמף־נאַטורן אָדער טעמפּע געוווינהייטס־מענטשן — ביי יעדן פון אַזוינע און דער־גלייכן זענען די אינטענסיווקייט און כאַראַקטער פון ספּערישן לעבן דורך זייערע אָרגאַנישע באַשאַפנקייט אינדיווידועל פאַרשידן.

אויך ביי פאַרשידענע עלטער־שטופן ווייזט זיך אַרויס פאַרשידן דאָס ספּערישע לעבן. אין די יונגערע יאָרן קאָן דאָס ספּערישע לעבן רעלאַטיוו שטאַרקער און גיכער אויפפלאַקערן, ווייל דער יאָך פון לעבנס־קאַמף איז רעלאַטיוו נאָך נישט אַזוי שטאַרק, און דער איינהאַלטנדיקער נאָרמאַל־באַוווסטזיין איז נאָך נישט גאַנץ אַנטוויקלט. אָבער אויך ריין אָרגאַניש האָט דאָס ספּערישע לעבן אין דער יוגנט איר אייגענע ריכטונג און כאַראַקטער. אָט אַזוי קאָן מחמת ריין אָרגאַנישע טעמים אין דער יוגנט־צייט, למשל, דאָס ליבע־געפיל גיכער און אַנדערש אויפפלאַקערן צו ספּעריש־אינטימען לעבן, ווי אין די עלטערע יאָרן. יעדע נאַטור, ווי יעדעס עלטער — האָט זיינע אייגענע צוגענגלעכע קוואַלן פון ספּערישן לעבן. ביי די מייסטע מענטשן קומט אין דער יוגנט מער אָדער ווייניקער דער פעריאָד פון „שטורם און דראַנג״, ווען דאָס ספּערישע לעבן דערגרייכט אַ געוויסן הויך־פּונקט. ערשט מיט די יאָרן הויבט זיך אָן דער מענטש פאַמעלעך „אויסצוניכטערן״. וואָס שטאַרקער די ספּערישע נאַטור, אַלץ ווייניקער און שפּעטער קאָן זי זיך „אויסניכטערן״.

מיר האָבן אין דער פריערדיקער לעקציע באַוויזן, אַז די

ערציונג קאָן (אין די ראַמען פון דער אינדיווידועלער נאַטור) וועקן און אַנטוויקלען די ספּעריפֿישע סטיכיע אויפֿן חשבון פון דעם לעבנס-צוגעפּאַסטן נאָרמאַל-באַוווסטזיין, וואָס ווערט אונטער-דריקט און נישט אויסגעבילדעט. די ערציונג קאָן אויך וועקן און אַנטוויקלען דאָס נאָרמאַל-באַוווסטזיין אויפֿן חשבון פון ספּעריפֿישן לעבן, אָדער אַנטוויקלען אַ באַשטימטע פאָרם פון ספּעריפֿישן לעבן (עסטעטישע, רעליגיעזע, סאָציאַל-עטישע א. א. וו.).

די ערציונג איז ענג פאַרבונדן מיט דעם סאָציאַל-קולטורעלן לעבן. אין מיטלאַלטער, למשל, האָט מען אין דער ערציונג, ווי אין דעם געזעלשאַפטס-לעבן בכלל, קולטיווירט די רעליגיעזישקייט אַלס קוואַל און אויסווירקונג פון דער ספּעריש-אינטימער סטיכיע. אין צייטן פון רעוואָלוציע קומט עס צו אַ ספּעריש-אינטימער אויפּברויזונג פון דעם קאַמף-געפיל (אָדער, ריכטיקער, פון דעם עמאָציאָנעלן קאַמף-קאָמפּלעקס) און סאָציאַל-עטישער באַגייסטערונג. יעדע עפּאכע, ווי יעדער קולטור-קרייז, גיט אַ באַשטימטן אינהאַלט און ריכטונג פאַר דעם מענטשנס ספּעריפֿישן דראַנג. די פאָרשונג-מעטאָדן מוזן דערפאַר זיין אַזוינע, וואָס לאָזן באַאָבאַכטן דאָס ספּעריפֿישע לעבן פון דעם מענטשן אין זיין אָרגאַנישער אייגנאַרט און אינערלעך-רעאַלער פאַרבינדנקייט מיט דער סאָציאַל-קולטורעלער סביבה.

דידאַקטישע מעטאָדן זענען פאָלגנדיקע:

1) ד י ב י אָ ג ר אַ פ י ש ע מ ע ט אָ ד ע.

די אָביעקטיווע באַשרייבונג פון דעם לעבנס-לויף. מ'זאָל באַנוצן דערביי ביידע אופנים: די אויטאָביאָגראַפיע, ווען דער מענטש אַליין באַשרייבט זיין לעבנס-לויף און קען איבערגעבן זיינע אייגענע איבערלעבענישן און אינערלעכע וואַנדלונגען; אויך די ביאָגראַפיע, אויפגעשטעלט פון קרובים און פריינד, וואָס קאָנען אָביעקטיווער באַשרייבן די פאַקטישע לעבנס-געשע-ענישן. ביי אָט דער מעטאָדע, ווי ביי אַלע אַנדערע, מוז מען זיך שטיצן בלויז אויף פ אַ ק ט י ש ן מאַטעריאַל פון פאַריגעקומענע געשעענישן, האַנדלונגען און סיטואַציעס. ווי אויך די פאַקטישע

איבערלעבענישן פון דעם מענטשן, זיינע געפילן און שטרע־בונגען ביי אַט די פאַרשידענע געשעענישן און סיטואַציעס.

די אָביעקטיווע ביאָגראַפיע ווייזט, אויב און אויף וויפיל דער מענטש האָט זיך געקענט אויסלעבן און איינלעבן אין דעם פאַקטיש מעגלעכן לעבנס-שטייגער, אָדער אין דעם לעבנס-צוגע־פאַסטן נאָרמאַל-באַוווּסטזיין. דאָ ווײַזט זיך, הייסט דאָס, ביים מענטשן אין אַלגעמיין זיין ספּעריפישער קאַפּיציענט אָדער ספּעריפישער דראַנג — צי האָט עס שטענדיק אָדער אָפּט געצויגן דעם מענטשן „מיט גוואַלד” פון דעם טאָג-טעגלעכן אין די „זייטיקע” וועגן פון ספּעריפישע הויך-שפּאַנונגען (ווי מיר זעען עס, למשל, אין געאָרגס ביאָגראַפיע), אָדער דער ספּעריפישער קאַפּיציענט אַנטשפּרעכט דעם מעגלעכן לעבנס-שטייגער. מיר קענען אין דער ביאָגראַפיע ווייטער זעען, צי האָט דער מענטש געשטרעבט צו אַנטוויקלען זיין באַרוף אָדער לעבנס-שטייגער אין דער ליניע פון ריזיקאַלישער הויך-שפּאַנונג אָדער אין דער ליניע פון רויקער זיכערקייט. אין דער ביאָגראַפיע פון אַ סוחר, למשל, קאָנען מיר זען, צי איז ער געווען מער אַ רעעלער, פאָרזיכטיק ניכטערער, אויסגערעכנטער סוחר אָדער האָט פאַרקערט אַרויסגע־וויזן אַ גרויסן אונטערנעמערישן אימפּעט מיט אַ נייגונג צו ריזיקאַלישער הויך-שטייגונג און געשעפטלעכן אַזאַרט. אָדער, למשל, אין דער ביאָגראַפיע פון אַ וויסנשאַפטלער — צי איז ער געווען „טרוקן” פּעדאַנטיש און זיך געהאַלטן ליבער ביי אויטאָ־ריטעטן און זיכער אויסגעטראָטענע וועגן, אָדער ער האָט זיך דרייסט געצויגן פאָראויס צו נייע וועגן און נייע געביטן מיט אַ נייגונג צו גרויסע פּערספּעקטיוון און שעפערישן אימפּעט.

אין יעדער ביאָגראַפיע מוזן מיר בכלל טיילן צוויי פּעריאָדן: שול-יאָרן און נאָכשול-יאָרן. אין די שול-יאָרן זעען מיר, אויב און אויף וויפיל דער מענטש האָט זיך געקאָנט און געלאָזט באַפרידיקן מיט דעם נאָרמאַלן שול-שטייגער, ווי שטאַרק און ווי לאַנג זענען געווען „דער שטורם און דראַנג” פון די יונגע יאָרן, וואָן און ווי אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער מענטש פאַמעלעך „אויסניכטערן” און איז אַריין אין דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן. אין

אייניקע ביאָגראַפיעס האָבן מיר געזען, אַז אין די שול־יאָרן האָט דער צוואַנג פון הויז און שול אויפגעהאַלטן דעם ספּערישן דראַנג אין די ראַמען פון דעם שול־שטייגער. און ערשט ווערנדיק זעלבסטשטענדיק אין די נאכשול־יאָרן האָט זיך דער מענטש געקענט אָפּגעבן אין רשות פון דער איצט פריי אויפבּרויזנדיקער ספּערישער סטיכיע. אָפטמאָל קומט עס אויך דערפאַר, וואָס ערשט אין די נאכשול־יאָרן רייפן אויס פאַרשידענע טאַלאַנטן, וואָס עפענען אויף אָרגאַניש אַ נייעם קוואַל פון ספּערישן לעבן. די ביאָגראַפישע מעטאָדע ווייזט, הייסט דאָס, אין אַלגעמיין דעם ספּערישן קאָעפיציענט, ווי אויך די ספּערישע עלעמענטן, וואָס באַשטימען אויף אַ געוויסן אופן דעם אויסוואַל און דעם כאַראַקטער פון דעם באַרופלעכן לעבנס־שטייגער גופא.

2) די מעטאָדע פון רו־צייטן און ימים־טובים. די טאָג־טעגלעכע באַרופס־אַרבעט טראָגט, ווי מיר האָבן עס אין דער ביאָגראַפישער מעטאָדע געזען, עלעמענטן און ניואַנסן פון ספּערישן דראַנג, וואָס באַשטימט אויף אַ געוויסן אופן דעם אויסוואַל און דעם כאַראַקטער פון דער באַרופס־אַרבעט גופא. אָבער אין די רו־פּויזן פון לעבנס־קאַמף — אין די רו־אָוונטן, באַזונדער אין ימים־טובים, — רייסן זיך ביים מענטשן מייסטנס דורך די אינערלעך ספּערישע ציִענישן, וואָס ווערן אונטערדריקט און ווייניק באַפרידיקט אין דעם טאָג־טעגלעכן צופּאַסונגס־לעבן. צו אַלע צייטן האָבן נביאים און גייסטיקע פירער געזוכט צו רעדן צום פאָלק אין ימים־טובים, ווען די שפּאַנונג פון לעבנס־קאַמף איז שוואַכער און דאָס ספּערישע לעבן ביים מענטשן איז פרייער און וואכזאַמער; די ספּערישע סטיכיע, די אינטימע און פרימיטיווע, קאָן זיך מער אומגעשטערט דורכרייסן. מיר מוזן דערפאַר פאָרשן דעם מענטשנס פּאַקטישע אויפפירונג און די אינערלעכע שטרעבונגען אין רו־צייטן און ימים־טובים, ווען ס'אַנטפּלעקט זיך, הייסט דאָס, דער יום־טובדיק באַפרייטער ספּערישער דראַנג. לויפט דעמאָלט דער מענטש אין טעאַטער, אין שול, אויף אַ קאָנצערט, געזעלשאַפט־לעכע פאַרזאַמלונגען אָדער אין ווייַן־שטוב צו אַלקאָהאָל און

קאָרטן-שפּיל, זוכט ער פּרימיטיוו — פריילעכע אויסגעלאַסנקייט אָדער גייסטיק-פּראָדוקטיווע אָפּפרישונג א. א. וו. ביי דער קאָנקרעטער פאָרשונג פון פאַרשידענע מענטשן ווייזן זיך אַרויס פילגעשטאַלטיקע אויסווירקונגס-פאָרמען פון דעם יום-טובדיק באַפרייטן ספּערישן דראַנג. ס'איז שוין אין אַלגעמיין וויכטיק צו וויסן, אויב און ווי שטאַרק דער מענטש האָט בכלל גערן ימים-טובים. צי איז דער ספּערישער קאַפּיציענט אַזוי קליין, אַז ער ווירקט זיך לחלוטין אויס אין דער טאָג-טעגלעכער אַרבעט, וואָס פאַרכאַפּט דערפאַר אינגאַנצן דעם מענטשן. אָט דער מענטש ווייכט טאַקע אויס ימים-טובים און פילט זיי אויס מיט וואָכעדי-קער אַרבעט, פון וועלכער ער וויל נישט און קאָן זיך נישט אָפּרייסן. אָדער דער ספּערישער קאַפּיציענט איז אַזוי גרויס, (ווי למשל, אייניקע ליידנשאַפטלעכע אונטערנעמער און באַגייסטערטע פּאָליטיקער), אַז אויך די טאָג-טעגלעכע אַרבעט איז אָנגעפּולט מיט ספּערישע ליידנשאַפטן — פאַר אַזוינע מענטשן איז זייער אַרבעט אַליין אַ שטענדיקער יום-טוב, אַ ספּעריש שטייגן, און אַ רו-טאָג איז פאַר זיי „לאַנגווייליק און פּוסט". יום-טוב שלאָפן זיי מייסטנס און ווייסן נישט, וווּ אַהין צו טון זיך. צווישן אָט די ביידע פּאָליוסן געפינט זיך די שטופן-ריי פון די מייסטע מענטשן, וואָס זוכן אום יום-טוב זיך ספּעריש אויסצולעבן, ווען זיי האָבן צייט און מעגלעכקייט צו לעבן נישט נאָר, ווי ס'לאָזט זיך, נאָר אויך ווי ס'וויל זיך. די ימים-טובים זענען אויף דעם אופן ענג פאַרבונדן מיט דעם וואָכעדיקן לעבנס-שטייגער און דערפאַר מוז די מעטאָדע פון ימים-טובים דורכגעפירט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ביאָגראַפישער מעטאָדע, וואָס באַווייזט די אַנטוויקלונג און כאַראַקטער פון דעם לעבנס-שטייגער בכלל.

אויך ביי ימים טובים ווייזט זיך מערקווירדיק בולט די שוין באַקאַנטע דינאַמישע געזעצמעסיקייט: ווען דער יום-טובדיק באַפרייטער ספּערישער דראַנג קאָן זיך נישט אויסווירקן, קומט עס צו פּסיכישן סקאָרבוט. ביי דעם רעלאַטיוו קורצן דויער פון ימים טובים אַנטוויקלט זיך דער סקאָרבוט נישט שטאַרק און פאַרשווינדט על פּי רוב צוזאַמען מיט דעם יום-טוב. דאָס זעט מען דייט-

לעך אויך אין סאָציאַל-פּסיכישן לעבן. וואָס נידריקער ס'איז דער גייסטיקער ניוואָ פון דער באַפעלקערונג, אַלץ אָפטער און מער קומט עס, ווי ס'באַווייזט די אַלגעמיינע סטאַטיסטיק, גראָדע אין יום-טוב צו שכּרות, פאַרברעכן און עראָטישע עקסצעסן. ביי דעם אויספעלן פון גייסטיק פּראָדוקטיווער אויסווירקונג, זוכט דער יום-טובדיק באַפרייטער ספּערישער דראַנג זיין פּרימיטיוו דעגענע-ראַטיוון אויסגאַנג. מיר האָבן באָאָבאַכטעט איינעם אַ מענטשן, וואָס פלעגט אום יום-טוב אַרויסווייזן שווערע נערוועזע סימפּטאָמען. דאָס איז געווען אַן איינזאַמער, נישט רעליגיעזער מענטש, וואָס ביי זיין צאַרטער נאַטור האָט ער נישט פאַרטראָגן קיין אַלקאָהאָל און מאָראַלישע עקסצעסן. אָן אַרבעט און געזעלשאַפט פילט ער יום-טוב „אומערטרעגלעכע בענקעניש און לאַנגווייליקייט". דער אומבאַפרידיקטער ספּערישער דראַנג ברענגט צו פּסיכישן סקאָרבוט אָדער נערוועז-פּרימיטיווער אויסווירקונג.

די מעטאָדע פון ימים-טובים, ד. ה. די אָביעקטיווע באַשרייבונג פון דעם מענטשנס פּאַקטישער אויפפירונג און אינער-לעכער שטרעבונג אין יום-טוב צייטן, גיבן אונז אַ טיפן איינ-בליק אין דער נאַטור און כאַראַקטער פון דעם אינדיווידועלן ספּערישן לעבן.

3) די מעטאָדע פון אויסנאַם-צושטאַנדן אָדער דורכברוך. דאָס ספּערישע לעבן, וואָס אַנטפּלעקט זיך בלויז אַלס עלעמענטן און ניואַנסן פון דעם שטענדיקן לעבנס-שטייגער, ווייזט זיך אַרויס אין זיין גאַנצער סטיכישער אור-קראַפט ביים דורכברוך אין אויסנאַם-צושטאַנדן. יעדעס געפיל קאָן, ווי מיר האָבן אויבן געזען, ביי געוויסע תּנאים זיך אינערלעך פאַרטיפן און פאַמעלעך אָדער פּלוצים אינטים אויפפלאַקערן און אַרויסרופן ביי דעם מענטשן אויסנאַם-צושטאַנדן פון ספּעריש אינטימען לעבן. דער מענטש ווערט ווי „מיט גוואַלד" אָפּגעריסן פון שטענדיקן לעבנס-שטייגער אָדער פון דעם נאָרמאַל-באַוווסטזיין,

און ס׳באַהערשן אים די אויפגערודערטע ספערישע תהומות פון אינטימען לעבן. מיר האָבן שוין פריער באַשריבן די אויסנאַם־צושטאַנדן, וואָס קומען פאָר ביי יעדן מענטשן. מיר האָבן געזען, אַז אין די אויסנאַם - צושטאַנדן אַנטפּלעקט זיך די ספערישע פערזענלעכקייט אין איר גאַנצער אינערלעכער אור־קראַפט. אויך ביי דער דורכברוך־מעטאָדע מוזן מיר באַנוצן ביידע אופנים: די זעלבסט־באַשרייבונג, ווען דער מענטש אַליין באַשרייבט זיינע אינערלעכע איבערלעבענישן בשעת און נאָך דעם דורכברוך (ווי מיר האָבן עס געזען אויבן ביי לעאָנידן און אַנדערע), און די פרעמד־באַשרייבונג, ד. ה. די באַשרייבונג פון די אַרומיקע, וואָס באַאָבאַכטן די רעאַקציעס, האַנדלונגען און סיטואַציעס פון דעם מענטשן בשעת און נאָך דעם דורכברוך. אָבער אין ביידע אופנים מוזן מיר דורכאויס האָבן פאַקטיש אָביעקטיווע באַשרייבונגען פון רעאַל־פסיכישן לעבן. ס׳איז, למשל, לחלוטין ווייניק און אומבאַשטימט אַזוינע באַהויפּטונגען, ווי „אַנטציקט״, „אינטים״ א. ד. גל. נאָר ס׳מוזן דורכאויס באַשריבן ווערן רעאַל - פסיכישע ערשיינונגען — בילדער און געדאַנקען, וואָס האָבן באַהערשט דעם מענטשן, ווי אויך די פאַקטישע רעאַקציעס און האַנדלונגען. אָט אַזוי זעען מיר, למשל, אין לעאָנידס זעלבסט־באַשרייבונג באַשטימטע בילדער און געדאַנקען ביי זיין אינטים־פאַרענדערטן וועלט־באַנעמען, ווי אויך אָביעקטיוו פאַקטיש באַשריבענע האַנדלונגען און רעאַקציעס.

די אָביעקטיווע באַשרייבונג פון דורכברוך אין ביידע אופנים (זעלבסט־און פרעמד־באַשרייבונג) פירט אונז אַריין אין ד ר ספערישער סטיכיע פון מענטשן. פאַרגלייכנדיק פאַרשידענע אויסנאַם־צושטאַנדן ביי דעמזעלבן מענטשן, ווי ענלעכע אויסנאַם־צושטאַנדן ביי פאַרשידענע מענטשן — קומען מיר אינדוקטיוו צו אַלגעמיין כאַראַקטעריסטישע רעזולטאַטן.

4) די מעטאָדע פון ערינערונג. ביי דער מעטאָדע פון דורכברוך האָבן מיר צו טון מיט סיסטע־מאַטישע באַשרייבונגען פון אויסנאַם - צושטאַנדן. ביי דער

ערינערונגס-מעטאָדע לייגן מיר פאַר דעם מענטשן צו באַשרייבן אונז פון זיין פאַרגאַנגנהייט אַ וועלכע ס'איז איבערלעבעניש, וואָס האָט אים מיטאַמאָל אַרויסגעפירט פון דעם טאָג-טעגלעכן לעבן און אים געבראַכט אין אַן אומגעוויינלעכן נשמה-צושטאַנד. קורץ, מיר לייגן אים פאָר צו באַשרייבן פון זיין פאַרגאַנגנהייט אַ ספּעריש־ע איבערלעבעניש. די רעפּראָדוקטיווע פאַנטאַזיע איז דאָך אַ שעפערישער אַקט, וואָס שפּיגלט אָפּ, ווי די פאַנטאַזיע בכלל, דאָס עמאָציאָנעלע לעבן פון דעם מענטשן. אונזערע פאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז ביי דער ערינערונגס-מעטאָדע ווייזן זיך אַרויס צוויי וויכטיקע מאָמענטן פאַר דער ספּערן-פאָרשונג. דער ערשטער מאָמענט איז דער א ו י ס ו ו א ל — פון אַלע ספּערישע איבערלעבענישן אין דער פאַרגאַנגנהייט כאַפּט אויף די רעפּראָדוקטיווע פאַנטאַזיע נאָר איינע אַ באַשטימטע ערינערונג. אָט דער אויסוואַל ווייזט שוין אויף אַ געוויסן אופן די צענטראַלע ליניע פון ספּעריש-עמאָציאָנעלע שטרעבונגען. דער צווייטער מאָמענט איז די ב א א ר ב ע ט ו נ ג — ווי אַזוי דער מענטש איז איצט תופס און באַשרייבט די אַמאָליקע ספּערישע איבערלעבעניש, וויפל און וועלכע פאַרמאָגט ער און קאָן אַרויסברענגען איצט פאַרבן, שפּאַנונגען און בילדער פאַר אָט דער פיקסירטער ספּערישער איבערלעבעניש. די ביידע מאָמענטן קאָן מען קורץ אַזוי אויסדריקן — אָן וואָס און ווי אַזוי קאָן אַ מענטש זיך ספּעריש דערמאָנען. איינע אַ פרוי, למשל, דערמאַנט זיך ביי דער ערינערונגס-מעטאָדע אויף אַ ספּעריש אינטימע איבערלעבעניש בשעת דער געבורט פון איר קינד. ביי דער נאָכפאָרשונג האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז ביי אָט דער פרוי האָט זיך דאָס מוטערשאַפט-געפיל אין משך פון יאָרן אינערלעך פאַרטיפט און איז אָרגאַניש געוואָרן צו איר אינדי-ווידועלער קוועלע פון ספּעריש-אינטימען לעבן. אַן קינדער איז איר דאָס לעבן „גרוי און פוסט”. ביי דער ערינערונג האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן די צענטראַלע ליניע פון איר ספּעריש עמאָציאָנעלן לעבן. אָט איז אַ קליינער אויסשניט פון איר ערינערונג:

„... איך דערמאָן זיך מיין שטימונג, בשעת כ'האָב געבוירן מיין קינד. אַ שטימונג פון אומגעהערטן אַלגעמיינעם געפיל. אָבער איין מאָמענט האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט פון אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט פאַר דעם און נאָכדעם. דאָס איז דער מאָמענט, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערהערט די שטימע פון קינד. אָט דער אויגנבליק איז מיר געווען אַ מין וווּנדער-התגלות פון דעם ווערנדיקן לעבן. אַזוי אומבאַגרייפלעך נאָענט און ווירקלעך איז מיר געווען דאָס נייע באַשעפעניש דורך דעם ערשטן לעבנס-געשריי, אַז איך בין געווען טיף ערשיטערט און..."

5) די מעטאָדע פון פרייער פאַנטאַזיע. אין דעם ניכטערן נאָרמאַל-באַוווסטזיין קאָן זיך דאָס ספערישע לעבן אַנטפּלעקן בלויז אַלס עלעמענטן אין ניואַנסן אין די ענגע ראַמען פון דעם געוויטיקטן צופאַסונגס-לעבן. פיל אומגעשטערטער רייסט זיך דורך דאָס ספערישע לעבן אין פאַנטאַזיע-בילדער און וואָך-טרוימען, וואָס יעדער מענטש האָט מער אָדער ווייניקער אין מאָמענטן פון רו און פאַסנדיקער שטימונג. אין די „ווייסע נעכט" באַשרייבט דאָסטאָיעווסקי, אַ מענטשן, וואָס לעבט אויס זיין שטאַרקן ספערישן דראַנג אין פאַנטאַזיע און וואָך-טרוימען. מיר האָבן באַאָב-אַכטעט אייניקע מענטשן, וואָס פלעגן אָפּט און גערן פאַנטאַזירן און טרוימען, אויסלעבנדיק דערביי זייערע שטאַרקע ספערישע שטרעבונגען. די פרייע פאַנטאַזיע האָט זיי געגעבן אַ ספערישע אויסווירקונגס-מעגלעכקייט און איז אַזוי אַרום געווען פאַר זיי אַ שוץ-מיטל קעגן פסיכישן סקאָרבוט. פון דעם קינסטלער און פאַנ-טאַסט ביז צום געוויינלעכן מענטשן זעען מיר ביי יעדן די מעגלעכקייט אויף אַ אינדיווידועל באַשטימטער מאָס און שטייגער זיך ספעריש אויסצולעבן אין דער פרייער פאַנטאַזיע — געווענדט פון דער אינדיווידועלער פאַנטאַזיע - באַגאַבונג און ספערישן קאַפּאַציטעט.

ווי באַקאַנט, טיילט זיך די פאַנטאַזיע אויף צוויי אַרטן: פּראַקטישע און פרייע. די ערשטע איז פאַרבונדן מיט דעם צו-פאַסונגס - לעבן, זי זוכט און פיקסירט נאָר אַזוינע בילדער אָדער קאָמבינאַציעס פון בילדער, וואָס פירן פּראַקטיש צום

ציל ביי דער פאַקטיש געגעבענער סיטואַציע. דער וויסנשאַפט־לער, דער סוחר, דער אַדמיניסטראַטאָר, למשל, קאָנען נישט פ״יי פאַנטאַזירן, נאָר זיי זוכן אַזוינע קאָמבינאַציעס, וואָס לאָזן זיי פאַקטיש באַהערשן דעם געגעבענעם אָביעקט פון פאָרשונג, מסחר אָדער אַדמיניסטראַציע. מיר האָבן אין אַ אַנדער אָרט¹) די פּראַקטישע פאַנטאַזיע באַצייכנט אַלס געבונדענע, ווייל זי איז געבונדן אין דער נאַטור פון דעם פאַקטישן אָביעקט אָדער רעאַלער סביבה, וואָס מ׳וויל דורך דער פאַנטאַזיע באַהערשן. אין דעם נאָרמאַל־באַוואוסטזיין הערשט די פּראַקטישע פאַנטאַזיע, וואָס גייט נישט בלויז נאָך דעם געפיל, נאָר אויך לויט דער געגעבענערווירקלעכקייט, וועלכע מ׳מוז ענדערן, צופאַסן אָדער באַהערשן. די פרייע פאַנטאַזיע אָבער איז פיל מער אומגעשטערט פון דער אויסערלעכער סביבה און גייט הויפּטזעכלעך נאָך די אינערלעכע געפיל־שטרעבונגען, וואָס קאָנען זיך אויסלעבן און פאַרקערפּערן אין פרייע וואַך־טרוימען און פאַנטאַזיע בילדער. דער סוחר אָדער דער אַדמיניסטראַטאָר, למשל, קאָנען נאָך דער אַרבעט, אין מאָמענטן פון רו און פאַסנדיקער שטימונג, פריי פאַנטאַזירן וועגן אַלערליי געווונטשטע סיטואַציעס. אין ספּעריש לעבן הערשט די פרייע פאַנטאַזיע, וואָס גייט נישט נאָך דער געגעבענער ווירקלעכקייט, נאָר הויפּט־זעכלעך נאָך אינערלעכע געפיל־שטרעבונגען.

די מעטאָדע פון פרייער פאַנטאַזיע קאָנען מיר אָנווענדן אויף צוויי אופנים. א) מיר לייגן פאָר דעם מענטש צו באַשרייבן זיינע פרייע פאַנטאַזיע־שטרעבונגען און וואַך־טרוימערייען, וואָס באַהערשן אים אָפט אָדער וואָס זענען אין דער לעצטער צייט בא אים פאָרגעקומען. אייניקע טרוימערישע שטרעבונגען ציען זיך פון דער פריסטער קינהייט דורך דאָס גאַנצע לעבן. דאָס זענען מייסטנס אינטים־באַהאַלטענע מיסיע־שטרעבונגען. טאָלסטאָי באַשרייבט עס ביי פירשט באָלקאָנסקי, וועלכער האָט פון דער קינדהייט אָן געטראָגן אַ ספּעריש־אינטימע, טיף באַהאַלטענע מיסיע־שטרעבונג פון אַ העלד און וועלט־רעטער. די

1) זע מיין בוך: „פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען קינדער־לעבן״

פאָרשונגען באַווייזן, אַז בײַ די מייסטן מענטשן זענען מער אָדער ווייניקער פאַראַן אַזוינע טיף אינטימע שטרעבונגען. ב) מיר לייגן פאָר דעם מענטש אָנשרייבן בײַ פאַסטנדיקער שטימונג אַ אויסגעטראַכטע דערציילונג אָדער פאַנטאַזיע. דער אויסוואַל פון די בילדער און זייער קאָמבינאַציע, דער סיוזשעט, דער מאָטיוו און די אינערלעכע שפּאַנונג — דאָס אַלץ קאָן געבן אַן איינבליק אין דעם פריי־שעפערישן ספערישן לעבן. כדי אויסצומײַדן די געפאַר פון אַ עפּיזאָדישער שטימונג, איז גוט צו באַקומען פון דעם מענטשן עטלעכע פאַנטאַזיען, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן.

6) די מעטאָדע פון אויסנאַם־מענטשן אָדער ספערישע נאַטורן. די לעבנס־באַשרייבונג פון אַזוינע מענטשן דעקן אונז אויף, ווי מיר האָבן עס אויבן געזען בײַ געאָרגן און מאַקסן, אַ שטאַרק ספעריש לעבן, וואָס קומען פאָר בײַ אַזוינע מענטשן אַלס רעלאַטיוו שטענדיקע דערשיינונגען. אויך אָט בײַ דער מעטאָדע באַנוצן מיר ביידע אופנים פון זעלבסטבאַשרייבונג און פרעמדבאַשרייבונג. מיר מוזן דאָ באַאָבאַכטן און באַשרייבן די רעאַל־פּסיכישע דערשיינונגען בײַ דעם שטענדיקן ספערישן דראַנג און זיין ראַנגלעניש מיט אַ מעגלעכן לעבנס־שטייגער, דעם שטורמישן אַרויף און אַראָפּ פון ספערישן לעבן. מיר מוזן דערבײַ פאַרגלייכן דאָס שטענדיקע ספערישע לעבן פון אויסנאַם־מענטשן מיט די ספערישע אויסנאַם־צושטאַנדן בײַ געוויינלעכע מענטשן, ווי אויך מיט די ספערישע עלעמענטן פון דעם געוויינלעכן לעבנס־שטייגער.

צום אונטערשיד פון די פריערדיקע מעטאָדן, קען די לעצטע אָנגעווענדט ווערן נאָר בײַ דער קאַטעגאָריע פון אויסנאַם־מענטשן, וואָס האָט אָבער אַן אַלגעמיינע באַדייטונג פאַר דער ספערע־פאָרשונג בכלל. אָט אַזוי גייען מיר איבער צו די אוניווערסאַלע מעטאָדן.

אוניווערסאַלע מעטאָדן

ספערישע איבערלעבענישן, ווי קינסטלערישע, רעליגיעזע און אַנדערע, באַקומען ביי אַ געוויסער אַנטוויקלונג אַן אַלגעמיינע באַדייטונג און געפונען אָפּט זייער אויסדרוק אין אָביעקטיוו בלייבנדיקע פאָרמען, וואָס בילדן וויכטיק מאַטעריאַל פון ספערע-פאָרשונג. די אוניווערסאַלע מעטאָדן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אָט דעד פאָרשונג, זענען פאָלגנדיקע:

1) די מעטאָדע פון קינסטלערישע ווערק.

קינסטלערישע ווערק זענען אומגעהויערע דערשיינונגען פון אינטימען ספעריש-פּסיכישן לעבן, וואָס האָבן צו יעדער צייט געפונען זייער פּאַסנדיקן אויסדרוק אין אָביעקטיוו בלייבנדיקע פאָרמען און וואָס איז נאָך פּסיכאָלאָגיש אַזוי ווייניק אויסגענוצט געוואָרן. ס'איז אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די פּסיכאָלאָגיע, וועלכע קאָן אַזוי פיינלעך גענוי אויפכאַפּן די לאַבאָראַטאָריש געקינסטלטע רעאַקציעס, האָט זיך אַזוי ווייניק אומגעקוקט אויף דיראָזיקע אייביקע דאָקומענטן פון אינטימען פּסיכישן לעבן; קינסטלערישע ווערק קאָנען און מוזן בכלל אויף דריי אופנים אויסגענוצט ווערן, אַלס אומגעהויערער פאָרשונגס-קוואַל. א) אַלס פרייע פאַנטאַזיע פון דעם קינסטלער, זענען זיינע ווערק (ווי די פרייע פאַנטאַזיע פון יעדן מענטש) אַן אָביעקטיוו וויכטיקער דאָקומענט פון דעם קינסטלערס ספעריש-פּסיכישן לעבן בכלל ווי אויך ספּעציעל פון דעם ספעריש-אינטימען אויפשוווּנג בשעת דער קינסטלערישער אינספּיראַציע. דער אויסוואַל פון די בילדער און זייער שעפערישע קאָמבינאַציע, סיוזשעט, אַלגעמיינער מאָטיוו, לירישע ריכטונג און שפּאַנונג — דאָס זענען דאָך רעאַל-פּסיכישע אויסדרוק-פאָרמען פון דעם קינסטלערס ספעריש-אינערלעכן לעבן. פאַרגלייכנדיק די פאַרשידענע קינסטלערישע ווערק צווישן זיך מיט די דאַטן פון זיין ביאָגראַפיע, ווי אויך פאַרגלייכנדיק דאָס ספערישע לעבן ביי פאַרשידענע קינסטלער — באַקומען מיר אַ אומדערשעפּלעכן קוואַל פאַר אָביעקטיווע פאָרשונג פון ספע-

ריש-פסיכישן לעבן. ב) אויף וויפל קינסטלערישע ווערק רופן אַרויס אין ברייטע קרייזן אינטימע איבערלעבנישׂ אָדער מיט-איבערלעבעניש, זענען די קינסטלערישע ווערק אויף אַ געוויסן אופן אַ שליסל צום מענטשנס ספערישן לעבן אָדער פאַקטאָרן, וואָס וועקן אָביעקטיוו דעם צווייטנס ספערישע לעבן. דאָ עפּענען זיך גרויסע פּערספּעקטיוון נישט נאָר פאַר דער פאָרשונג פון ספערישן לעבן און דער נאַטור פון זיין אַנטפּלעקונג. פאַרגלייכנדיק אָביעקטיוו די פאַרשידענע ווירקונגס-אַרטן פון פאַרשידענע קינסטלערישע ווערק ביי פאַרשידענע מענטשן און ביי פאַרשידענע תּנאים — קומען מיר אויך נאָענט צום פּראָבלעם וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ באַוווּסטער איינווירקונג אויף דאָס ספערישע לעבן. מיר באַקומען, הייסט דאָס, אין דער האָט אייניקע „שליסל" אָדער פאַקטאָרן פון ספערישן לעבן, וואָס מ'קען לויט ווילן און באַדאַרף אָנווענדן. אייגנטלעך ווירקן דאָך אין דעם זין טעאַטער, ווי קינסטלערישע שאַפונגען בכלל, וואָס מענטשן האָבן תּמיד לויט ווילן און באַדאַרף געלאָזט אויף זיך איינווירקן. אָבער נאָר די אָביעקטיוו - וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג פון אָט די ספערישע „שליסל" אָדער פאַקטאָרן קאָנען געבן דעם מענטשן אַ מעגלעכקייט מעטאָדיש-פּלאַנמעסיק צו אָרגאַניזירן און רעגולירן דאָס ספערישע לעבן, וואָס איז אַזוי לעבנס-וויכטיק פאַר היילונג און פאַרהיטונג פון פּסיכישן סקאָרבוט. דאָס איז אויך נישט ווייניקער וויכטיק פאַר דער באַוווּסט-מעטאָדישער דערציונג און ריכטיקער אַנטוויקלונג פון אינערלעך ספערישן לעבן. ג) קינסטלערישע ווערק עפענען אונז דאָס אומענדלעכע געביט פון פּסיכישער פיל-ווירקלעכקייט. מיר האָבן שוין פריער באַוויזן, אַז יעדער מענטש האָט די פעיקייט זיך אינערלעך אָפּצורופן אויף פאַרגעשטעלטער איבער-לעבענישן און אוממיטלבאַר דורכפילן זייער ווירקלעכקייט אָדער נאַטירלעכקייט, ווייל זיי וועקן אַן אינערלעכן מיטקלאַנג פון ענלעכע פּסיכישע פּאָטענציעס. ביי דעם איינצעלנעם מענטש איז עס האַלב טונקל, אינדיווידועל אומבאַשטימט, אין דער קינסטלערישער אינטואיציע אָבער דערגרייכט דידאַקטיקע פיל-

פֿעיקייט צו בילדלעכער העל-זעעניש, וואָס פֿאַרמאָגט בילדלעכע אויסדרוק-פֿאָרמען. אָט אַזוי דרינגען אַריין קינסטלער אין די ספּערישע טיפֿענישן פֿון נשמה-לעבן און אַנטפּלעקן זיי אין אַלגעמיין צוגענגלעכע בילדער. זייער אָפֿט דערזעען זיך מענטשן ווי צום ערשטן מאָל, אין קינסטלערישן ווערק, וואָס אַנטפּלעקט אין בולטע בילדער זייערע אייגענע האַלב טונקעלע טיפֿענישן. אין די ענגע ראַמען פֿונם לעבנס-קאַמף אָדער אין דעם הערשנדיקן נאָרמאַל באַוווסטזיין אַנטפּלעקט זיך דאָך די פּערזענלעכקייט טיילווייז, איינזייטיק — ווי ס'לאָזט זיך. די קינסטלערישע אנשויונג דרינגט אָבער אַריין אין דאָס רעאַל ספּערישע לעבן. ווו ס'אַנטפּלעקט זיך די פֿילגעשטאַלטיקע גאַנצקייט פֿון דער פּערזענלעכקייט און אירע אומענדלעכע אור-טיפֿענישן. די קונסט שילדערט דערפֿאַר דעם מענטש אין מאָמענטן פֿון ספּערישן דורכברוך ביי אויפֿפֿלאַקערנדיקע ליידנשאַפֿטן, ווי אויך דאָס רעלאַטיוו שטענדיקע דורכברוך-לעבן פֿון ספּערישע מענטשן. אָדער די קונסט שילדערט אַ געוויינלעכן לעבנס-שטייגער, מאַכנדיק דערביי בולט און דורכזיכטיק די ספּערישע פּערזענלעכע עלעמענטן און ניואַנסן פֿון טאָג-טעגלעכן לעבן. די קונסט, באַזונדערס, די קינסטלערישע ליטעראַטור איז אָבער נישט אַבסטראַקט, נאָר זי שילדערט און באַשרייבט בילדלעך פּסיכישע פּראָצעסן און געשעענישן, אינערלעכע באַציִונגען און סיטואַציעס, ווי אויך די אויסערלעכע און אינערלעכע תּנאים פֿון זייער אַנטפּלעקונג און אַנטוויקלונג. אויף דעם אופֿן קאָנען מיר פֿון איין זייט פֿאָרשן דאָס ספּערישע לעבן, ווי עס איז געגעבן אין דער קינסטלערישער פֿיל-ווירקלעכקייט; פֿון דער אַנדערער זייט מוזן מיר נאָכפֿאָרשן דורך אַ וויסנשאַפֿטלעכער אונטערזוכונג די קינסטלעריש-געשילדערטע ספּערישע פּראָצעסן ביי זייער פּאַקטישן פֿאָרקומען אין רעאַלן לעבן. פֿאַרגלייכנדיק די רעזולטאַטן פֿון דער קינסטלערישער און וויסנשאַפֿטלעכער באַשרייבונג ד. ה. פֿון דער פֿילענדיקער און פֿאַקטישער באַשרייבונג, קענען מיר פֿון פֿאַרשידענע זייטן אַריינדרינגען אין דער נאַטור פֿון ספּערישן

לעבן. אַט אַזוי קאָנען מיר, למשל, פעסטשטעלן די געשילדער־טע אינטימע פּראָצעסן פון אַננאַ קאַרענינאַ, און פאַרגלייכנדיק, נאָכפאָרשן דורך אַזוינע זעלבסט־באַשרייבונגען (ווי אויך פרעמד באַשרייבונג און אַנדערע מעטאָדן) פון פאַקטישע אינטימע אי־בערלעבענישן, ווי מיר האָבן עס, למשל, געהאַט ביי לעאָנידען.

2) די מעטאָדע פון רעליגיעזע ווערק. די קונסט ברענגט הויפּטזעכלעך נישט פאַקטישע, נאָר ספּערישע פיל־ווירק־לעכקייט. דער קינסטלער טראָגט זיך אַריבער דורך שפּערישע העל־זעעניש אין אַ בילדלעך פאָרגעשטעלטע וועלט, וואָס וועקט און פאַרווירקלעכט נישט פאַקטישע, נאָר פּאַטענציעל מעגלעכע איבערלעבענישן. ווי גרויס ס׳זאָל נישט זיין די לעבעדיקע בילד־לעכקייט פון קינסטלערישע געשטאַלטן, זענען זיי דאָך קינסטלערישע אידעאַלע, געפילטע, געשאַפענע, אָבער נישט רעאַל־ווירקלעכע. דער ספּעריש־רעליגיעזער דראַנג אָבער ברענגט אָדער וועקט ספּערישע פאַקט־ווירקלעכקייט, ד. ה. אַזוינע ספּעריש־אינטימע איבערלעבענישן, וואָס פילן זיך אוממיטלבאַר אַלס פאַקטיש־רעאַלע, ווי אומגעוויינלעך ס׳זאָלן נישט זיין רעליגיעזע געשטאַלטן, פילט דער רעליגיעזער מענטש אוממיטלבאַר זייערע דורכאויס רעאַלע ווירקלעכקייט — נישט אַלס געשאַפענע אָדער פאָרגעשטעלטע, נאָר אַלס אַנטפּלעקטע און אייביק רעאַלע. דאָס ספּעריש פאַרענדערטע וועלט־באַנעמען פון דעם רעליגיעזן מענטשן, ווי אויך זיינע רעלי־גיעזע האַנדלונגען, טראָגן אַ טראַגיש ערנסטן כאַראַקטער. די רעליגיעזע האַנדלונג וויל דאָך פאַקטיש ענדערן די רעאַלע באַציונגען פון גאָט צום מענטשן. רעליגיעזע ווערק זענען אומגע־הויערע ערשיינונגען פון פאַקטיש־ספּערישן לעבן, וואָס האָבן אויך צו יעדער צייט געפונען זייער פּאַסנדיקן אויסדרוק אין אָביעקטיוו־בלייבנדיקע פאָרמען. און אויך רעליגיעזע ווערק קאָנען מיר אויף דריי אופנים אויסנוצן פאַר דער ספּערע פאָרשונג. א) אַלס פאַקטישע זעלבסט־באַשרייבונג פון דעם נביאס ספּערישן לעבן בכלל און פון דעם ספּעריש רעליגיעזן אויפשוואונג בשעת דער רעליגיעזער אינספּיראַציע. אין אומגעוויינלעכע, פאַקטיש איבערגעלעבטע בילדער

אינערלעכע אַנטפּלעקונגען, רעיונות און שטרעבונגען דריקן דאָך אויס רעליגיעזע ווערק די ספּערישע ברען־ליידנשאַפט פון דעם נביא און זיין שטענדיקן רעליגיעזן דראנג. מיר האָבן אָפט אין רעליגיעזע ווערק אויך פרעמד־באַשרייבונגען, ווען די תּלמודים און בכלל די אַרומיקע באַשרייבן די פּאַקטישע אויפפירונג פון דעם נביא, זיינע אומגעוויינלעכע האַנדלונגען, רעאַקציעס, באַציונגען און ווענדונגען. דאָס אַלץ דעקט דאָך פאַר אונז אויף אַ רעאַל־פּסיכישעווירקלעכקייט פון ספּערישן לעבן. פאַרגלייכנדיק פאַרשידענע ספּערישע דערשיינונגען ביי דעמזעלבן נביא, ווי ענלעכע דערשיינונגען ביי פאַרשידענע נביאים אין פאַרשידענע צייטן און אומשטענדן, קאָנען מיר אינדוקטיוו דערלאַנגען צו אַלגעמיין כאַראַקטעריסטישע רעזולטאַטן. ב) אויף וויפל דידאַזיקע ווערק רופן אַרויס אין ברייטע קרייזן (פון אַנטשפּרעכנד געשטימטע) פּאַקטישע ספּעריש - רעליגיעזע איבערלעבענישן, זענען דאָך אַזוינע ווערק „שליסל“ אָדער פאַקטאָרן פון דעם צווייטנס ספּערישן לעבן. און אויך דאָ עפענען זיך גרויסע פּער־ספּעקטיוון נישט נאָר פאַר דער אַלגעמיינער פאָרשונג, נאָר אויך פאַר דעם פּראָבלעם וועגן אַ מעגלעכקייט פון באַוווסטער איינ־ווירקונג אויף דאָס פאַקטיש־ספּערישע לעבן. מיר האָבן, הייסט דאָס, אין דער האַנט ספּערישע „שליסל“ אָדער פאַקטאָרן, וואָס מ׳קאָן אויף אַ געוויסן אופן לויט ווילן און באַדאַרף אָנווענדן. אויך דאָ ווירקן אין דעם זין רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ווי בכלל רעליגיעזע ווערק, וואָס מענטשן האָבן תּמיד לויט שטרעבונג און באַדאַרף געלאָזט אויף זיך איינווירקן. אָבער בלויז די אָביעקטיווע פאָרשונג פון אָט די ספּערישע „שליסל“ אָדער פאקטארן און זייער ווירקונג ביי פאַרשידענע מענטשן און תּנאים קאָן געבן די מעגלעכקייט מעטאָדיש־פּלאַנמעסיק צו אָרגאַניזירן און רעגולירן דאָס ספּערישע פאַקט־לעבן, ווי מיר האָבן עס ביי קונסט־ווערק בנוגע צום ספּערישן פיל־לעבן. ג) פיל רעליגיעזע ווערק זוכן און באַשרייבן פאַרשידענע עקסטאַטישע און טראַגישע מאָמענטן פון לעבן, ווי בכלל אַלערליי פּסיכישע אויסנאַם־געשעענישן, וואָס פירן דעם מענטשן אין ספּעריש־רעליגיעזן לעבן. הויפּטזעכלעך באַשרייבן רעליגיעזע ווערק

פאַרשידענע אופנים פון רעליגיעזן לעבן ביי פאַרשידענע מענטשן אין פאַרשידענע עפּאָכן. דאָס מוזן מיר קריטיש פאַרגלייכן מיט וויסנשאַפטלעך דורכגעפירטע זעלבסט-באַשרייבונגען פון רעליגיעזע מענטשן (ווי מיר האָבן, למשל, אַזוינע באַשרייבונגען ביי דזומס אין זיין בוך: „די פילגעשטאַלטיקייט פון דער רעליגיעזער ערפאַרונג", אויך די געזאַמלטע דאָקומענטן אין מאַרטין בובערס בוך: „די עקסטאַטישע קאָנפעסיאָנען", א.ד.גל.) אַנדערע. און אויף דעם אופן קאָנען מיר אַריינדרינגען אָביעקטיוו אין דאָס גרויסע געביט פון רעליגיעז ספּעריש פאַקט-לעבן.

צו די פריערדיקע מעטאָדן געהערן אויך אַלע אַזוינע ווערק, וואָס טראָגן נישט קיין שטרענגן אָדער נאָר אַ געמישטן קינסט-לעריש-רעליגיעזן כאַראַקטער.

3) די ביאָגראַפיע און אויטאָ-ביאָגראַפיע פון קינסטלער, נביאים, הייליקע ספּעריש-באַגייסטערטע קאַמף-נאַטורן אָדער ראמאנטישע אידעאַליסטן. אַזוינע מענטשן קאָנען נישט באַהערשן זייער שטאַרקן ספּערישן דראנג און זוכן אין משך פון זייער גאַנצן לעבן זיך ספּעריש אויסצווירקן. די לעבנס-באַשריי-בונג דעקט אויף די פאַקטישע געשיכטע פון דער אַנטפּלעקונג, אַנטוויקלונג און אויסווירקונג פון ספּעריש פּסיכישן לעבן.

4) די מעטאָדע פון סאָציאַל-ספּערישן לעבן. אין געוויינלעכע צייטן ווערט דאָס סאָציאַל-פּסיכישע לעבן באַהערשט פון דעם לעבנס-צוגעפּאַסטן נאָרמאַל-באַוווסט-זיין און האָט מער אָדער ווייניקער אַ גלייכמעסיקן טעמפּ און שפּאַנונג. נאָר אין אומגעוויינלעכע צייטן אָדער ביי אומגע-וויינלעכע תּנאים — ווי, למשל, אין די אויסנאַם-צייטן פון רעוואָלוציע, מלחמה, רעליגיעזער אויפשוווּנג א. ד. גל. — אַנטפּלעקט זיך מאַסן-פּסיכיש ספּעריש לעבן, אינטים און פּרי-מיטיוו, פון אומגעהויערן טעמפּ און הויך-שפּאַנונג. מיר זעען אין אַזוינע צייטן פון אייך זייט מאַסן-פּסיכישן דורכברוך פון פּרימיטיוו-ווילדע אינסטינקטן, ווי אויך מאַסן-פּסיכישן אויפ-שוווּנג פון שעפערישער באַגייסטערונג. עס העכערט זיך אין אַזוינע צייטן דער ספּערישער קאַפּאַציטעט פון זעזעלשאַפטס-

לעבן, וואָס איז געשטימט אויף ספּעריִשע הויך-שפּאַנונג. דאָס מאַסן-ספּעריִשע לעבן אַנטפּלעקט זיך אָבער נישט נאָר אַלס דורכברוך אין אויסנאַם-צייטן, נאָר אויך אַלס עלעמענטן און ניואַנסן אין טאָג-טעגלעכן לעבן. אין מאָמענטן פון רו און ימים-טובים ווייזן זיך אַרויס די ספּעריִשע שטרעבונגען פון געזעלשאַפטס-לעבן. בית-מדרש, טעאַטער, פאָלקס-שפּילן א. ד. גל. זענען דורכאויס סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס פונקציאָנירן הויפּטזעכלעך אין מאָמענטן פון רו און ימים-טובים. אין דעם צוזאַמענהאַנג לאָזט זיך סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיש פאַרשטיין די באַדייטונג פון דער קלאַסיש-געוואָרענער פאָדערונג, וועלכע די מאַסן אין רוים האָבן בעת שווערע איבערגאַנגס-צייטן אַרויסגעשטעלט: „ברויט און פאָרשטעלונגען!" ביידע זענען גלייך נויטיק צו דערהאַלטן וועלכן ס'איז מאַסן-פּסיכישן גלייכגעוויכט פון פאָלקס-לעבן. און דאָ זעען מיר אויך סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיש די דינאַמישע געזעצמעסיקייט פון ספּעריִשן לעבן. ווען דער ספּעריִשער דראַנג קאָן זיך נישט אויסווירקן אינטים אָדער גייסטיק-פּראָדוקטיוו, זוכט ער סטיכיש אַ פּרימיטיוון אויסגאַנג. מיר האָבן שוין פריִער דערמאַנט דעם באַקאַנטן און סטאַטיסטיש פעסטגעשטעלטן פאַקט:[1] וואָס קלענער דאָס גייסטיקע ניוואָ פון דער באַפעלקערונג, אַלץ מער און אָפטער קומען פאָר גראַדע אין יום-טוב-צייטן דערשיינונגען פון שכרות, פאַרברעכן און עראָטישע עקסצעסן, ביי העכערן און גייסטיקן ניוואָ אָבער ברענגען ימים-טובים אַ געוויסן אויפשווונג פון רעליגיעזן און עסטעטישן לעבן — פייערלעכע גאָטעס-דינסטן, רעליגיעזע פילפאַרביקע פאָלקס-מנהגים, פאָלקס-שפּילן א. אַ. וו. פאַרשידענע גייסטיקע באַוועגונגען אַנטשטייען אָפט אין יום-טוב צייטן, ווען דאָס פאָלק איז צוגענגלעכער פאַר ספּעריִש-גייסטיקע שטרעבונגען. אָבער נישט נאָר די רו-פּויזן פון לעבנס-קאַמף, נאָר אויך דער לעבנס-קאַמף גופא איז דורכגעדרונגען פון ספּעריִשע עלעמענטן.

1) אינטערעסאַנטע סטאַטיסטישע דאַטן וועגן דער פראַגע קאָן מען געפינען אין דעם בוך פון אשאפענבורג: „דאָס פאַרברעכן אונד זיינע באַקעמפונג" (היידעלבערג 1903).

יעדער שטאַנד, יעדע גרופּע, קלאַס און פאָלק האָט זיין אייגענעם אידעאַל און שאַפט זיך זיין אייגענעם ספּעריש-אידעאָ־לאָגישן „איבערבוי" אָדער אויפפאַסונג פון זיין סאָציאַל-עקאָנאָמישן לעבן. די ספּערישע נאַטור פון דער געזעלשאַפט איז אויך אַ מיטווירקנדיקער אָדער, ווייניקסטנס, אַ מיט-ניואַנסירנדיקער פאַקטאָר ביי אויסוואַל און אַנטוויקלונגס-ריכטונג פון לעבנס-שטייגער אין די גרענעצן פון אָביעקטיווע סביבה-מעגלעכקייטן.

מאַסע און געזעלשאַפט האָבן זייער אייגענע סטרוקטור און קאָנען נישט באַטראַכט ווערן בלויז דורך אַנאַלאָגיע אָדער גלייכשטעלונג מיט דעם אינדיווידועלן לעבן. ס'מוזן דורכאויס אוממיטלבאַר געפאָרשט ווערן די סאָציאַל-ספּערישע דערשיי־בונגען אין זייער קאָנקרעטער און קאָמפּליצירט אייגנאַרטיקער מאַסן-סטרוקטור.

אָרגאַניזאַציע פון ספּערישער פאָרשונגס-עקספּעדיציע

דאָס רעאַל פּסיכישע לעבן און זיין פּאַקטישע ספּעריש-אינערלעכע פאַרצווייגונג איז אומענדלעך פילגעשטאַלטיק און איז נאָך ווייניק וויסנשאַפטלעך באַרירט געוואָרן. כדי פאַמעלעך אַרומצונעמען וויסנשאַפטלעך דאָס אומענדלעכע געביט, מוז מעטאָדיש געשאַפן ווער, אַ מעגלעכקייט פון אַ סאָלידאַר-וויסנשאַפטלעכער מאַסן-אַרבעט. ס'מוזן אַריינגעצויגן ווערן צו דער פאָרשונגס-אַרבעט פיל מענטשן נישט נאָר אַלס פאָרשער, נאָר אויך אַלס לעבעדיקע קוואַלן פון פּסיכישער ווירקלעכקייט פאַר דער זעלבסט-און פרעמד-באָאָבאַכטונג. ביי יעדן מענטש ווייזט זיך אַרויס אינדיווידועל דאָס ספּערישע לעבן פון פאַרשידענע זייטן. און וואָס מער מענטשן ס'וועלן געפאָרשט ווערן (ביי פאַרשידענע תנאים לויט פאַרשידענע מעטאָדן) אויף זייער ספּעריש אינערלעך-לעבן, אַלץ מער וועט קאָנען די אָביעקטיוו-פאַרגלייכנדיקע פאָרשונג אַלזייטיקער אַרומנעמען דאָס פילגע.

שטאַלטיקע ספּערישע לעבן. די פאָרשונג מוז דורכאויס אָריענ־
טירט זיין אויף דעם רעאַל־פּסיכישן לעבן, אויף געפילטע אָדער
איבערגעלעבטע ספּעריש פּסיכישע געשעענישן און פּראָצעסן אין
פאַקטישן נשמה לעבן. אונזערע מעטאָדן און פאָרשונגס־פּלאַן
האָבן געוויסע פּרינציפּן, וואָס פאַרגוואַלטיקן אָבער נישט די קאָנ־
קרעטע פילגעשטאַלטיקייט פון נשמה־לעבן און זענען אין אַלע
אויספירונגען לעבנס־נאָנט. אין דעם זין מוז די פאָרשונג זיין
דורכאויס אַ עקספּעדיציע־פאָרשונג, וואָס וויל פאַקטיש אַריינ־
דרינגען, אָביעקטיוו באַאָבאַכטן און באַשרייבן, נישט פאַרמישנ־
דיק דערביי די אויפגעפונענע פאַקטן מיט די היפּפס־השערות
פון דער עקספּעדיציע־אַרבעט.

מיר האָבן שוין אין די פריערדיקע לעקציעס אויפגעקלערט
די גרונט־פּרינציפּן פון פּסיכאָלאָגישער עקספּעדיציע־פאָרשונג.
איצט וועלן מיר קורץ באַשרייבן די טעכנישע אָרגאַניזאַציע
פון אַ עקספּעדיציע־פאָרשונג, ווי מיר האָבן זי דורכגעפירט די
לעצטע יאָרן. די באַצייכנונג „עקספּעדיציע" אַליין פאַרהעלפט
פּסיכאָלאָגיש צו שאַפן אַ שטימונג אָדער איינשטעלונג אויף
אַריינדרינגען, זען און באַאָבאַכטן. די עקספּעדיציע באַשטייט
פון 15—20 מענטשן אונטער דער לייטונג פון אַ געניטן פאָר־
שער. אין די ערשטע זיצונגען קומט פאָר דער אַריינפיר אין
דעם תוך פון עקספּעדיציע־פאָרשונג און די גרונט־טעזן (פון
דער פּסיכאָלאָגישער מענטש־וויסנשאַפט) וועגן די דריי געגע־
בענע אין אַנאַנד פליסנדיקע אַרטן פון רעאַל פּסיכישן לעבן —
נאָרמאַל־באַוווּסטזיין, אינטים און פּרימיטיוו ספּערישע לעבן. דער־
נאָכדעם גייט מען אַריבער צו דער דערינערונגס־מעטאָדע —
מ'לייגט פאָר יעדן צו באַשרייבן פאַר זיך אַ ספּערישע איבער־
לעבעניש פון דער פאַרגאַנגנהייט. ס'ווערט אין יעדער אַרבעט
בלויז באַצייכנט דער טאָג, אָבער נישט דער נאָמען פון דעם
פאַרפאַסער. דידאָזיקע אַנאָנימע אַרבעטן ווערן יעדעס מאָל אָפּ־
געגעבן דעם לייטער אָדער ווערן אַריינגעלייגט אין אַ ספּעציעלן
פּאָרטפעל. אויף דער נאָנטער זיצונג ווערן די אַרבעטן פריי
עהאַנדלט. ס'ווערן ביי יעדער אַרבעט דריי פראַגן אויפגע־

קלערט. 1) ברענגט די באַשרייבונג אָביעקטיווע פּאַקטן פון דער אינערלעכער דערפאַרונג אָדער בלויז סוביעקטיווע מיינונגען וועגן אַזעלכע פאַקטן. „מיינונגען" אָן אָביעקטיווע באַגרינדונג דורך פאַקטן האָבן פאַר אונז קיין שום באַדייטונג. 2) זענען די באַשריבענע פסיכישע פאַקטן אָדער פאַקטישע פּראָצעסן ספּעריש, און פאַרוואָס? 3) וועלכע זענען די רעאַל-אייגנטימלעכע דערשיינונגען פון באַשריבענעם ספּערישן איבער-לעבעניש? אויף די אַלע פראַגן מוזן מיר זוכן אַ פאַקטישן ענטפער פון די אַרבעטן אַליין, וועלכע מיר טאָרן נישט אויסטייטשן אָדער ספעקולאַטיוו „אַנאַליזירן", נאָר פיל מער אָביעקטיוו קאָנסטאַטירן די אָנגעגעבענע פאַקטן און זייער צו-זאַמענהאַנג, קריטיש פאַרגלייכנדיק זיי מיט אַנדערע אַר-בעטן.

כמעט ביי יעדער עקספּעדיציע האָבן מיר געמוזט פאַר-ווענדן פיל צייט און אָנשטרענגונג (דורכשניטלעך 6—5 זיצונגען) ביז די אַנטיילנעמער, אָפטמאָל געבילדעטע „פּסיכאָלאָגן", האָבן דיפערענצירט זייער קוק, כדי צו אונטערשיידן צווישן פאַקטן און „מיינונגען" וועגן פאַקטן. ס'איז לחלוטין נישט גענוג, ווען מ'שרייבט למשל, „כ'בין געווען זייער אַנטציקט" „אין אַ גוטער שטימונג" א. ד. גל. דאָס זענען בלויז אומבאַשטימטע באַהויפּטונגען. יעדע שטימונג רופט אַרויס בילדער און רעיונות, פאַרענדערט דאָס וועלט-באַנעמען און רופט אַרויס באַשטימטע מאָטאָרישע אַקטן (האַנד-לונגען) און אָרגאַנישע פאַרענדערונגען (ווי האַרץ-קלאַפּן, שווערער אָדער לייכטער אָטעם א. ד. גל.). בילדער, רעיונות, האַנדלונגען, באַציונגען — זענען דאָך אָביעקטיוו רעאַלע ערשיינונגען פון דער אינערלעכער ערפאַרונג. אַט אַזוי האָבן מיר פריער געזען ביי לעאָנידן, מאַקסן און אַנדערע פאַקטישע באַשרייבונגען. „אַלץ אַרום מיר, דערציילט לעאָניד, האָט עפּעס ווי פּלוצים אויפגעלויכטן. די געזעלשאַפט, דער כיבוד אויפן טיש א. אַ. וו".

פאַרגלייכנדיק קריטיש פאַרשידענע באַשרייבונגען צווישן זיך און מיט ענלעכע באַשרייבונגען פון קינסטלערישע ווערק דרינגט אַריין די עקספּעדיציע אַלץ טיפער און אַלזייטיקער אין דאָס

ספערישע לעבן. און פֿאַמעלעך גייט די עקספּעדיציע איבער צו אַנדערע ספּעציעלע און אוניווערסאַלע מעטאָדן, וואָס מיר האָבן שוין פריער באַשריבן. נאָך אַ באַשטימטער צייט פון אַרבעט קאָנען פֿאַרשידענע טייל-נעמער בילדן אייגענע עקספּעדיציע-גרופּן און די אויסגעווײלטע מאַטעריאַלן ברענגען פאַר דער אַלגעמיינער זיצונג. אויף דעם אופן קאָן די עקספּעדיציע-פֿאָרשונג אין משך פון דער צייט אַלץ טיפער און אַלזייטיקער אַריינדרינגען אין דאָס אומענדלעכע ספּעריש-אינערלעכע לעבן. —

וועגן נערוועישקייט, זעלבסט־מאָרד
און מאָראַלישעס נויט־זינקען

אַלס פּסיכישער סקאָרבוט.

(אַ כ ט ע ל ע ק צ י ע)

חשובע צוהערער!

ביי אַלע אונזערע אונטערזוכונגען האָט זיך די נערוועישקייט אַרויסגעוויזן אַלס פּסיכישער סקאָרבוט, ד. ה. אַלס נויט־אויסוויר־קונג פון דעם אינדיווידועל ספּעריש דראַנג, וואָס ווערט נישט באַפרידיקט פון דעם פאַקטישן לעבנס־שטייגער. ביי דעם אויספּעלן פון דעם אינדיווידועל נויטיקן מינימום פון ספּערישער אויסווירקונג ווערט דעם מענטשן דאָס לעבן „פּרעסנע", „גרוי", „פּוסט", „לאַנג־ווייליק", „נודנע". אַנדערע האַלטן עס טאַקע נישט אויס און נעמען זיך דאָס לעבן, ווייל (ווי זעלבסטמערדער דריקן זיך אָפט אויס) זיי האָבן נישט קיין „אינטערעס" אין לעבן.

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישע שילדערונג פון זעלבסטמאָרד־שטימונגען. דאָס איז אַ זעלבסט־באַשרייבונג לויט דער ערינערונגס־מעטאָדע, וואָס האָט געמאַכט איינער פון די טייל־נעמער אין אַ בערלינער מענטש־עקספּעדיציע.

פון דעם הערבסט 1923

(לויט דער ערינערונגס־מעטאָדע)[1].

בערלין. דעם 1925. 19/1

1) מיר גיבן איבער די זעלבסט־באַשרייבונג, נישט ענדערנדיק דעם סטיל אין אָרטאָגראַפיע פון דעם מאַנוסקריפּט.

„אַ מאָדנע זאַך! יעדער טאָג אַן אַנדערער נאָמען: זונטיק, מאָנטיק, שבת, פרייטיק. עס ליגט דאָך אַזויפיל פאַרב אין יעדן נאָמען, אַזויפיל קאָליר און טעם! און ביי מיר? און מיינע טעג? אַלע מאָנטיקס, אָדער אַלע מיטוואָכס, אָדער גאָר אָן אַ נאָמען. אַ פּאַסיק און גאָרנישט. פּוסט...

און צו וואָס, און טאַקע? אין שטוב געווען. געמיינט דייטשלאַנד. און איך האָב זיך אַליין אַזויפיל שיינס געמאָלט. און אין די אויגן האָט זיך געפינטלט דייטשלאַנד. גלאַנציקע פּאַרענצן, געפאַרבטע פּאָדלאָגע, גרויסע מויערן, פּאַראַדנע כאָדן, טרעפּ, מיר האָבן נאָך קיינמאָל אויף טרעפּ נישט געוווינט

און ט'איצט? אַ קליינע שטאָט. אין ז. הינטער מיינע פענסטער גאַסן, ווי די טעג. אַלע פון איין מאַמען. נודנע.

שוין 3 וואָכן פון שטוב קיין בריוו נישטאָ. און פון די חברים שוין אַזוי לאַנג. נישט איך זיי געשריבן, נישט זיי מיר. און אַז איך וויל שוין יאָ, נישטאָ וואָס. וויפל מאָל זיך געזעצט און אָנגעהויבן: „טייערער חבר! איך בין געזונט, קיין באַזונדערע נייעס, נישטאָ". און פלעג אַוועקשטעלן אַ פּונקט און נישט וויסן ווייטער. טונקען די פּעדער אין טינטער, קוועטשן אויפן פּונקט אַזוי לאַנג, ביז דער פּונקט איז גרויס ווי אַ אויג. מאַך איך אַ צווייטן לעבן אים, אַ נאָז און אַ צורה. נאָכער אַ צווייטע און נאָך אַ צאַצקע. ביז עס פלעגט ווערן מיאוס.

הינטערן אויוון ליגן מיינע אַלטע בריוו. פון אַמאָל, פון געוועזן. כ'פלעג זיי אָפט לייענען און זיך דערמאָנען.

רוק אַזוי אַמאָל די האַנט אַריין און שאַר, שאַר נאָך די בריוו. טאַפּ איך עפּעס אָן און צי אַרויס — אַ שטריק.

אין צימער שאָטנס, אויפן גאַס די שטאָט — איך אַליין און אין האַנט אַ שטריק. אַז טאַקע, יעדערער וואָלט געמיינט, האָב איך געמיינט.

האָט זיך מיר געדאַכט, אַז בכיוון, בכיוון בין איך עס געגאַנגען נעמען. און ס'איז מיר, ווי אַ סקריפּ דורכן לייב אַדורך. אַ וואָרף די שטריק און גיך פון שטוב. און ביינאַכט,

אז כ׳בין צוריק אהיים געקומען, בין איך ווייט פון אָרט געגאנגען ווו ער, דער שטריק, איז געלעגן. און גיך — אין בעט אריין. און כ׳האָב געפילט, אז עפּעס ציט מיך צו דעם אָרט און שלעפּט. ווי מיט הענט שלעפּט עס מיך. און געדאכט האָט זיך מיר, אז דאָרטן, היינטערן אויוון, ווו ער ליגט, דרייט ער זיך אין א שלייף צוזאמען און קריכט צו מיר אויפן האלז, קריכט זיך.

און איך ליג און ליג און מיך ציט און שלעפּט, ווי מיט הענט שלעפּט עס מיך. בין איך פון בעט אויף גיך אראָפּ און צו צום אָרט, ווו דער שטריק, א כאפּ געטון און געהאלטן. און גערעדט צו זיך אליין: „האָסט מורא, הא?" און די הענט האָבן נישט ווילנדיק געדרייט א שלייף. אין קאָפּ האָט זיך געדרייט, אז כ׳וועל דאָס קיינמאָל נישט טון (צופיל האָב לעבן האָלט) נאָר ס׳האָט זיך געוואָלט, ווי עפּעס א רייץ טון מיט זיך אליין, א פּרווו זיך געבן, און שפּעטער אין אנדערע טעג, אויך מאָנטיקס, אָן נעמען, פלעג איך מיט זיך, זיך רעדן. און כ׳האָב געוווסט, אז קיין גוטס וועט נישט זיין, אז סוף כל סוף וועט דאָס נעמען, אָן מיין ווילן.

כ׳האָב זיך דערייצט ביז דעם, אז כ׳בין מיט דעם שטריק אויפן האלז אויף א שטול געשטאנען און זאָג צו זיך: "האָסט מורא, הא, ציטערסט?"

דער סוף פון שטריק א פראָסטער. א וואָרף דורכן פענסטער און פארטיק. א שאָד, א גוטער שטריק געווען. מיר עטלעכע אָוונטן פארפארבט".

אין אָט דער ארבעט ווערט רעאל-פּסיכיש געשילדערט זעלבסט-מאָרד שטימונג, וואָס דער מחבר קאָן נאָך באהערשן און פּרווט עס קינסטלעריש אויסצולעבן. ס׳באווייזט זיך דאָ באזונדער בולט און אָביעקטיוו דידאָזיקע זעלבסט-מאָרד-שטימונג

אַלס רעזולטאַט פון „גודנע״ לעבן, פון ספּערישן מאַנגל, וואָס צווינגט מענטשן צו זוכן אין טויט די באַפרייאונג פון דעם אומדערטרעגלעכן -„גודנע״ לעבן.

ווענדן מיר זיך צו דער סטאַטיסטיק וועגן זעלבסט-מאָרד, געפינען מיר פיל פעסטגעשטעלטע פאַקטן, וואָס באַווייזן דייטלעך, אַז ביי דעם זעלבסט-מאָרד האָבן מיר צו טון מיט אַ דערשיינונג פון פּסיכישן סקאָרבוט. אין צייטן פון מלחמה און רעוואָלוציע ווערט לויט דער סטאַטיסטיק באַדייטנד פאַרמינערט די צאָל פון זעלבסמאָרד, ווייל מלחמה און רעוואָלוציע ברענגען, ווי מיר האָבן עס אויבן (לעקציע 3 באַוויזן, פרישע פּסיכישע וויטאַמינען, רופן אַרויס ספּעריש לעבן און אַזוי אַרום האָבן זיי אַ היילנדיק-גינסטיקע ווירקונג אויף נערוועזישקייט און זעלבסטמאָרד-שטימונג. פאַמיליען-מענטשן זענען (לויט דער סטאַטיסטיק) ווייניקער געניינגט צו זעלבסט-מאָרד, ווי אומפאַרהייראַטע, און קינדעררייכע-פאַמיליען גיבן לערך ווייניקער זעלבסט-מערדער, ווי קינדערלאָזע פאַמיליען. כאָטש אַפילו פאַמיליען-לעבן און זאָרגן פאַר קינדער פאַרגרעסערן די נויט פון מענטשן, זענען זיי אָבער גרויסע קוואַלן פון ספּערישן לעבן און טאַקע דערפאַר שיצן זיי דעם מענטש פון זעלבסט-מאָרד, וואָס איז דאָך בלויז אַ רעזולטאַט פון ספּערישן מאַנגל. דאָס זעלבע ווייזט די סטאַטיסטיק אויך בנוגע פאַרשידענע צייטן פון יאָר. מ׳וואָלט געקאָנט מיינען (ווי דאָס האָט אויך אַמאָל מאָנטעסקיו באַהויפּטעט), אַז אין ווינטער-צייט, וואָס ברענגט לערך מער קראַנקייטן און מאַכט שווערער דעם עקזיסטענץ-קאַמף, ווערט פאַרגרעסערט די צאָל פון זעלבסט-מאָרדן. די סטאַטיסטיק ווייזט אָבער, אַז דווקא אין פרילינגס-צייט און פרי זומער, וואַקסט די צאָל פון זעלבסט-מאָרדן. דאָס קומט טאַקע דערפאַר, ווייל אין פרילינג וואַכט אויף ביי מענטשן נאָך שטאַרקער דער לעבנס-דורשט אָדער ספּערישער דראַנג (אין דער קינסטלערישער ליריק איז, ווי באַקאַנט, דער פרילינג אַ געוואַלטיקער פאַקטאָר פון ספּעריש-אינטימער שטרעבונג) און ס׳ווערט דורך דעם טראַגישער פאַרשאַפט דער דעפיציט צווישן

אינערלעך ספּערישן דראַנג און לעבנס־שטייגער. אַלעמאָל איז דער זעלבסט־מאָרד בלויז אַן אויסדרוק פון דעם איינגעקלעמטן ספּעריש־אורטימלעכן לעבנס־אימפּעט, וואָס האָט אין דעם פּאַק־טישן לעבנס־שטייגער פאַרלוירן אָדער קאָן אין אים נישט גע־פינען די אינדיווידועל צוגענגלעכע קוואַלן.

אַנדערע קומען דורך דער ספּערישער פאַרשמאַכטקייט צו אַ פּרימיטיווער נויט־זינקעניש אין אַלקאָהאָל און מאָראַלישע עקסצעסן. ווי מיר האָבן עס פריער אויספירלעך געזען אין געאָרגס ביאָגראַפיע. אויך דאָ ווייזט אונז די סטאַטיסטיק, אַז אין פּרילינג און פרי־זומער וואַקסט די צאָל פון זיטלעכקייט — פאַרברעכן, גלייכצייטיק מיט דער צאָל פון זעלבסט־מאָרדן, ווייל ביידע זענען דאָך בלויז אינדיווידועל פאַרשידענע אויסגאַנגס־מעגלעכקייטן פון דעם טראַגיש פאַרשאַרפטן דיסאָנאַנס צווישן ספּעריש־אורטימלעכן לעבנס־אימפּעט און פאַקטישן לעבנס־שטיי־גער. ביי פיל מענטשן אָבער קומט עס צו פּסיכישער גלייכגע־וויכט־שטערונג אָדער פּסיכישן סקאָרבוט, ווען דער אומגע־שטילטער ספּערישער דראַנג געפינט זיין אויסגאַנג אין דער קראַנקייט, וואָס ברענגט דעם מענטש פּרימיטיוו שטאַרקע ספּע־רישע רייצן. די נערוועישקייט איז אויף דעם אופן אַ שוץ־מיטל קעגן זעלבסט־מאָרד און מאָראַלישער דעגענעראַציע. ווייל אַלע זענען זיי דאָך, ווי געזאָגט, בלויז אינדיווידועל פאַרשי־דענע (אָפּהענגיק פון קאָנסטיטוציע, דערציונג און סיטואַציע) אויסגאַנג־מעגלעכקייטן פון ספּערישער פאַרשמאַכטקייט.

ווען ס'ברעכט אויס, למשל, אַ פּאַניק אויף אַ פאַרזאַמ־לונג, זוכן אַלע מענטשן אינסטינקטיוו זיך צו ראַטעווען. אָבער יעדער מענטש וועט דערביי, אָפּהענגיק פון כאַראַקטער און סיטואַציע, זיך ראַטעווען אויף אַ פאַרשידענעם אופן. די וואָס שטייען נאָענט צו דער טיר, וועלן פּשוט און נאַטירלעך אַרויס־לויפן דורך דער טיר. און די מענטשן, וואָס שטייען אַרום פענ־סטער, ווייט פון דער טיר, וועלן שוין אומנאַטירלעך אַרויס־שפּרינגען דורכן פענסטער, אָבער די מענטשן וואָס שטייען אינדערמיט וועלן אינסטינקטיוו שטופּן און שטערן איינע די־

אַנדערע און אין דעם כאַאָטישן געדראַנג קאָן עס קומען צו אַ קאַטאַסטראָפּע. וואָס רויקער און דיסציפּלינירטער (לויט נאַטור און דערציונג) דער מענטש, אַלס מער וועט ער קאָנען לאַווירן און פאַרמיידן די קאַטאַסטראָפּע. אָט אַזוי זוכן אויך די מענטשן ביי ספּערישער פאַרשמאַכטקייט אין דער אינערלעכער בשמה־פּאַניק, זיך צו ראַטעווען פון דעם אומדערטרעגלעך „נודנעם" לעבן. זענען די טירן פון גייסטיק־פּראָדוקטיוון אויפשוונג פאַר דעם מענטש געשלאָסן, קאָן דער מענטש נישט געפינען קיין היות אין דעם פּאַקטישן לעבנס־שטייגער, זוכט ער זיך צו ראַטעווען אויף פאַרשידענע זייטן־וועגן. און ווען דער מענטש איז לויט נאַטור און דערציונג עמפּינדלעך קעגן מאָראַלישער דעגענעראַציע לויפט ער קאַטאַסטראָפאַל אין זעלבסטמאָרד אָדער נערוועזישקייט.

און דערפאַר קומט נערוועזישקייט אָדער פּסיכישער סקאָרבוט פאַר ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן: 1) ווען דער מענטש איז געצוווּנגען דורך אָביעקטיווע סביבה־תנאים צו אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז נידעריקער פאַר זיין ספּערישן קאָפּאַציטעט 2) ווען דורך אויסנאַם־איבערלעבענישן (ביי אינטים־אויפפלאַקערנדיקער ליבע אָדער בכלל גייסטיקן אויפשוונג), ווערט געשטייגערט ביים מענטשן זיין ספּערישער דראַנג. ביים פּלוצימדיקן אויפהערן פון די אויסנאַם־איבערלעבענישן (אַנטוישונג א. ד. גל.) קאָן זיך נישט דער געשטייגערטער ספּערישער דראַנג גלייך צוריקקערן צום פריערן טאָג־טעגלעכן לעבן און ס'ברענגט צו „קרעמפּנדיקער פוסטקייט" אָדער פּסיכישן סקאָרבוט. מיר באַצייכנען דאָס אַלס אַ קריטישן פּסיכישן סקאָרבוט, ווייל ער קומט דורך דעם קריזיס פון די ספּערישע אויסנאַם־איבערלעבענישן.

ביי די אונטערזוכונגען האָט זיך דער קריטישער פּסיכישער סקאָרבוט אַרויסגעוויזן נאָך אין אַ שאַרפערער פאָרם, וואָס איך וויל פאַר אייך קורץ באַשרייבן און וואָס איז אייגנטלעך מער אָדער ווייניקער באַקאַנט פון דער אינערלעכער ערפאַרונג.

וואָס שטאַרקער דאָס ספּעריש־אינערלעכע לעבן, אַלץ גרעסער

איז די פּסיכישע ווידערשטאַנד-קראַפט. הויך-רעליגיעזע מענטשן, באַגייסטערטע אידעאַליסטן, רעוואָלוציאָנערן און פאַרליבטע קאָנען מער און לענגער ביישטיין אַנטקעגן פאַרשידענע ליידן און נסיונות. דאָס האָט מען צו אַלע ציימן אויך סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיש קאָנסטאַטירט. אָט אַזוי, למשל, האָבן אַרמיי-פירער תּמיד געוווסט, אַז וואָס טיפער די ספּערישע באַגייסטערונג פון דער אַרמיי (פּאַטריאָטישע באַגייסטערונג, אויפפלאַקערנדיקע רעוואָלוציע-שטימונג, רעליגיעזער פאַנאַטיזם א. ד. גל.), אַלץ גרעסער איז איר ווידערשטאַנד-קראַפט, אַלץ מער אומערשיטערט קאָן זי אַריבערטראָגן מעגלעכע ליידן און נסיונות פון אַ שווערן קאַמף. פון דער אַנדערער זייט באַאָבאַכטעט מען, אַז ביי קאַטאַסטראָפן, וואָס ברענגען טיפע ערשיטערונג אָדער פּסיכישעס טראַוומא, זוכט דער מענטש אַרויסצוראַטעווען זיך פון אַ נערוועזן צוזאַמענבראָך דורך אינדיווידועל צוגענגלעכע ספּערישע איבערלעבענישן, וואָס שטאַרקן די געבראָכענע אָדער אָפּגעשוואַכטע שפּאַן-קראַפט פון נשמה-לעבן. מיר האָבן געזען פריער, ווי לעאָניד איז מקנא טורגעניעווס ליזאַ וואָס ביי טיפער ערשיטערונג האָט זי געזוכט, ווי אַנדערע רעליגיעזע מענטשן און ענלעכערע פאַלן, זיך אויפצוריכטן אין קלויסטער („מאָנאַסטיר") דורך ספּעריש-רעליגיעזן לעבן. אָט אַזוי זען מיר פיל מענטשן, וואָס אין טראַגישע מאָמענטן ביי אינערלעכער ערשיטערונג ליפן זיי אין רעוואָלוציע, מלחמה, אויפן פעלד פון היסער געזעלשאַפטס-אַרבעט, „אין פאָלק" א. ד. גל., כדי דורך דער הויך-שפּאַנונג פון ספּערישע איבערלעבענישן אויפצוריכטן דאָס ערשיטערטע נשמה לעבן. נאָכמער, דידאָזיקע נאַטירלעכע שטרעבונג אָדער אינערלעכע גרייטקייט צו אינדיווידועל מעגלעכער ספּערישער הויך-שפּאַנונג איז אַזוי גרויס, אַז אָפּטמאָל באַקומען אַפילו געוויינלעכע ערשיינונגען אַ גרויסע ספּעריש-וועקנדיקע קראַפט. אָט איז אַזאַ כאַראַקטעריסטישער פאַל. דאָס איז אַ זעלבסט באַשרייבונג לויט דער ערינערונגס-מעטאָדע, וואָס האָט געמאַכט איינער פון די טייל-נעמער אין אַ בערלינער מענטש-עקספּעדיציע פון 1925.

בערלין 1925.

(לויט דער ערינערונגס־מעטאָדע)

„אין יאָר 1917 בין איך אַריבער אין אַכטן קלאַס. צוליב פּערזענלעכע טעמים האָב איך דאַן באַשלאָסן די שול אַוועקצוּוואַרפן און נישט געגאַנגען אַפילו אָפּנעמען מיין אַטעסטאַט. ס׳איז מיר געווען נישט וויכטיק.

ס׳איז געווען פרילינג. אין שטאָט האָט געהערשט אַ טיפוס־עפּידעמיע. ביי אונז אין שטוב זענען אויך געלעגן צוויי קראַנקע— מיינע ברידער. מיר האָט זיך געוואָלט קראַנק ווערן. איך האָב אַ נאַכט אָפּגעשלאָפן אין בעטל ·אַנטקעגן קראַנקן ברודער און אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געלעגן אין די טיפוס־באַראַקעס הינטער דער שטאָט.

איך האָב געטראַכט, אַז מסתמא וועל איך שטאַרבן. נאָר ס׳איז געווען אַלץ איינס. צוויי וואָכן בין איך געלעגן אָן באַוווסטזיין, נאָכדעם געזונט געוואָרן, זיך אויסגעשריבן און אַוועקגעפאָרן אַהיים. כ׳האָב געפילט, אַז פאַר מיין קראַנקייט האָב איך אַזוי ווי פאַרלוירן דעם צוזאַמענהאַנג מיט מיינע באַקאַנטע, נאָנטע און בכלל מיט מיין גאַנצן פריערדיקן זיין. כ׳בין געפאָרן אין טראַמוואַי און געקוקט. ס׳האָט מיך אַלץ מיד געמאַכט. ס׳איז נאָך אַלץ געווען פרילינג און כ׳האָב געטראַכט: איך בין געבליבן לעבן. פאַרוואָס איז נישטאָ קיין פרייד, פאַרוואָס איז אזוי אַלץ איינס? איך געדענק, אויף מאָרגן האָב איך שטאַרק געבענקט נאָכן שפּיטאָל.

ביי טאָג אַוועק מיט עמעצן שמועסן און שפּאַצירן, גייענדיק זענען מיר פאַרגאַנגען אין אָרעמסטן טייל פון שטאָט. קליינע קרעמלעך. אַלטע שטיבער און ב אָטעס. און דאָ זענען מיר דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ שוסטער. ער איז געזעסן ביים פענסטער אין אַ טונקעלן חדרל מיט זיין טישל און אַרבעטגעצייג. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט און זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן. שוואַרצע הענט מיט אַ גרויסן גראָבן פינגער, אַ פאַררויכערטער פּנים מיט ברילן אונטער געדיכטע, אַראָפּהענגענדיקע

ברעמען. דעם קאָפּ איינגעבויגן, די באַוועגונגען רויקע און לאַנג-זאַמע. איך בין לאַנג געשטאַנען און געקוקט, ווי ער אַרבעט. און מיטאַמאָל איז מיר ליב און טייער געוואָרן אָט דער אַלטער מענטש, וואָס אַרבעט מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט און איבערגעגעבנקייט אויף אַ שוך אין אַ פינסטערן חדרל. און ס'איז מיר ליב און טייער געוואָרן די בלאָטע אַרום, די אָפּגעקראָכענע הייזער, די מענטשן און די זון. כ'האָב געפילט, ווי ס'צינדט זיך אין מיר אַ גרויסע פרייד מיט אַ טיפן אינערלעכן געפיל פון לעבן. ס'האָט זיך אין מיר אַלץ געריסן — כ'האָב אַ שלעפּ געטאָן מיין באַקאַנטע פאַר דער האַנט: „ס'איז גוט" און זיך געלאָזן שפּרייזן אַנטקעגן דער זון. ס'איז מיר געווען דעם טאָג פריילעך און גוט, און נאָך אַ סך טעג איז מיר אַזוי געווען, און דער אינערלעכער געפיל פון לעבן, וואָס האָט זיך דאַן אין מיר דערוועקט, האָט מיך לאַנג נישט פאַרלאָזן".

דאָ האָבן מיר אַ שווערן פאַל פון פסיכישן סקאָרבוט. דער מענטש האָט נישט קיין פרייד אין לעבן, זוכט טויט און קראַנקייט, „בענקט נאָכן שפּיטאָל". און דערפאַר טאַקע איז די נאַטירלעכע שטרעבונג אָדער אינערלעכע גרייטקייט צו ספּערישער הויך-שפּאַנונג אַזוי גרויס, אַז דאָס געוויינלעכע בילד פון דעם אַרבעטנדיקן שוסטער באַקומט אַ ספּעריש וועקנדיקע קראַפט. ס'ווערן בולט געשילדערט די רעאַל-פסיכישע דערשיינונגען פון אַ ספּעריש אינטימען דורכברוך: „און מיטאַמאָל איז מיר ליב און טייער געוואָרן אָט דער אַלטער מענטש א. אַ. וו." און דורך אָט דער ספּערישער הויך-שפּאַנונג האָט זיך דער מענטש איבגאַנצן אויפגעריכט: „און דאָס אינערלעכע געפיל פון לעבן, וואָס האָט זיך דאַמאָלס אין מיר דערוועקט, האָט מיך לאַנג נישט פאַרלאָזן".

אַ ענלעך בילד שילדערט אונז טאָלסטאָי אין „קינדער-יאָרן און יוגנט", ווען אין מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג (פסיכיש טראַוומא) האָט דאָס בילד פון דער אַרומיקער נאַטור אין אים

„פלוצים“ אויפגעוועקט אַ ספּעריש־עקסטאַטישן לעבנס־אימפּעט — אַ אינערלעך געפיל פון לעבן“.

דאָס געזאָגטע קאָנען מיר קורץ אַזוי אויסדריקן. ביי אינערלעכע ערשיטערונגען אָדער פּסיכישער טראַוומא ווערט אַלס נאַטירלעכער זעלבסט־שוץ געשטייגערט דער דראַנג צו ספּערישע איבערלעבענישן, וואָס ביי אינדיווידועל מעגלעכער אויסווירקונג קאָנען זיי היילן אָדער פאַרהיטן פון אַ נערוועז־פּרימיטיוון נויט־אויסגאַנג. ביי פּסיכישן טראַוומא האָבן מיר, הייסט דאָס, דיזעלבע דינאַמיש־געזעצמעסיקע נויט־אויסווירקונג פון דעם אינדיווידועל ספּערישן דראַנג, ווי מיר האָבן עס פריער געזען בכלל ביי דער נערוועזישקייט אָדער פּסיכישן סקאָרבוט.

פסיכישע מענטש־טעראַפּיע
און מענטש־היגיענע.

(נײַנטע לעקציע).

חשובע צוהערער!

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט די אינדיווידועל פאַר־שידענע אָרגאַנישע און סאָציאַלע תּנאים, וואָס באַשטימען די ריכטונג און די מעגלעכקייט פאַר דער פאַקטישער אויסווירקונג פון דעם מענטשנס ספּעציש־אינערלעכע שטרעבונגען. דאָס נאָרמאַלע פסיכישע לעבן איז דער אינדיווידועל פאַסנדיקער גלײַכגעוויכט צווישן פאַקטיש מעגלעכן לעבנס־שטײַגער און ספּעציש אינערלעכן דראַנג. אין אַלע פאַלן, ווען דאָס פאַקטישע לעבן קאָן נישט באַפרידיקן דעם גרעסערן אָדער גרעסער גע־וואָרענעם ספּעצישן דראַנג קומט עס צו נערוועזישקייט אָדער פסיכישן סקאָרבוט.

די ריכטיקע היילונג פון נערוועזישקייט איז דערפאַר נאָר מעגלעך דורך מעטאָדישער אויפשטעלונג פון אינדיווידועל פאַסנדיקן גלײַכגעוויכט צווישן פאַקטישן לעבנס־שטײַגער און ספּעציש אינערלעכע שטרעבונגען, די היילנדיקע באַהאַנדלונג באַציט זיך נישט נאָר אויף די סימפּטאָמען פון דער קראַנקייט אָדער אויף וועלכע ס'איז טייל־געביטן פון פסיכישן לעבן, נאָר אויף דעם **גאַנצן מענטש** לויט זײַן פאַקטישן לעבן און זײַן ספּעציש־אינערלעכן דראַנג — מענטש־טעראַפּיע!

מיט דער הילף פון פריער אָנגעוויזענע מעטאָדן מוזן מיר פאָרשן כאַראַקטער און אַנטוויקלונג פון פאַקטישן לעבן,

ווי אויך גראד אין נאטור פון ספּעריש דראנג. אויף דעם אופן וועלן מיר געפינען דעם קוואל פון נערוועישקייט, ד. ה. דעם קראנק־מאכנדיקן דיסאָנאַנס צווישן פאקטישן לעבן און ספעריש דראנג אָדער דעם אינדיווידועל ספּעציפישן מאנגל אָן ספּרישער אויסווירקונג. די היילנדיקע באהאנדלונג פון דער נערוועישקייט מוז שטרעבן צו באזייטיקן די קראנ־קייטס־ אורזאכע ד. ה. אויסצוגלייכן דעם באשריבענעם קראנק־מאכנדיקן דיסאָנאנס אָדער דעקן דעם מאנגל אָן ספּערישן לעבן. אזא היילנדיקע באהאנדלונג קאָן דורכגעפירט ווערן אויף פאָלגנדיקע אופנים.

1) די טעראַפּייטישע (היילנדיקע) און הי־גיענישע ענדערונג אָדער דערגענצונג פון לעבנס־שטייגער. כדי אויסצוגלייכן דעם קראנקמאכנדיקן מאנגל פון ספּערישער אויסווירקונג, מוז מען לויט קאָנקרעטער מעגלעכקייט ענדערן אָדער דערגאנצן דעם לעבנס־שטייגער דורך אינדיווידועל פּאסנדיקע ספּערישע עלעמענטן. מיר האָבן פריער (אין דער דריטער לעקציע) דייטלעך געזען ביים געוועזענעם סוחר, ווען ער האָט לויט אונזער פאָרשלאג ווייטער אויפגענומען דאָס ספּעריש געפאַרבטע סוחריש־ברויזנדיקע לעבן, זענען ביי אים ערשטוינט־שנעל פארשוואונדן די נערוועישע סימפּטאָמען. לויט דערציונג, אנטוויקלונג און סאָציאלע תנאים, איז—ביי דעם „ליידנשאפטלעכן” סוחר, ווי מיר האָבן עס אויבן באוויזן, דער מסחר געוועזן דער אינדיווידועל צוגעגלעכסטער קוואל פון ספּערישן לעבן. דיזעלבע ראדיקאל היילנדיקע ווירקונג האָבן מיר פריער געזען ביי אַני, ווען זי האָט באקומען לויט איר ספּערישער נאטור א אָפענעם פרייען לעבנס־שטייגער. אָדער די אויבן געשילדערטע רייכע פרוי, וואָס ווייזט ארויס ביי איר „גרויען” לעבן שווערע היסטערישע סימפּטאָמען. די לעצטע פאַרשווינדן אין דער רעוואָלוציע־צייט, ווען זי באקומט א ספּעריש־רייכערן לעבנס־שטייגער.

מיר וועלן נאָך גאנץ קורץ באשרייבן א איינפאכן טי־פּישן פאל. א גימנאזיאל לערער אין דער פּראָווינץ. 38 יאָר אלט, פיזיש געזונט, א שטארק אקטיווע נאטור. די לעצטע יאָרן

ווייזט ער אַרויס שווערע נערוועזע סימפּטאָמען, וואָס פּראָגרעסירן מיט יעדעם יאָר. ביי דער אונטערזוכונג לויט פאַרשידענע פריער באַשריבענע מעטאָדן ווייזט ער אַרויס אַ שטאַרקן ספּערישן דראַנג. דורך דערציִונג און סאָציאַל קולטורעלער סביבה איז דאָס פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע לעבן דער אינדיווידועל צוגענגלעכסטער קוואַל פון זיין ספּערישן לעבן. ער שטאַמט פון זייער אָרעמע עלטערן, האָט באַקומען בילדונג דורך דער הילף פון אַ רייכן קרוב. האָט פון דער יוגנט געטרוימט וועגן סאָציאַלן קאַמף, אין די סטודענטן-יאָרן איז ער געזעסן צוויי מאָל אין געפענגעניש פאַר פּאָליטישע אַרבעט, האָט שטודירט הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן, אַ צייט לאַנג געווען אַ פירער פון אַ פּאַרטיי-קרייז. נאָך דעם דרייסיקסטן יאָר צווינגען אים די לעבנס-תנאים (מאַטעריעלע נויט פון די קראַנקע עלטערן, אייגענע גרויסע פאַמיליע א. ד. גל.) אַריבערפאָרן פון דער גרויסער שטאָט אין פּראָווינץ אַלס גימנאַזיאַל-לערער פון געשיכטע. דער נייער באַרוף פאַרשלינגט זיין גאַנצע צייט און ענערגיע, איז אָבער אויך איצט אַ „לינקער" פּעדאַגאָג, אין פרייער צייט און ימים-טובים שרייבט ער און לייענט אויף פּאָליטיש-עקאָנאָמישע טעמעס, קאָכט זיך אין צייטונגען. אין זיינע פאַרשידענע זעלבסט-באַשרייבונגען קלאָגט ער זיך אויף דעם איינטאָניקן „פאַרבלאָזן" לעבן. נאָך אַלזייטיקער פאָרשונג האָבן מיר אים דערקלערט זיין נערוועזקייט אַלס פּסיכישן סקאָרבוט, ד. ה. אַלס אינסטינקטיווע נויט-אויסווירקונג פון זיין שטענדיק אומבאַפרידיקטן ספּערישן דראַנג, אַ רעזולטאַט פון דעם שטענדיקן דיסאָנאַנס צווישן לעבנס-שטייגער און ספּעריש אינערלעכן שטרעבן. מיר האָבן אים דערפאַר געראָטן צו זוכן לויט מעגלעכקייט אַ געזעלשאַפטלעך אַקטיווערע שטעלונג אין אַ גרעסערער שטאָט. נאָך אייניקע ענערגישע באַמיונגען איז אים אינגיכן געלונגען אָנצוקומען אין דער הויפּט-שטאָט אַלס לערער אין אַ פּריוואַט-גימנאַזיע. דאָרט האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ גרויס-פעלד פון פּעדאַגאָגיש-געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, ווי אויך פּאָ-

ליטיש־אַקטיוו לעבן. אויך דאָ זענען מיט דעם נייעם לעבנס־שטייגער פאַרשוואונדן די נערוועישע סימפּטאָמען.

אָט אַזוי האָט זיך אין אַלע ענלעכע פאַלן אַרויסגעוויזן אַלס ראַדיקאַלע היילונג די אינדיווידועל פּאַסנדיקע ענדערונג אָדער דערגענצונג פון לעבנס־שטייגער, ווייל דאָס באַזייטיקט די קראַנקייטס־סיבה גופא, ד. ה. דעם קראַנק־מאַכנדיקן דיסאַנאַנס צווישן לעבנס־שטייגער און אינדיווידועל ספּערישן באַדאַרף. אויך דאָ זענען מיר אַ ווייטגייענדיקע ביילדלעכע ענלעכקייט מיט דעם פיזישן סקאָרבוט, וואָס קאָן אויך ראַדיקאַל געהיילט ווערן נאָר דורך אַ אינדיווידועל־פּאַסנדיקער ענדערונג אָדער דערגענצונג פון דעם נאַרונגס־שטייגער אויף זיין וויטאַמין־געהאַלט. טאַקע נאָר דורכדעם קאָן אויך דאָרט באַזייטיקט ווערן די קראַנקייטס־סיבה, ד. ה. דער דיסאַנאַנס צווישן נאַרונגס־שטייגער און קערפּערלעכן וויטאַמין־באַדאַרף.

ביי דעם קריטישן פּסיכישן סקאָרבוט נאָך אינטימע אויסנאַם־איבערלעבענישן, ווען ס׳קומט צו נערוועזער נויט־אויס־ווירקונג פון אַ צייטווייליק געשטייגערטן ספּערישן דראַנג, מוזן מיר אויף אַ באַשטימטע צייט ענדערן אָדער דערגענצן דעם לעבנס־שטייגער לויט דעם פאַרגרעסערטן ספּערישן באַדאַרף. אין אַזוינע קריטישע מאָמענטן שטרעבן פיל מענטשן אינסטינק־טיוו צו רייזן און סביבה־בייטן, ווייל דאָס ברענגט, ווי מיר האָבן עס פריער (3 לעקציע) אויספירלעך באַשריבן, פרישע ספּערישע שפּאַנונגען, וואָס קאָנען אויספילן די „קרעמפּנדיקע פוסטקייט". מיר האָבן עס אויך אין פיל פאַלן מיט דערפאָלג אָנגעווענדט. נישט אַלעמאָל אָבער זענען אָט די מיטלען אינדיווידועל פּאַסנדיק און באַפרידיקנדיק. ס׳מוזן דאַמאָלס אַריינגעצויגן אָדער פאַרשטאַרקט ווערן די אינדיווידועל מעגלעכע ספּערישע פאַקטאָרן, וואָס קאָנען אויספילן דעם פאַרגרעסערטן ספּערישן באַדאַרף אין משך פון דער קריטישער איבערגאַנגס־צייט ביז דער מענטש וועט זיך פּאַמעלעך ווידער איינשטעלן אויף דעם פריערדיקן נאַטירלעכן לעבנס־שטייגער. וועגן אָט די ספּערישע פאַקטאָרן וועלן מיר שפּעטער אויספירלעך רעדן.

די פראַגע פון לעבנס-שטייגער איז וויכטיק נישט נאָר פאַר דער היילונג (טעראַפּיע), נאָר אויך ביי דער פאַרהיטונג פון נערוועזישקייט. ס'מוז אַלס גרונט-פאָדערונג פון פסיכישע היגיענע גילטן, אַז דער מענטש מוז אויסקלויבן פאַר זיך אַזאַ באַרוף, וואָס פאַסט פאַר זיין ספערישער נאַטור. ביי דער פסיכאָ-טעכנישער באַרוף-באַראַטונג, מוז מען נעמען אין באַטראַכט נישט נאָר דעם מענטשנס פעיקייט, נאָר אויך דעם גראַד און כאַראַקטער פון זיין ספערישן דראַנג, וואָס לאָזט זיך אונטערזוכן לויט די פריער אָנגעגעבענע מעטאָדן. די דערציונג מוז זאָרגן פאַר דער ריכטיקער אַנטוויקלונג נישט נאָר פון דעם מענטשנס צופּאַסונגס-פעיקייט, נאָר אויך פון זיין ספערישן לעבן. די דערציונג האָט צו אַנטוויקלען די פסיכאָ-היגיעניש וויכטיקע קוואַלן פון ספערישער אויסווירקונג, ווי, למשל, קונסט און רעליגיע, וואָס גיבן דעם מענטשן גייסטיקע מיטלען אויפצוהאַלטן דאָס לעבנס-וויכטיקע ספערישע גלייכגעוויכט.

באַזונדערס לעבנס-וויכטיק איז דער פסיכאָ-היגיענישער אויסוואַל פון אינדיווידועל פּאַסנדיקן לעבנס-שטייגער ביי ספּעַרישע מענטשן. ביי דעם אומגעהויער שטאַרקן ספערישן דראַנג פון אַזוינע מענטשן קומט עס ביי אומפּאַסנדיקן לעבנס-שטייגער צו אַ שטאַרקער מאָראַלישער נויט-זינקעניש, ווי מיר האָבן עס פריער געזען ביי געאָרגן, אָדער צו אַ נערוועזן אויסברוך, ווי מיר האָבן עס געזען ביי מאַקסן. דאָ מוזן מיר באַזונדער נעמען אין באַטראַכט די אינדיווידועל פאַרשידענע אָרגאַנישע און סאָציאַלע תנאים, וואָס באַשטימען דעם כאַראַקטער און אַנטוויקלונגס-ריכטונג פון דער ספערישער נאַטור. ביי דעם ספעריש אבענטויערלעכן געאָרגן זענען פראָנט און סאָציאַלער קאַמף די אינדיווידועל-צוגענגלעכסטע קוואַלן פון ספערישן לעבן, ווי ביי דעם קינסטלעריש-באַגאַבטן מאַקסן די שעפערישע באַגייסטערונג. נאָר אָט, למשל, ביי מאַקסן קומט די שעפערישע באַגייסטערונג פּעריאָדיש טאַקע גאָר ווי אַ מין אינספּיראַציע, ס'שטייגערט זיך דעמאָלט דער ספערישער דראַנג, וואָס זוכט אינסטינקטיוו זיין אויסוועג בשעת די „שטרויענע" צווישן-צייטן. אייניקע קינסטלער לעבן אויס זייער דראַנג אין

דער „באַהעמע". ביי עמפּינדלעכערע נאַטורן, ווי מאַקס, קומט עס צו נערוועזישער אויסווירקונג. די דערציונג און די זעלבסט-דערציונג פון קינסטלער מוז דערפאַר זאָרגן פאַר אַ ריכטיקער גייסטיקער בילדונג, וואָס זאָל קאָנען אויפהאַלטן דאָס ספּעציעלע גלייכגעוויכט פון די „שטרויענע" צווישן-צייטן. אַזוינע קינסטלער, ווי מאַקס, מוזן, הייסט דאָס, נאָר טיילווייז ענדערן זייער לעבנס-שטייגער בנוגע צו דער ספּעריעשער אויספילונג פון די „שטרויענע" צווישן-צייטן.

די ראַדיקאַל-היילנדיקע רעגולירונג פון לעבנס-שטייגער מוז מעטאָדיש דערפאָלגן לויט דער פעסטגעשטעלטער קראַנקהייט-סיבה, וואָס דעקט אויף קוואַלן און כאַראַקטער פון דעם קראַנקמאַכנדיקן ספּעציפישן מאַנגל. ביי דעם פריער באַשריבענעם געוועזענעם סוחר, ווי ביים גימנאַזיאַל-לערער, קומט די נערוועזישקייט מחמת דעם שטענדיקן דיסאָנאַנס צווישן ספּעריעשער נאַטור און באַרופלעכן טאָג-טעגלעכן לעבן, וואָס האָט מיט דערפאָלג געקאָנט און געמוזט פון גרונט אויס רעגולירט ווערן. אַנדערש פּאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט אין דעם „גרויען" לעבן פון געשלאָסענעם פּאַנסיאָן און ווערט אינערלעך ווידער אויפגעריכט, אָנקומענדיק אין דער אָפענער פרייער שול. מאַקס בלייבט ביי זיין קינסטלערישן לעבנס-שטייגער און מוז נאָר ספּעריש דערגענצן די צווישן-צייטן. לויט גראַד און כאַראַקטער פון דעם קראַנק-מאַכנדיקן דיסאָנאַנס איז ביי פיל מענטשן גענוג בלויז טיילווייז צו ענדערן ספּעריש דעם לעבנס-שטייגער אָדער דערגענצן אים דורך ספּעריעשע „צוגאָבן". דאָס איז אויך די פּסיכאָ-היגיענישע און טעראַפּייטישע באַדייטונג פון רו-אָוונטן און ימים-טובים, וואָס גיבן דעם מענטש נישט נאָר פיזישע רו, נאָר אויך (ווי מיר האָבן עס אין די פריערדיקע לעקציעס באַשריבן) די לעבנס-וויכטיקע מעגלעכקייט אויסצווירקן דעם ספּעציפישן דראַנג. מיר האָבן באַאָבאַכטעט נערוועזע מענטשן, וואָס ביי זייער אונטערזוכונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דורך פאַרשידענע סיבות ווייסן זיי נישט כמעט פון רו און ימים-טובים. דורך אינדיווידועל פּאַסנדיקן אויסבוי פון אַ מעגלעך ספּעציפישן יום-טוב-לעבן האָבן

דידאָזיקע מענטשן געקאָנט אינערלעך אויפגעריכט ווערן, אויסבאַ-לאַנסירנדיק דורכדעם דעם קראַנקמאַכנדיקן דיסאָנאַנס. אין דעם זין איז אויך טעראַפּיש און פּסיכאָ-היגיעניש וויכטיק דער אורלויב-חודש (אין משך פון אַ אַרבעטס-יאָר), וואָס ביי זיין ריכטיקן אינדיווידועל ספּעריש אויסבוי פילן זיך מענטשן „אויפגעפרישט", „אויפגעמונטערט".

2) ספּערישע פאַקטאָרן. נישט אַלעמאָל ערלויבן די אָרגאַנישע און סאָציאַלע לעבנס-תּנאָים צו ענדערן דאָס ספּעריש אומפּאַסנדיקע באַרוף-לעבן, ווי אויך ביים קריטישן פּסיכישן סקאָרבוט האָט מען דאָך צו העכערן דעם ספּערישן לעבנס-געהאַלט הויפּטזעכלעך אין דעם משך פון דער קריטישער איבערגאַנגס-צייט. כדי צו דעקן אין אַזוינע פאַלן דעם קראַנק-מאַכנדיקן ספּערישן מאַנגל, מוזן מיר דאַמאָלס אַריינציען אָדער פאַרשטאַרקן אַזוינע ספּערישע פאַקטאָרן, וואָס זענען פאַרבונדן אָדער לאָזן זיך פאַר-בינדן מיט דעם פאַקטיש אומענדערלעכן לעבנס-שטייגער. אָט אַזוי האָבן מיר פריער (3 לעקציע) באַוויזן אין אייניקע פאַלן די היילנדיקע ווירקונג פון טאַנץ, ווי מיר האָבן אויך פריער באַשריבן די הייל-ווירקונג פון רייזע און סביבה-בייטן אַלס ספּעריש-ווענדיקע פאַקטאָרן.

אונטער ספּערישע פאַקטאָרן פאַרשטייען מיר אַזוינע איינ-דרוקן און אומשטאַנדן, וואָס רופן אַרויס ביים מענטשן אַ ספּעריש לעבן. יעדע נאַטור, יעדע עלטער, יעדער קולטור-צושטאַנד האָט זיינע אייגענע אינדיווידועל צוגענגלעכע קוועלן פון ספּערישער אויסווירקונג. ווי אויך זיינע אייגענע ספּערישע פאַקטאָרן. אַ שיינע פרילינגס-לאַנדשאַפט, וואָס פאַרכאַפּט ספּעריש דעם קינסטלער, קאָן לאָזן גלייכגילטיק דעם באַשעפטיקטן סוחר — נאַטור-אונטערשיד. אַ שיינע פרויען-געשטאַלט וועט גיכער ווירקן ספּעריש אויף אַ יונגערן מענטשן, ווי אויף אַן עלטערן — עלטער-אונטערשיד. אַריינגייענדיק אין אַ גאָטעס-הויז, וועט אַ פרומער מענטש גיכער קומען צו אַ ספּעריש-רעליגיעזער שטימונג, ווי דער אטעאיסט — גייסטיק-קולטורעלער אונטערשייד

מיר אונטערשיידן ספּעציעלע און אַלגעמיינע ספּערישע פאַק-

טאָרן. די ערשטע זענען אַזוינע, וואָס קומען דורך דעם אינדיווי־דועלן מענטשנס־לעבן, ווי, למשל, די ספּעריש־וועקנדיקע ווירקונג פון היימאַט־קלאַנגען, פון אַ ליבעס־בריוו און אַנדערע ענלעכע איינ־דרוקן, וואָס זענען אַ אַציאַטיוו אָדער דורך עראינערונג פאַרבונדן מיט די עקסטאַטישע און טראַגישע מאָמענטן פון דעם מענטשנס אייגענעם גורל און ווירקן בלויז אויף דעמדאָזיקן מענטשן. אַלגעמיינע ספּערישע פאַקטאָרן זענען אָבער אַזוינע, וואָס רופן אַרויס, ווי, למשל, קינסטלערישע און רעליגיעזע ווערק, ספּערישן לעבן אַלגעמיין ביי פיל מענטשן. אָט אַזוי קאָן דער אַרטיסט אויף דער בינע אַרויסרופן ספּערישע געפיל־איבערלעבענישן גלייכ־צייטיק ביי הונדערטער צושויער.

באַזונדער וויכטיק איז צו אונטערשיידן צווישן אומווילנדיק־נאַטירלעכע און ווילנדיק־פרייע ספּערישע פאַקטאָרן. די ערשטע קומען תמיד, ווי, למשל, ליבע אָדער קינסטלערישע אינספּיראַציע, ביי באַשטימטע באַדינגונגען פון דעם מענטשנס נאַטור און פון דער סיטואַציע — זיי זענען ווייניק אָפּהענגיק פון דעם מענטשנס פרייען ווילן. זיי קומען אומווילנדיק, אָפט אויך אומגעריכט. דער מענטש קאָן אָבער לויט זיין אייגענעם ווונטש גיין אין טעאַטער אויף אַ קאָנצערט, צום טאַנץ אויפן באַל, אין הייליקע ערטער, לייענען קינסטלערישע און רעליגיעזע ווערק א.אַ. וו. דאָס זענען אַלץ ווילנדיק־פרייע ספּערישע פאַקטאָרן, וואָס דער מענטש קאָן אויף אַ באַשטימטן אופן לויט ווילן און אינערלעכן באַדאַרף לאָזן אויף זיך איינווירקן. אונזערע באַאָבאַכטונגען האָבן געקאָנט פעסטשטעלן די איבעראַשנדיק־גינסטיקע ווירקונג פון געוויינלעכע ערשיינונגען, וואָס זענען אָבער אינדיווידועל פאַר דעם נערוועזן מענטשן אַ פאַקטאָר פון ספּערישן לעבן. אָט איז, למשל, אַזאַ פאַל: אַ דרייסיק־יאָריקער סטודענט, פיזיש געזונט, נאָר זייער אויפברויזנדיק און עמפינדלעך, טראָגט זיך כסדר אַרום מיט פּלענער. אַ גאַנצע וואָך ליידט ער פון שווערע דעפּרעסיע, אַפּאַטיע, אומרויִקן שלאָף. איינמאָל קומט ער נאָכמיטאָג אַהיים (דאָס איז געווען אין מאַי) און געפינט אויפן טיש אַ בוקעט פון מאַי־בלומען, וואָס די באַלעבאָסטע האָט אין זיין אָפּוועזנהייט געשטעלט אויפן טיש. איבעראַשט און פאַר־

וואונדערט, האָט דער סטודענט נישט ווילנדיק געשמייכלט און זיך זייער געפרייט. די אומגעריכטע בלומען האָבן ביי אים מיטאַמאָל אַרויסגערופן אַ גאַנצע כוואַליע פון אינטימער ראָמאַנטישקייט, און ער האָט אַזוי אַרום זיך ספעריש־אינטים אויפגעריכט פון זיין נערוועזער דעפּרעסיע.

מיר מוזן נאָך אונטערשיידן צווישן פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע ספערישע פאַקטאָרן. די ערשטע זענען אַזעלכע, וואָס וועקן ספעריש־אינטים לעבן. די אַנדערע פאַרקערט טאַרמאַזירן אָדער דעפּרימירן דאָס ספעריש אינטימע לעבן און וועקן ספעריש פּרימיטיווע איבערלעבענישן. אַ הערבסט־רעגן, אָפּגעוועלקטע בלעטער. דער אָנבליק פון אַ חורבה א.ד.גל. קענען ביי אייניקע מענטשן אַרויסרופן נערוועזע דעפּרעסיע. פון אונזערע פיל באַאָבאַכטונגען וועלן מיר קורץ ברענגען אַזאַ איינפאַכן פאַל. אַ פּאַציענט ווייזט אַרויס אין משך פון אַ געוויסער צייט פאַרשידענע נערוועזע סימפּטאָמען. ביי דער נאָענטער נאָכפאָרשונג קומט אַרויס, אַז דער פּאַציענט האָט זיך איבערגעקליבן אין אַ נייעם שטאַרק אָפּגעלאָזטן חדר: ברודיק — גרויע אויסגעריבענע טאַפּעטן אויף די ווענט, אַן אַלטער צובראָכענער שראַנק א. אַ. וו. דער נישט געמיטלעכער חדר ווירקט פּייַנלעך אויפן פּאַציענט און וועקט ביי אים שטענדיק ספעריש פּרימיטיווע איבערלעבענישן, פון וועלכע ער באַפרייט זיך, אַריבערקלייבנדיק זיך אין אַ אַנדער וווינונג. די נעגאַטיווע, ווי די פּאָזיטיווע, ספערישע פאַקטאָרן קענען זיין ספּעציעלע און אַלגעמיינע, ווי אויך אומווילנדיק—נאַטירלעכע און ווילנדיק פרייע.

אינטערזוכענדיק דעם מענטשן לויט די פריער אָנגעגעבענע מעטאָדן, קענען מיר פעסטשטעלן זיינע פאַרשידענע אינדיווידועלע און אַלגעמיינע ספערישע פאַקטאָרן. די היילנדיקע באַהאַנדלונג מוז דאַמאָלס מעטאָדיש אויסנוצן די פאַראַנענע נאַטירלעך־אומווילנדיקע, ווי אויך מעטאָדיש אַנטוויקלען די אינדיווידועל מעגלעכע פריי־ווילנדיקע ספערישע פאַקטאָרן. אויף דעם אופן קען מען מעטאָדיש העכערן דעם ספערישן לעבנס־געהאַלט און פאַמעלעך אויסגלייכן דעם קראַנקמאַכנדיקן דיסאַנאַנס צווישן ספערישער נאַטור און לעבנס־שטייגער

3) **ספּעריש־אינטימע קאָנסטעלאַציע.** מיר האָבן אין דער פֿריערדיקער לעקציע געזען, אַז גראָד ביי דער נערוועישקייט איז אָפֿט די ספּערישע עמפּינדלעכקייט פֿאַרשאַרפֿט. די נערוועזע נויט־זינקעניש רופֿט אַרויס אַ אינסטינקטיווע שטרעבונג צו באַפֿרייונג און אויסלייזונג, אַ אינערלעכע גרייטקייט צו ספּעריש־אינטימער אויפֿלעבונג. דער מענטש ווערט באַדייטנד צוגענגלעכער פֿאַר אַ אינטים וועלט־באַנעמען. און ביי אינטים־פּאַסנדיקער קאָנסטעלאַציע קאָנען שוין געוויינלעכע ערשיינונגען ווערן אַ פֿאַקטאָר פֿון אַ טיפֿער אינטימער איבערקערעניש, ווי אַ פּאַסנדיקער קליינער שליסל עפֿנט אויף אַ גרויסן פֿאַרמאַכטן אוצר. אָט דאָס, דוכט זיך, געוויינלעכע בילד פֿון דעם אַרבעטנדיקן שוסטער רופֿט אַרויס אין דעם אויבן (לעקציע 8) באַשריבענעם פֿאַל אַ טיפֿע אינטימע באַנייונג. „און מיטאַמאָל, דערציילט די פֿאַרפֿאַסערין, איז מיר ליב און טייער געוואָרן אָט דער אַלטער מענטש... און ס'איז מיר ליב און טייער געוואָרן די בלאָטע אַרום, די אָפּגעקראָכענע הייזער, די מענטשן און די זון. כ'האָב געפֿילט, ווי ס'צינדט זיך אין מיר אָן אַ גרויסע פֿרייד מיט אַ טיפֿן אינערלעכן געפֿיל פֿון לעבן. ס'האָט זיך אין מיר אַלץ געריסן א. אַ. וו.‟ אין סוף פֿון „קינדהייט און יוגנט‟ באַשרייבט אונז טאָלסטאָי אַ ענלעכן פּראָצעס פֿון אינטימער אויפֿלעבונג אין מאָמענטן פֿון שווערער נשמה־נויט און פֿאַר־צווייפֿלונג. ס'איז דערפֿאַר דער קירצסטער און ראַדיקאַלסטער וועג פֿון היילונג אַרויסצוגעפֿינען און פּאַמעלעך צו ענטוויקלען די אינדיווידועלע אינטים־פּאַסנדיקע קאָנסטעלאַציע, וואָס ברענגט צו דער אַל־היילנדיקער אינטימער נשמה־אויפֿלעבונג. דאָס פֿאָדערט אַ מעטאָדיש־פֿיינפֿיליק איינדרינגען אין דעם אינדי־ווידועל־אינטימען נשמה־לעבן, וועגן וואָס מיר וועלן נאָך ווייטער רעדן.

4) **פּסיכישע הייל־עקספּעדיציע.** די נערוועישקייט אַלס קראַנקהאַפֿט־פּרימיטיווע נויט־אויסווירקונג פֿון דעם אומ־באַפֿרידיקטן ספּערישן דראַנג קאָן ראַדיקאַל געהיילט ווערן, ווען דער מענטש וואָלט באַוווסט זיך אוממיטלבאַר אַריבערגעטראָגן

אין דער ספעריש-אינטימער וועלט און דאָרט גייסטיק-פּראָדוקטיוו אויסלעבן דעם פאַרקריפּלטן אינערלעכן דראַנג. צוליב דעם מוז דער מענטש קודם כל האָבן דאָס פולע קאָנקרעטע באַוווסטזיין וועגן דער פּאָטענציעל אייביקער אור-עקזיסטענץ פון אַ ספּעריש אינטימער וועלט אין אים גופא, אין אים אַליין. ער מוז זיך אינערלעך איינשטעלן און קאָנצענטרירן אויף זיין גרויסער אינטימער וועלט און ריכטן זיין אינערלעך אויג אויף אירע דרעמלענדיקע אומענדלעכע כּוחות. וואַרפנדיק אַ בליק אויף דער אייגענער פאַרגאַנגנהייט, קאָן דער מענטש אינערלעך פיקסירן די זעלטענע התגלות-מאָמענטן פון זיין גרויסער אינטי-מער וועלט, די אייגענע אינטימע אוינסאַם-איבערלעבענישן: נאַיווע קינדער-חלומות, ערשטע ליבע, ערשטער גלויבן, מסירות-נפש-מאָמענטן, אינטים-טראַגישן וועלט באַנעמען אויפן פרישן קבר פון אַ נאָענטן אָדער געליבטן, דער אינטים-מוזיקאַלישער גערויש פון אַ אור-אַלטן אייביקייטס-געפיל אין אַזוינע מאָמענטן, נאָגנדיקע בענקעניש פון אַ טרויעריקן בין-השמשות, האַלב-טונקעלע ציטערנישן און שטרעבונגען. איינמאָל זענען דאָס געווען צויבער-אַקאָרדן פון אַ געהערטער סימפאָניע אָדער ביים אָנבליק פון מענטשלעכע ליידן אָדער ס'איז געווען אין אַ גרויסער היסטאָרישער שעה, ווען אַ פאָלק אָדער אַ קלאַס זענען, ווי איין מענטש, אויפגעשטאַנען פול פון דראַנג און מסירות-נפש.

די ספערישע אַרט פון פסיכישן לעבן איז צוזאַמען מיט דעם נאָרמאַל-באַוווסטזיין רעאַל פאַראַן אין י ע ד ן מענטשן. נאָר דאָס לעבנס-צוגעפּאַסטע נאָרמאַלע-באַוווסטזיין איז שטענדיקער און הערשנדיקער, ווייל עס ווערט אַרויסגערופן און באַשטימט פון שטענדיקע הערשנדיקע אינטערעסן פונם נאַטירלעכן לעבנס-קאַמף. פאַרשלונגען פונם הערשנדיקן נאָרמאַל-באַוווסטזיין, ווערט דער מענטש אָפּגעפרעמדט פון זיין אינטימער וועלט, וועלכע לויכט אויף בלויז, ווי זעלטענע בליצן אין זיין טאָג-טעגלעכן לעבן און וועלכע וועקט ביי אים אַלץ מער בלויז טונקעלע פאַר-שטעלונגען. דער נערוועזער איז אַ ספעריש-פאַרשמאַכטער מענטש, וואָס האָט נישט די שליסל צו זיינע אייגענע אינטימע נשמה-

אוצרות און ווערט דורך דעם ספּעצישן דראַנג אינסטינקטיוו געיאָגט צו אַ קראַנקהאַפּט־פּרימיטיוון אויסלעבן. דער מענטש קאָן זיך אָבער באַפרייען, מאַכנדיק אַ עקספּעדיציע אין זיין אייגענע האַלב־פאַרגעסענע אָדער פאַרנעפּלטע אינטימע וועלט.

אויך דאָ ווערט דער באַגריף עקספּעדיציע אָנגעווענדט אין דעם פריער (צווייטע לעקציע) באַשריבענעם זין, וואָס באַדייט פאַקטיש אַריינדרינגען אין דעם אייגן־אינטימען רעאַל־פּסיכישן לעבן. צום אונטערשייד פון דער ספּעצישער פאָרשונגס־עקספּעדיציע, ווו מ'שטרעבט אַריינדרינגנדיק צו באַאָבאַכטן און באַשרייבן דאָס אינטימע לעבן, וויל מען ביי דער ספּעצישער היי ל־עקספּעדיציע זיך באַהעפטן מיט דער אינטימער וועלט און זיך אין איר איינלעבן און אויסווירקן. אַזאַ הייל־עקספּעדיציע קאָן פּראַקטיש דורכגעפירט ווערן אינדיווידועל און קאָלעקטיוו.

ביי דער אינדיווידועלער הייל־עקספּעדיציע מאַכט עס דער מענטש אַליין פאַר זיך. קאָן זיך דערביי אויסקלייבן אינדיווידועל־גינסטיקע תנאים און אַריינציען די פריער באַשריבענע ספּעציעלע ספּעצישע פאַקטאָרן. צוערשט מוז מען אָפּשטעלן אַ באַשטימטן אָוונט, אַלס עקספּעדיציע־אָוונט. דאָס איז דער ערשטער טריט צו שאַפן אַ אינערלעכע גרייטקייט. ס'איז בעסער אָפּצושטעלן אַ שטענדיק־באַשטימטן אָוונט אין דער וואָך (אין אונזער פּראַקטיק איז עס מייסטנס געווען מאָנטיק אָוונט, אַלס דער ערשטע וואָך־אָוונט נאָך שבת־זונטאג), ווייל אין משך פון דער צייט ווערט שוין דער אָוונט אַליין אַסאָציאַטיוו צו אַ ספּעציעלן ספּעצישן פאַקטאָר. וווינונג אָדער צימער ווערן לויט מעגלעכקייט «אינטים» צוגעקליבן, ווי אויך די הלבשה. ביי יעדן מענטשן האָבן דאָך אינדיווידועל פאַרשידענע זאַכן און געגנשטענדן דורך ערינערונג אָדער אַסאָציאַטיוו אַ ספּעציש־וועקנדיקן כאַראַקטער. קליינע אינדיווידועל־באַשטימטע ענדערונגען אין הלבשה, ווי אין דעם צימער־צוקלייבן ברענגען אָפּט דעם מענטשן אַ געוויסע אינטימע שטילקייט. בכלל קאָן מען אַריינציען די ווירקונג פון אַלערליי מעגלעכע ספּעצישע פאַקטאָרן. זעצנדיק זיך אין אַ רויק

שטילער פאָזע, ברײנגט דער מענטש אין זיך אויף דעם אוממיטל־
באַר אײנפאַכן רעיון, וואָס ער דריקט אויס מיט ווערטער : איך
בין מ ע נ ט ש, וואָס איז אומענדלעך אין זײַן אויפשוווּנג און
אומבאַגרענעצט אין זײַן פאַלן. אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן
ווײַזן זיך אַרויס מענטשן קלענער אָדער גרעסער לויט די אָר־
גאַנישע און סאָציאַלע תּנאים — אָבער אינערלעך, אין זיך, איז
דאָך יעדער מענטש אומענדלעך און פאַרמאָגט אײביקע אור־
קראַפט. י ע ד ע ר מ ע נ ט ש גענית דאָך אין זײַנע קינדער־
יאָרן די אינערלעך אײביקע אור־ליטערקייט פון רײנעם קינדער
לעבן. דורכפירנדיק פאַר דעם אינערן בליק די איבערגעלעבטע
אינטימע אויסנאַם־צושטאַנדן פון דער אײגענער פאַרגאַנגנהייט,
באַשרײַבנדיק זײ און פאַרטיפנדיק זיך אין זײ, — וועקט דער
מענטש אַלץ מער דאָס פולע קאָנקרעטע באַוווּסטזײַן פון דער
אײגענער אינטימער וועלט. אַלײן פון זיך קומט די אינערלעך
שטילע קאָנצענטראַציע, וואָס ברײנגט דעם מענטשן אין זײַן
אײגענעם אינטימען „איך"...

פאָרשטעלונגען, פאַנטאַזיע־בילדער, געפילן און שטרע־
בונגען באַפרײַען זיך פּאַמעלעך פון זײער פלומרשטדיקער
צעריסנקייט און באַהעפטן זיך אינערלעך אין דעם קאָנצענטרירט־
ליכטנדיקן מענטש־באַוווּסטזײַן, ווי פאַרשידענע קולות גיסן זיך
צונויף בײַם קינסטלער אין אינערלעך אויפגעוואַכטער סימפאָניע.
מ׳דערלאַנגט אַלץ נענטער צו די קאָסמיש־אינטימע אור־קוואַלן
פון נשמה־לעבן — יעדער אײַנדרוק פון אויסן און יעדע רעגונג
פון אינווײניק שטראָמט פון און צו אָט דעם קאָסמיש־אינער־
לעכן אור־קוואַל. דער שוסטער מיט זײַן ווערקשטאַט (אין דער
אויבן געבראַכטער זעלבסטבאַשרײַבונג), דער אויסגעשטערנטער
הימל (אין דער דערמאָנטער טאָלסטאָישער באַשרײַבונג), יעדער
שפּרענקעלע, יעדער קער און ווענדונג, די וועלטן אַרום אונז
און די וועלטן אין אונז — אַלץ ווערט העל־דורכזיכטיק און
אַנטפּלעקט די אומצערטרעגלעך אײנפאַכע, אײביק שעפערישע
אור־גאַנצקייט. מ׳דערפילט דעם מאויסדיג אַנטציקטן אור־שמערץ
פון וועלט און לעבן, וואָס ווערן אומאויפהערלעך צעריסן און

פונסניי אויפגעשטעלט אין דעם קאסמיש אייביקן שאפונגס-ווירבער. ס׳קומט אויף דעם מענטשן יענער שטיל-גליענדיקער ציטער, וואָס קינסטלער דערפילן אין מאָמענטן פון באַגייסטערונג און וואָס קומט ביי יעדן מענטשן אין זעלטענע התגלות-מאָמענטן ביי עקסטאטישע און טראַגישע איבערלע-בענישן. צו אַלע צייטן האָבן מענטשן אין אַזוינע צושטאַנדן אומיטלבאַר דערזען גאָט אין זיך און פון זיך, זענען איינס מיט גאָט געוואָרן, נישט אויפהערנדיק אים צו זען. מ׳פאַרלירט זיך אין דעם קאסמאס, נישט אויפהערנדיק אָבער דערביי אים, דעם קאסמאס, מעכטיק אַרומצונעמען, אָט ווי דער קינסטלער, וואָס טראָגט זיך אַריבער אין אַן אַנדער וועלט, ווערט פון איר פאַרכאַפּט, נישט אויפהערנדיק ערשט רעכט זי צו זען און פונסניי זי איבערצושאַפן. וואָס מער ער ווערט אינטים באַהערשט, אַלץ מער קאָן ער באַהערשן. אָט די פאַראַדאָקסאַלע דאָפּלזייטיקייט, — גלייכצייטיק זיך פאַר-לירן און שעפעריש זיך אויפריכטן — איז די אָפענע מיס-טעריע פון יעדער שאַפונג, די דיאַלעקטישע וווּנדער-גאַנצקייט פון אינטים-ספערישן נשמה-לעבן.

מיר וועלן אין דער קומענדיקער לעקציע נאָך גענויער כאַראַקטעריזירן דידאָזיקע נשמה-דערשיינונגען. איצט ווילן מיר קורץ נאָר אָט-וואָס אונטערשטרייכן: צו אַלע צייטן האָבן מיסטיקער און קינסטלער, וואָס זוכן און אַנטוויקלען (יעדער אויף זיין שטייגער) דידאָזיקע ספעריש-אינטימע איבערלעבענישן, געקאָנט מאכן אָט די איבערלעבענישן אומגעהויער פרוכטבאַר פאַר דעם רעליגיעזן אָדער קינסטלערישן שאַפן. אינם אידישן לעבן איז עס אין די לעצטע יאָרן געווען די חסידישע «דביקות», אַ אינטים-עקסטאַטישע קאָנצענטרירונג, וואָס האָט אינדיווידועל און סאָציאַל-פסיכאָלאָגיש אַנטוויקלט אַ גוואַלדיקע היילנדיק-שעפערישע נשמה-קראַפט. אין דער קינסטלערישער באַגייסטערונג זענען דידאָזיקע איבערלעבענישן די אינטים-ספערישע קוועלע פונם קינסטלער. אויף פאַרשידענע אופנים האָבן מיסטיקער און קינסטלער באַשריבן זייער אינדיווידועל-פאַרשידענע אינטים-

ספערישע ערשיינונגען, וואָס ווייזן אָבער אומעטום אַרויס זייער אַלגעמיינע אינטימע נאַטור. אין דער אויבנגעבראַכטער (לעקציע 5) זעלבסט-באַשרייבונג פון דעם קינסטלער מאַקס, ווערט זיינע אינטימע באַגייסטערונג פון אים אַזוי געשילדערט:

„...כ'פיל זיך לייכט, ווי אַ פעדער אין די גאַנצע וועלט איז העל און דורכזיכטיק. ס'איז עפּעס אַ מין יום-טוב אויף דער וועלט... אומאויפהערלעך קומען אומדערוואַרטע כוואַליעס פון בילדער און ריטמען — כ'האָב דאָס געפיל פון אַ מין התגלות, אַ גאָלדענער שלאַקס-רעגן א. א. וו.“

און אָט איז די זעלבסט-באַשרייבונג פון פּלאַטין, וואָס שילדערט בלויז אין אַנדערע פאַרבן אינדיווידועלע וואַריאַציעס פון ספעריש-אינטימע איבערלעבענישן:

„אָפטמאָל, ווען איך וואַך אויף פון מיין לייב צו מיר אַליין און פון דער אַנדערשקייט טרעט איך אַריין אין מיר זעלבסט — זע איך דעמאָלט אַ גאָר וווּנדערבאַרע שענקייט. דעמאָלט גלויב איך אַמשטאַרקסטן, דאָס איך געהער צו אַ גרעסערער באַשטימונג — אין מיין אייגענער קראַפט ווירקט דאָס פאָלקאָמענע לעבן, און איך בין מיט דעם געטלעכן איין זאַך געוואָרן. און, זייענדיק אין דעם איינגעפונדעוועט, דערלאַנג איך צו יענער גוואַלטיקער קראַפט און דערהויב זיך איבער אַלץ דערקענבאַרס... ווער עס האָט דאָס איינמאָל איבערגעלעבט, ווייסט, וואָס איך זאָג: די נשמה באַקומט אַן אנדער לעבן, ווען זי טרעט אַריין און איז שוין אַריינגעטראָטן (צו זיך זעלבסט)... דעמאָלט זעען מיר אים אין זיך זעלבסט, ווי עס געהערט צו זיין: זיך זעלבסט אין דער גלאָריע, פול פון גייסטיקן ליכט, ניין, פון דעם ריינעם ליכט אַליין, אומבאַלעסטיקט, לייכט, גאָט געוואָרן, ניין, גאָט זייענדיק... אויך געהערט מען נישט דעמאָלט דער שענקייט, ווייל אויך דאָס שיינע האָט מען שוין הינטער זיך; מען גייט אויך אַריבער דעם קרייז פון דעם גוטן. אָט ווי איינער וואָס דרינגט אַריין אין דעם אינערלעכן קדשי-קדשים און האָט אַלע געטער-בילדער געלאָזן הינטער זיך אין טעמפּל. ער וועט די געטער-בילדער ווייטער באַגעגענען, ווען ער וועט אַרויס פון

דעם קדשי־קדשים, ווו ער האָט געזען און זיך פאַרייניקט מיט דעם, וואָס איז נישט בילד און געשטאַלט, נאָר עס איז אַליין זעלבסט, עצמיות...״[1]

אָבער, ווי שוין באַוויזן: נישט נאָר ביי דיכטער און מיסטיקער, נאָר אויך ביי י ע ד ן מ ע נ ט ש ן קומען פאָר (באַזונדער ביי עקסטאַטישע און טראַגישע לעבנס־מאָמענטן) אַזעלכע ספעריש־אינטימע איבערלעבענישן, אַלס זעלטענערע און בליצאַר־טיקערע דערשיינונגען, וואָס ווערן אָבער דורך דער מעטאָדישער זעלבס־עקספּעדיציע געלייטערט און אויסגעבילדעט און וואָס קאָנען אַזוי אַרום ברענגען דעם מענטשן נישט נאָר נשמה־היילונג, נאָר אויך אינטימען אויפשוווּנג. אָט איז אַ פאַקטישע זעלבסט־באַשרייבונג פון אונזער אַ פאַציענט.

אַלעקסאַנדער, 29 יאָר, דורכשניטלעכער אינטעליגענט, אַרבעט אין אַ צייטונג־ביוראָ, ווייזט אַרויס די לעצטע צייט שווערע נערוועזע סימפּטאָמען. אויפן גרונט פון דער אונטערזוכונג (לויט די אינדיווידועלע מעטאָדן פון ספערע־פאָרשונג) האָבן מיר אים אויפגעקלערט וועגן זיין ספערישער נאַטור און האָבן אים אויף דעם באַשריבענעם אופן פאָרבערייט צו אַ זעלבסט־עקספּע־דיציע. און אָט שילדערט אַלעקסאַנדער זיינע אינטימע איבער־לעבענישן אין דער זעלבסט־עקספּעדיציע, וואָס ער האָט ל י י כ ט און נ אַ ט י ר ל ע ך דורכגעפירט.

„...ווידער האָב איך א שלעכטע נאַכט געהאַט. כ׳בין אויף מאָרגן אויפגעשטאַנען מיד און צעבראָכן. כ׳האָב אינגאַנצן פאַר־לוירן די שליטה איבער זיך. שווערע געדאַנקען רייסן מיר דעם מוח. אין אַלע מיינע גלידער האָט זיך אַ מאָדנער שמערץ צעגאָסן. דערהויפּט אָבער שטעכט מיר אין דער ברוסט, אַז מיר איז צייטנווייז שווער צו אָטעמען. אַ גאַנצן טאָג בין איך אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטער. ערשט אָנהויב אָוונט בין איך אַהיימגעגאַנגען. נאָר אַרויפגייענדיק אויף די טרעפּ האָב איך אַן אינערלעכן ענטשלוס באַקומען. ס׳האָט אין מיר אויפגעלויכטן דער רעיון, וואָס דער דאָקטאָר האָט מיר נעכטן געזאָגט, דאָס אין מיר אַליין,

[1] גענומען פון מאַרטין בובערס בוך: „די עקסטאַטישע קאָנפעסיאָן״.

אין מיין אייגענער נשמה, איז פאַראַן גענוג כּוחות, וואָס קאָנען צינדן און וואַרעמען אַ מענטשנס לעבן. גייענדיק אויף די טרעפּ האָב איך זיך אַ ווײַלע וועגן דעם פאַרקלערט. אַט דער רעיון אָדער אפשר די אינערלעכע גרייטקייט צו אים האָט איצט ווי מיטאַמאָל, עפּעס ווי באַהאַלטענערהייט, ערגעץ ווו אין מיר אויפגעעפנט אַ שטילן קוואַל. איז שוין אַ מאָדנע זאַך. אַט דער שטילער קוואַל איז אַזוי ווייט און פאַרבאָרגן — און איז דאָך מיר אַזוי אומגעווײַנלעך נאָענט און צוגענגלעך. כ׳בין אַרײַן אין מיין קליינעם חדר און האָב שטיל צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר. נאָך שטילער האָב איך אויסגעטון מיין פּאַלטאָ. אין חדר איז טונקל און דורך דעם איינציקן פענסטער שימערט אַרײַן דאָס ליכט פונם גאַס־לאַמטערן, וועלכער שטייט פונקט אַנטקעגן דעם פענסטער. כ׳וויל נישט אָנצינדן דעם לאָמפּ. די איינזאַמע טונקלקייט איז מיר איצט מאָדנע היימיש און נאָענט. כ׳זעץ זיך שטילערהייט אַרום פענסטער און אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף דער האַנט פאַרטראַכט איך זיך, עפּעס גיי איך אַרײַן אַלץ טיפער אין זיך אַליין. פּלוצים דערמאָן איך זיך וועגן מיין קליינער פינפיאָריקער שוועסטערל, חיהלע, וואָס איז איצט (ווי מ׳שרייבט מיר פון דערהיים) עפּעס קראַנק. אַנומעלטן, ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון דערהיים און האָב זיך געזעגנט מיט מיינע עלטערן, האָב איך זיך צולעצט געזעגנט מיט חיהלען. זי איז מיר קינדיש געפאַלן אויפן האַלז, האָט זיך שטאַרק צעוויינט און, קלאַמערנדיק זיך פעסט מיט די הענטעלעך אַרום מיין האַלז, האָט זי וויינענדיק מיך בשום אופן נישט געוואָלט אָפּלאָזן. מ׳האָט זי געמוזט מיט גוואַלד אָפּרייסן. דאָס קינד האָט זיך אַזש פאַרכליִנעט פון געוויין. און אַז איך בין שוין געזעסן אין דראָזשקע, האָט די מוטער צו מיר אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, פונוואַנען ס׳האָט זיך נאָך אַלץ געהערט חיהלעס געוויין. און איצט דאָ ביים פענסטער הילכט אַט דאָס געוויין אין מיין גאַנצער נשמה און וועקט אין מיר אַ ווייט פאַרבאָרגענעם און דאָך אומגעווײַנלעך נאָנטן אָפּקלאַנג. כ׳דעק צו דעם פּנים מיט די הענט, ס׳בליצן אין מיר אויף אומצייליקע געשטאַלטן, וועלכע פאַרפלעכטן זיך אין אַ אינער־

לעבער שטילקייט און פאַרשווינדן אין אַ שמערצלעך זיסער בענקשאַפט, וואָס האָט מיך אַדורכגענומען. עפּעס ווי מיטאַמאָל דערפיל איך פון אינעווייניק דעם אייביק זיסן שמערץ פון ליבע און לעבן. כ׳קאָן עס נישט געגוי אויסדריקן אין ווערטער. כ׳הויב אויף דעם קאָפּ און קוק זיך אַרום. דוכט זיך מיר איצט, אַז די איינזאַמע טונקלקייט, דער לאַמטערן, די אַנטקעגנדיקע הייזער — אַלץ, אַלץ איז אינערלעך פאַרפלייצט פון דעם אייביק שטילן קוואַל. ס׳באַהערשט מיך אַן אומבאַשרייבלעך געפיל: אין מיר און אַרום מיר, אין דער פאַרפלייצנדיקער שטילקייט רירן זיך שטום־פאַרגאַפטע קולות און... האָט זיך אָבער אין מיר פּלוצים אָנגעצונדן אַ דראַנג צום לעבן. כ׳האָב אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך מיט אימפּעט געזעצט ביים טיש אַרבעטן. שפּעט ביינאַכט בין איך נאָך דער אַרבעט טיף איינגעשלאָפן און אויף מאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען אַ פרישער, אינערלעך געזאַמלט און דערלויכטן...״

אָט אין דער זעלבסט־באַשרייבונג (ווי אין פיל אַנדערע) זעט מען דייטלעך דעם פּראָצעס פון היילנדיקער זעלבסט־עקספּעדיציע, וועלכע טראָגט אַריבער דעם מענטשן אין זיינע אייגענע ספּעריש־אינטימע וועלטן און לאָזט אים דאָרט אויפהויבן און גייסטיק־פּראָדוקטיוו אויסלעבן דעם פּרימיטיוו פאַרקריפּעלטן ספּערישן דראַנג. מיר לאָזן אונזערע פּאַציענטן דורכפירן סיסטעמאַטיש אַלע וואָך אַזאַ זעלבסט־עקספּעדיציע. ווי פריער געזאָגט, ווערן דערביי מעטאָדיש אויסגענוצט אַלע אַלגעמיינע און אינדיווידועל צוגענגלעכע ספּעריש־פּאָזיטיווע פאַקטאָרן. די עקספּעדיציע ווערט אויף דעם באַשריבענעם אופן דורכגעפירט יעדע וואָך אין אַ באַשטימטן טאָג (געוויינלעך איז עס מאָנטיק), וואָס ווערט מיט דער צייט אַליין אַ ספּערישער פאַקטאָר. מיר שטעלן זיך נישט אָפּ אויף פאַר אַזוינע ספּעריש־פּאָזיטיווע פאַקטאָרן, וואָס זענען פיזיש אָנשטרענגענדיק און וואָס מ׳מוז דערפאַר מעדיציניש פאַרזיכטיק דורכפירן. ביי איינעם אַ פּאַציענט, למשל, האָט די אונטערזוכונג געקאָנט פעסטשטעלן, אַז צייט זיין פרישטער יוגנט ווירקט דאָס פאַסטן אויף אים תמיד, ווי אויף פיל אַנדערע

מענטשן, ספעריש-פּאָזיטיוו. ווייל דער פּאַציענט איז פּיזיש פּול-שטענדיק געזונט, האָבן מיר אים דערלויבט עטלעכע מאָנטיקן צו פֿאַסטן. שפּעטער איז אים געווען גענוג צו פֿאַסטן ביז נאָך האַלבן טאָג, אין משך פֿון דער צייט האָט ער שוין געקאָנט דורכפֿירן אַ זעלבסט-עקספּעדיציע גאָר אָן פֿאַסטן. אָבער אַמ-שטאַרקסטן און אַמטיפֿסטן קומט ביי אים די זעלבסט-עקספּעדיציע נאָך אַ טעגלעכן פֿאַסטן. אַט ווי אַ קינסטלער שטעלט זיך נישט אָפּ פֿאַר נויטיקע אָנשטרענגונגען און מעגלעכע שאַפֿונגס-ליידן, אַזוי דאַרף אַ מענטש זיך פֿאַר דעם נישט אָפּשטעלן, ווען ער וויל ווערן אַ קינסטלער פֿון זיין אייגענעם לעבן, וויל איבער-שאַפֿן און פֿורמירן זיין פּרימיטיוו פּאַרקריפּלטע פּערזענלעכקייט.

נאָך יעדער זעלבסט-עקספּעדיציע מוז געמאַכט ווערן אַ מעגלעך גענויע זעלבסט-באַשרייבונג, וואָס פֿיקסירט און פּאַרטיפֿט די אַרבעט אין פֿאַרשידענע אופֿנים. נישט אַלעמען גיט זיך גרייך איין די זעלבסט-באַשרייבונג, ס'הענגט אָפּ אינדיווידועל פֿון כאַראַקטער און ליטעראַרישער פֿעיקייט. מיט דער צייט אָבער לערנט עס ביי מעטאָדישער לייטונג יעדער מענטש פֿריער אָדער שפּעטער. ווי אויך מיט יעדן מאָל ווערט דער ספעריש-אינטימער וועג לייכטער, צוגענגלעכער, מער „איינגעפֿאָרן“. מיר קוקן דורך צוזאַמען מיטן פּאַציענט די זעלבסט-באַשרייבונג, דער-קענען און באַהערשן פּאַמעלעך די אינדיווידועל-פֿאַרשידענע שטערונגען. לויט דעם אַלגעמיינעם איבונג-געזעץ פֿון פּסיכישן לעבן, קאָן און מוז מען אויך דאָ דורך מעטאָדיש-נאַטירלעכע איבונג דערציען און ענטוויקלען די ספּעריש אינטימע כחות און פֿעיקייטן. צוליב דעם מוז די באַהאַנדלונג זיין קודם-כל דורכאויס עקספּעדיציע-אַרטיק, ד. ה. מיר מוזן שטענדיק אויסמיידן ספּעקולאַטיוו טעאָרעטישע אויסטייטשונגען, נאָר פּאַקטיש אַריינדרינגען אין דאָס ספעריש-אינטימע לעבן, עס אָביעקטיוו באַאָבאַכטן און באַשרייבן. און נאָר אויף דעם גרונד פֿון אַזאַ אָביעקטיווער דערקענטעניש קאָנען מיר געזעצמעסיק דערציען און רעגולירן דאָס ספּערישע לעבן, ווי מיר האָבן עס

געפּרוווט אין די באַשריבענע מעטאָדן פון מענטש-טעראַפּיע (מענטש היילונג).

די ספעריש-אינטימע איבערלעבענישן אין זייער שאַרפסטער פאָרם, ווי מיר זעען עס אין דער געבראַכטער זעלבסט-באַשרייבונג, זענען נישט אומבאַוווסטע אָדער אונטער-באַוווסטע, ווייל זיי שפּילן זיך אָפּ לחלוטין אין באַוווסטזיין, וואָס איז, פאַרקערט, גוואַלדיק קאָנ-צענטרירט אויף דידאָזיקע איבערלעבענישן און באַקומט פון זיי אויף אַ לאַנגער צייט טיף-ווירקנדיקע ערינערונגען. מיר האָבן דאָ אויך נישט צו טון מיט איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען אָדער מיט אייגנאַרטיקע נשמה-עקסצעסן. נאָר די ספעריש-אינטימע איבערלעבענישן זענען לחלוטין נאַטירלעכע פסיכישע דערשיינונגען, וואָס קומען פאָר אַלס שטענדיקערע און בולטערע דערשיינונגען ביי נביאים און דיכ-טער אָדער אַלס זעלטענערע דערשיינונגען ביי יעדן מענטשן אין עקסטאַטישע און טראַגישע לעבנס-מאָמענטן, ווי אויך אַלס ניואַנסן און גרונט-עלעמענטן פונם טאָג-טעגלעכן לעבן (זע לעקציע 6). דאָס ספעריש-פרימיטיווע און ספעריש-אינטימע לעבן, ווי אויך דאָס נאָרמאַל-באַוווסטזיין, זענען רעאַל-קאָנקרעטע אַרטן פון פסיכישן לעבן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אַלע אין באַוווסטזיין און בילדן אַזויאַרום פאַרשידענע, אָבער דורכאויס נאַטירלעכע באַוווסטזיין-פאָרמען. דאָס נאָרמאַל-באַוווסטזיין איז בלויז די שטענדיקערע פאָרם, ווייל עס איז צוגעפּאַסט צום שטענדיקן טאָג-טעגלעכן לעבנס-קאַמף. אָבער יעדער האָט אָרגאַנישע פעיקייטן (ווי עס באַווייזן די אויבנגעבראַכטע אומגעצווונגענע באַאָבאַכטונגען), נישט נאָר צום פרימיטיוון, נאָר אויך צום אינטים-ספערישן באַוווסטזיין. דידאָזיקע פעיקייטן זענען, ווי אַלע פסיכישע פעיקייטן בכלל, אינדיווידועל פאַרשידן און, ווי אַלע פסיכישע פעיקייטן, קאָנען זיי אַנטוויקלט און אויסגעבילדעט ווערן. ביי ריכטיקער אויסבילדונג אָבער באַקומט יעדער מענטש אַ מעגלעכקייט נישט נאָר צו באַפרייען זיך פון נערוועז-פרימיטיווער נויט-זינקעניש, נאָר דעם

פאַרקריפּלטן דראַנג גופא שעפעריש אינטים אויסצולעבן און אַזוי אַרום דערלאַנגט מען צו די קאָסמיש-גייסטיקע אור-קוואַלן פון נשמה-לעבן. די מעטאָדן פון פסיכישער מענטש-טעראַפּיע (מענטש-היילונג) עפענען אויף ביי זייער ווייטערער אַנטוויקלונג גוואַלדיקע האָריזאָנטן פאַר מענטש-קולטור, ד. ה. פאַר דעם מענטשנס סיסטעמאַטישער שטרעבונג צו דערקענען און באַהערשן זיין אייגענע אומענדלעך פילגעשטאַלטיקע מענטש-נאַטור, אַרויס-ברענגען און געניסן אירע פּאָטענציעל באַהאַלטענע אייביקע אוצרות.

די לעצטע קאָנען זיין די ערשטע

(מענטשלעכע וויסנשאַפט און וויסנשאַפטלעכע מענטש-קולטור)

צ ע נ ט ע ל ע ק צ י ע

חשובע צוהערער!

די עפּאָכעמאַכנדיקע ווערקצייג פון דער מאָדערנער נאַטור-וויסנשאַפט זענען באַאָבאַכטונג און עקספּערימענט, וואָס באַדייטן אייגנטלעך די גרויסע אָנשטרענגונג צו זען די נאַטור אין איר „אייגענער" געזעצמעסיקייט. דאָס איז דער וויסנשאַפט נישט לייכט אָנגעקומען. יאָרהונדערטן לאַנג האָט מען זיך געראַנגלט מיט דער ספּעקולאַטיווער נייגונג פון מענטשן צו „מאַכן" זיך געדאַנקען און השערות וועגן דער נאַטור. ערשט אין משך פון דער צייט האָט עס דער פאָרשער פּאַמעלעך באַוויזן צו קאָנען זיך אויסטון פון זיך אַליין און זען די נאַטור אין איר אייגענעם לעבן, אירע אייגענע פּראָצעסן און ערשיינונגס-פאָרמען. די באַאָבאַכטונג זוכט צו זען די נאַטור, און דער עקספּערימענט זוכט צו שאַפן די באַדינגונגען, ביי וועלכע די נאַטור לאָזט זיך זען. באַאָבאַכטונג און עקספּערימענט באַדייטן, ווי דוד קויגן האָט זיך אין אַ אַנדער צוזאַמענהאַנג גליקלעך אויסגעדריקט, די אויטאָנאָמיע פון דעם

נאַטור-געגנשטאַנד, וואָס זאָל איצט קומען אין זיין אייגענער אומענדלעכער רייכקייט צום אויסדרוק אין דער וויסנשאַפט. אין דעם יידישן רעליגיעז-אגדהישן באַוווסטזיין האָט עס געהייסן, דאָס נישט נאָר דער מענטש, נאָר אויך די נאַטור זאָגט שירה. ביז אויף דעם קלענסטן גרעזל האָט יעדע באַשעפעניש זיין אייגענע שירה, וואָס טאָר נישט פון דעם מענטשן דעספּאָטיש פאַרשריגן ווערן. ערשט דערהערנדיק די אייגענע שירה פון דער נאַטור, דערקענענדיק זי אָביעקטיוו, האָט דער מענטש אָנגעהויבן זי אויף אַ ממשותדיקן אופן צו באַהערשן.

אָבער אין משך פון פיל דורות פאַרשטייט עס דער מענטש בנוגע צו דער אַרומיקער וועלט-נאַטור, אָבער נישט בנוגע צו דער אייגענער מענטש-נאַטור. דער מענטש, וואָס וויל און קען „זען" די נאַטור, „זעט" נישט זיך אַליין, „מאַכט" זיך בלויז געדאַנקען און השערות „וועגן" זיין אייגענעם נשמה-לעבן. ערשט אין פאַריקן יאָרהונדערט האָט מען אַריינגעפירט אין דער פּסיכאָלאָגיע די וועגן פון באַאָבאַכטונג און עקספּערימענט, וועלכע נעמען אָבער אַרום בלויז איינציקע געביטן פון נשמה-לעבן. און די עקספּערימענטעלע פּסיכאָלאָגיע „זעט" נאָך נישט דעם גאַנצן מענטשן אין זיין אייגענער קאָנקרעט-אומענדלעכער פילגעשטאַלטיקייט. די גרויסע אינערלעכע וועלט פון ברען-ליידנשאַפטן, די אינטימע תהומות פון דער פּערזענלעכקייט, באַקומט צו „זען" די קינסטלערישע, אָבער נישט די וויסנשאַפטלעכע אָנ-שויונג. דער פּסיכאָאַנאַליז האָט אויף זיין אופן פיקסירט איינ-ציקע געביטן פון נשמה-לעבן און זאָגט זיך אָפּ פּרינציפּיעל צו „זען" דעם קאָנקרעט-פילגעשטאַלטיקן מענטשן, ווילנדיק דורכאויס אים „אויסטייטשן" (אויסטייטשונגס-מעטאָדע). די מענטש-וויסנשאַפט אָבער זוכט, ווי דאָס טוט די קונסט אויף איר שטייגער, צו באַאָבאַכטן און באַשרייבן, צו „זען" די קאָנקרעט-אומענדלעכע נשמה-נאַטור, אַריינדרינגענדיק מעטאָדיש אין אירע רעאַלע טיפענישן. די באַשריבענע עקספּעדיציע-מעטאָדן פון דער מענטש-וויסנשאַפט זוכן און באַנוצן די פאַרשידענע באַדינגונגען, ביי וועלכע די נשמה-נאַטור לאָזט זיך זען אין איר אייגענעם אינער-

לעבן וועזן. אין דער הינזיכט פירן מיר ווייטער די ליניע פון נאטור-וויסנשאפט, זוכנדיק וויסנשאפטלעך צו פארווירקלעכן די אויטאנאמיע פון דער נשמה-נאטור, וועלכע זאל קומען צום אויסדרוק אין איר אייגענער פילגעשטאלטיקייט.

מיר האבן דא, הייסט דאס, מענטשלעכע נאטור-וויסנשאפט אדער קורץ, מענטש-וויסנשאפט. ביי דער גאנצער פארשידנקייט צווישן וועלט-נאטור און נשמה-נאטור, מוז און קאן אבער די וויסנשאפט בייביידן גלייך אנערקענען און דערקענען די אויטאנאמיע פון זייער „אייגענעם" אינערלעכן לעבן. מיר וועלן ווייטער רעדן וועגן די נאטירלעכע גרענעצן פון אט דער אויטאנאמיע אין די פארשידענע וויסנשאפטן. דערווייל ווילן מיר אונטערשטרייכן צוויי קאנקרעט וויכטיגע הויפט-מאמענטן, וואס זענען ענג צווישן זיך פארבונדן און וואס בילדן דעם תוך פון אלגעמיינער און מענטשלעכער נאטור-וויסנשאפט.

ערשטנס, דער נאטור-פארשער בלייבט נישט שטיין אויף דעם אויבערפלאך פון די נאטור-ערשיינונגען און זוכט אביעקטיוו אויפצודעקן די געוויינלעך פארבארגענע, אבער רעאלע פראצעסן, וואס ווירקן אין דעם נאטור-געגנשטאנד גופא און לאזן זיך „זען" ביי באשטימטע באדינגונגען. אויך די מענטש-וויסנשאפט בלייבט נישט שטיין אויף דעם אויבערפלאך פון טאג-טעגלעכן נשמה-לעבן, ד. ה. אויף דעם נארמאל-באוווסטזיין, און זוכט אביעקטיוו אריינצודרינגען אין די אינערלעכע כוחות און פראצעסן, וואס שפילן זיך אפ אין די געוויינלעך פארבארגענע טיפענישן פון נארמאל-באוווסטזיין און וואס אנטפלעקן זיך אבער דייטלעך אין דער אינערלעכער ערפארונג ביי באשטימטע תנאים און מאמענטן. און, צום אונטערשיד פון פסיכא-אנאליז, וויל די מענטש-וויסנשאפט נישט איינזייטיק „אויסטייטשן", נאר פילזייטיק „זען". צווייטנס, דורך אט דער טיף-גייענדיקער פארשונג קומט, ווי פון זעלבסט, דער אלגעמיין-גוואלדיקער פועל-יוצא. דער נאטור-פארשער „זעט", למשל, דורך דעם מיקראסקאפ אין יעדן גרעזל, וואס איז אויפן אויג אזוי נישטיק און איינפאך, א גרויסע אומענדלעך קאמפליצירטע אינערלעכע סטרוקטור-וועלט:

פֿאַרשידענע געוועבֿ־אַרטן און אין יעדער געוועבֿ אומצײליקע קעמערלעך און אין יעדן קעמערל אומצײליקע פּראָצעסן און בילדונגען. און דער נאַטור־פֿאָרשער ווייסט, אַז דער מיקראָסקאָפּ זעט מער, ווי דאָס אומבאַוואָפֿנטע אויג, אָבער נאָך לחלוטין נישט אַלץ פֿון דעם אינערלעכן בוי אין דעם גרעזל. פֿון דאָרט, פֿון אָט דער אינערלעכער סטרוקטור־וועלט, קומט דאָס גאַנצע חיות פֿון דעם גרעזל און דאָרט ווערט ענטשידן דאָס כּלומרשט קלײנע לעבנס־שיקזאַל פֿון דעם גרעזל. אויך די מענטש־וויסנשאַפֿט „זעט" אין יעדן מענטשן—אין יעדן!—אַ גרויסע אומענדלעך פֿילגעשטאַלטיקע אינערלעכע סטרוקטור־וועלט, די שטענדיק באַוועגלעכע אומצײליקע פּרימיטיווע און שפּעריש אינטימע תּהומות פֿון ספּערישן נשמה־לעבן, וואָס פֿליסן צוזאַמען מיט דעם נאָרמאַל־באַוווסטזײַן אין דעם אײבּיקן פּסיכישן שטראָם אײנע אין די אַנדערע און אײנע דורך די אַנדערע. פֿון דאָרט קומט די חיונה פֿון דער נשמה און דאָרט ווערט אַנטשידן דער גורל פֿון דעם מענטשנס נשמה־לעבן.

אויף אָט דעם גרויסן פֿאָרשונגס־וועג פֿון טיף־זעעניש באַגעגנט זיך די מענטש־וויסנשאַפֿט מיט דער קונסט, וואָס האָט צו אַלע צײַטן אויף איר קינסטלערישן שטײגער „געזען" דורך דעם נשמה־איבערפֿלאַך פֿון יעדן מענטשן די וויבּרירונג פֿון אומענדלעכע אינערלעכע תּהומות, וואָס אַנטפּלעקן זיך דאָך אין יעדן מענטשן בײַ באַשטימטע תּנאים און מאָמענטן. ווי די מענטש־וויסנשאַפֿט, פֿיקסירט אויך די קונסט און שילדערט אָט די באַשטימטע זעלטענע תּנאים און מאָמענטן, ווען די אינערלעכע נשמה־אָפּגרונטן אַנטפּלעקן זיך רעאַל־קאָנקרעט אין דער אינערלעכער ערפֿאַרונג. און דערפֿאַר האָט טאַקע די קונסט תּמיד געקאָנט אָביעקטיוו אויפֿדעקן די אומענדלעך רײַכע אינערלעכע וועלטן פֿון „אָרעמע מענטשן", פֿון „דערנידעריקטע און דערשלאָגענע", פֿון אָט די כּלומרשט קלײנינקע גרויע מענטשן. אָט, למשל, אין דעם „טוביה דעם מילכיקן". און אָט דעם כּלומרשט געוויינלעכן מענטשן, דעקט אונז אויף שלום־

עליכם רעאַלע עקסטאַטיש-טראַגישע אינערלעכע וועלטן, וואָס בילדן אַן אומשטערבלעכע עפּאָפּייע פון אַ מענטשנס נשמה-לעבן. אָדער ווי גאָגאָל ווייזט אונז אין „שינעל" די ערשיטערנדיקע אינטים-פאַרצווייגטע צאַפּלענישן פון אָט דעם כּלומרשט גאָר קליינינקן אַקאַקיע אַקאַקיעוויטשן. דער קינסטלעריש גרויסער „זעער" פון אינערלעכן לעבן, קנוט האַמסון, דריקט עס אויס (אין „פּאַן") פּשוט און זעלבסטפאַרשטענדלעך:

„ס'קאָן רעגנען און שטורמען — דערויף קומט עס נישט אָן. אָפט קומט אין אַ רעגן-טאָג אויפן מענטשן אַ קליינע פרייד און מאַכט, דאָס דער מענטש גייט מיט זיין גליק שטיל אין דער זייט. מ'שטעלט זיך דעמאָלט ערגעץ ווו און מ'בליקט אַזוי זיך אַהין-אַהער און מ'לאַכט זיך שטילערהייט און מ'קוקט זיך אום. וועגן וואָס קלערט מען? אַ קלאָרע שויב אויף אַ פענסטער, אַ זונען-שטראַל אויף דער שויב, אַ בליק אויף אַ קליינעם וואַסערל און אפשר אויף אַ בלויען שפּאַלט אין הימל. מער ברויכט עס נישט צו זיין. צו אַנדערע צייטן קאָנען אַפילו אומגעוויינלעכע איבערלעבענישן נישט אַרויסרייסן אַ מענטשן פון אַ גלייכגילטיקער אָרעמלעכער שטימונג. אין רעכטן מיטן אַ באַל קאָן מען זיצן רויִק — גלייכגילטיק און עמפּינדלעך. דען אונזערע אייגענע אינערלעכקייט איז דער קוואַל פון קומער און פרייד"...[1]

אמתע מענטש-וויסנשאַפט, ווי אמתע קונסט, שטרעבן צו „זען", יעדע אויף איר שטייגער, אָט דעם אינערלעכן נשמה-קוואַל פון קומער און פרייד — אונזערע, לחלוטין אונזערע, ספּעריש-אינערלעכע וועלטן.

אָבער אויך אין טאָג-טעגלעכן לעבן האָט ביי יעדן מענטשן צו אַלע צייטן דאָס נאָרמאַל-באַוווסטזיין געוווּסט זיין באַשיידענעם פּלאַץ אין דער אומענדלעכער נשמה-ווירקלעכקייט, האָט זיך אַזוי אָדער אַנדערש צו איר צוגעפּאַסט און זיך אַלעמאָל מיט גוואַלד געבויגן אַנטקעגן איר טראַגישער מאַכט. נביאים און קינסטלער ווערן זייער אָפט „פאַרכאַפּט" פון זייער סטיכיייִשער

1) פון אונז אונטערגעשטראָכן.

באַגייסטערונג, האָבן דאָס געפיל פון אַ מין „אינספּיראַציע" און קאָנען נישט ביים בעסטן נאָרמאַל־באַוווסטזיין אַנטרינען פון זייער אינערלעך פאַרבאָרגענעם שיקזאַל. העלדישע נאַטורן, שטורמישע ליידנשאַפט־מענטשן קאָנען זיך ביי דעם בעסטן ווילן נישט אַלעמאָל צוימען, און, ווי דער אויבנבאַשריבענער געאָרג, ראַנגלען זיי זיך אויף טויט און אויף לעבן. אָבער אויך דער געוויינלעכסטער מענטש קאָן „פאַרכאַפּט" ווערן „פלוצים" פון אַ אינטימער ליבע, וואָס ברעכט זיין ווילן און באַטויבט זיין פאַרשטאַנד. אין צייטן פון רעוואָלוציע און רעליגיעזן אויפשוווּנג ווערן ברייטע מענטשן־מאַסן פאַרפלייצט פון אַ סטיכייאישער באַגייסטערונג און טראָגן זיך ווי אדלערס אויף ווייטע פראָנטן. ווי די ספּעריש אינטימע, אַזוי אויך די ספּעריש פּרימיטיווע נשמה־סטיכיע. אַלקאָהאָליקער, אַזאַרט־שפּילער, ליידנשאַפט־פאַרברעכער, פּסיכאָטיקער פון אַלערליי קאַטעגאָריעס — ווערן קעגן זייער נאָרמאַל־באַוווסטזיין געטראָגן און געשליידערט פון צוואַנג־ליידנשאַפטן און דראַנג־אימפּולסן. אין די פּיל אויבנגעבראַכטע זעלבסט־באַשרייבונגען זעען מיר אַלערליי אַזוינע נשמה־ראַנגלענישן. אָבער אויך אין דעם נאָרמאַלן נשמה־לעבן האָט דער ניכטערנער מענטש דאָך זיינע ציִענישן און שטימונגען, וואָס קומען אָפּט „פון זעלבסט", אָן רשות און ידיעה, און ביי דעם ערשטן גרויסן שטורם רייסט די נשמה־סטיכיע פון די ברעגעס.

דאָס נאָרמאַלע נשמה־לעבן זעט אויס, בילדלעך אויסגעדריקט, ווי דער אָקעאַן אין אַ שטילן זומער־טאָג. רויק און שטיל האַלט זיך דער ים אין די ברעגעס, קוים וואָס מען מערקט דעם אומאויפהערלעכן שטראָם, און דער גלאַטער אויבערפלאַך בלישטשעט כמעט אומבאַוועגלעך אַנטקעגן דער זון. טיף איז אָבער דער ים און אומגעהויער זענען זיינע תהומות. און ביי דעם ערשטן גרויסן שטורם — ווער וועט דעם אָקעאַן קאָנען איינהאַלטן?!—און אָט באַווייזט זיך אויף דעם האָריזאָנט אַ קליינער וואָלקן, ערפּאַרענע ים־מענטשן דערקענען דעם אָנזאָג פון אַ שטורם — זיי בויגן די קעפּ און פאַרטרויען נישט דעם רויק בלישטשנדיקן ים...

פֿאַרייִנדרינגענדיק עקספּעדיציע־אַרטיק אין דער אינער־לעכער נשמה־נאַטור, באַאָבאַכטעט די מענטש־וויסנשאַפֿט און באַשרײַבט אָט די אינערלעכקייט גופא, וואָס גיט אַלץ מער די מעגלעכקייט אַרומצונעמען אָט די טיף לײַגנדיקע נשמה־אָפּגרונטן. און שטרעבנדיק טאַקע דורכויס נאָר צו „זען", זאָגט זיך אָפּ די מענטש־וויסנשאַפֿט פּרינציפּיעל און זאַכלעך פֿון אַלערליי השערות „וועגן" דעם נשמה־לעבן — סיי פֿון דער נעפּלהאַפֿט־מעטאַפֿיזישער השערה וועגן דער „הימלישער" נשמה־סובסטאַנץ, סיי פֿון דער פּסיכאָ־אַנאַליטיש־ספּעקולאַטיווער השערה וועגן דעם פּרימיטיוו־אינסטינקטיוון כאַראַקטער פֿון נשמה־לעבן, ווי אויך פֿון דער באַגרענעצטער עקספּערימענטעל־פּסיכאָלאָגישער אָנשויונג, וואָס פֿאַרשליסט זיך הויפּטזעכלעך אין די פֿיר איילן פֿון דעם טאָג־טעגלעכן נאָרמאַל־באַוווּסטזיין. די מענטש־וויסנשאַפֿט אָבער זעט אָביעקטיוו אין יעדן מענטשן פֿילגעשטאַלטיקע ספֿע־רישע וועלטן, פֿון וועלכע די פּרימיטיווע שטייען (לויט זייער סטרוקטור און אַנטוויקלונגס געשיכטע) *אונטער* דעם ניוואָ פֿון נאָרמאַל־באַוווּסטזיין און די אינטים־שעפֿערישע וועלטן שטייען *איבער* דאָס געוויינלעכע פּסיכישע ניוואָ און פֿירן ביז צו די קאָסמיש־גייסטיקע אור־קוואַלן פֿון נשמה־לעבן. און אין דעם דינאַמיש־קאָמפּליצירטן נשמה־אָקעאַן לאָזט זיך בײַ דער מעטאָדישער מענטש־פֿאָרשונג אַלץ קלאָרער דורכבליקן די אויבן באַשריבענע גרונט־דערשײַנונגען פֿון פּסיכישן סקאַרבוט: ווען דעם מענטשנס ספּעצרישער דראַנג קאָן זיך נישט אויסלעבן גײַ־סטיק־פּראָדוקטיוו, זינקט ער פּרימיטיוו אין דער נידער, פֿון וואַנען ער קאָן זיך אָבער בײַ גינסטיקע תנאים אינטים־שעפֿעריש אויפֿהויבן. *יעדער מענטש איז אומבאַגרענעצט אין זײַן פֿאַלן און אומענדלעך אין זײַן אויפֿשוווּנג*. דער לעצטער קאָן זײַן דער ערשטער. וואָס מער די מענטש־וויסנשאַפֿט דערקענט אָביעקטיוו די געזעצן פֿון נשמה־טיפֿעניש, אַלץ מער גיט זי די מעגלעכקייט מעטאָדיש אָנצווועגדן און אויסצונוצן דידאָזיקע געזעצן און אַזוי צו רום באַהערשן די נשמה־טיפֿעניש. דאָ קומען

מיר צו אַ צווייטן גרונט-פּרינציפּ פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, צו דעם „קולטור"-פּרינציפּ, וואָס באַגרינדעט און באַגרענעצט גלייכצייטיק די אויטאָנאָמיע פון דער נאַטור.

קולטור אין איר עצמדיקער באַדייטונג הייסט סיסטעמאַטישע באַאַרבעטונג אָדער פּלאַנמעסיקע איינווירקונג אויף דער נאַטור, כּדי אויסצונוצן אירע כּוחות. אין דער הינזיכט איז נאַטורוויסנשאַפטלעכע פאָרשונג די גרעסטע עפּאָכעמאַכנדיקע קולטור-אָנשטרענגונג. טאַקע דורך איר שטרענגער אָביעקטיווישקייט ווייזט אַרויס דידאָזיקע פאָרשונג וויטגייענדיקסטע איניציאַטיוו און העכסט פּלאַנמעסיקע שטרעבונג: דער נאַטורוויסנשאַפטלעכער פאָרשער, נעמלעך, באַאָבאַכטעט לויט פּלאַן און ריכטונג, זוכט און שאַפט די באַדינגונגען, ביי וועלכע די נאַטור לאָזט זיך זען. הויפּטזעכלעך אָבער וויל ער דאָס געזעענע באַנעמען און באַגרייפן. די אויטאָנאָמיע, די אייגנגעזעצלעכקייט, פון דער נאַטור וואָלט געווען אַ פּוסט וואָרט, ווען די אַקטיווע פּלאַנמעסיקע פאָרשונג וואָלט נישט געקאָנט „מאַכן" די אינערלעכע נאַטור-געזעצן באַגרייפלעך אָדער צוגענגלעך פאַר דער מענטשלעכער השגה. פון דער אַנדערער זייט, וואָלט וועלט-קולטור, (ד. ה. די אַקטיווע שטרעבונג צו באַהערשן די אַרומיקע נאַטור) געווען אַ ליידיקע אוטאָפּיע, ווען מיר וואָלטן נישט אָנערקענען און דערקענען די אייגענע געזעצן פון דער נאַטור. דאָס פאַרבאָרגענע, אומבאַקאַנטע, רעטזלהאַפטע שרעקט און באַאומרויקט. דאָס דערקענען ברענגט אָריענטירונג און זיכערע שטעלונג צו דער נאַטור. דערקענען די נאַטור-געזעצן הייסט זיי תּופס זיין, באַגרייפלעך מאַכן. דאָס איז דער ערשטער און דער וויכטיקסטער עטאַפּ אין דער באַהערשונג פון די דערקענטע נאַטור-געזעצן, וועלכע מ'קאָן נאָכדעם אין פאַרשידענע ריכטונגען אָנווענדן און אויסנוצן. באָאָבאַכטונג און עקספּערימענט באַדייטן גלייכצייטיק די אייגן-געזעצלעכקייט פון דער נאַטור, ווי אויך זיי וויסנשאַפטלעכע קולטור-שטרעבונג די נאַטור-געזעצן צו דערקענען און באַהערשן.

דער וויכנשאַפטלעכער קולטור-פּרינציפּ איז דער פּרינציפּ

פון „עבודה", פון פלאַנמעסיקער אָנשטרענגונג, וואָס לאָזט טריט נאָך טריט דערקענען און באַהערשן די נאַטור. וויסנשאַפטלעכע קולטור-אַרבעט האָט איר אייגענע נאַטור, וואַקסט און אַנטוויקלט זיך לויט אירע אייגענע געזעצן. באַאָבאַכטן און עקספּערימענטירן הייסט פּלאַנמעסיק זוכן און פּראָבירן — אַ אומערמידלעכע אָנשטרענגונג, וואָס ווערט דורך שטרויכלונגען אויסגעגליכענער, פעסטער און רייפער. דער אָרגאַניזירנדיקער מענטשלעכער גייסט ווייזט אַרויס באַזונדער אין דער וויסנשאַפטלעכער קולטור דעם מוט און דראַנג דורך גיגאַנטישע אָנשטרענגונגען פאַמעלעך אַרייַנדרינגען אין דער נאַטור און זי באַהערשן.

איז שוין ווייטער דאָס זעלבע. אין משך פון פיל, פיל דורות פאַרשטייט עס דער מענטש דעם ענין פון „עבודה" בנוגע צו דער אַרומיקער וועלט-נאַטור. אָבער נישט בנוגע צו דער אייגענער מענטש-נאַטור. ביי דער גיגאַנטישער אָנשטרענגונג צו באַהערשן די אַרומיקע נאַטור, האָט דער מענטש פּאַסיוו פאַרנאַכלעסיקט זיין אייגענע מענטש-נאַטור. ערשט אין דער נייסטער צייט האָט אויפגעוואַכט אַ באַוועגונג פאַר פיזישער קולטור, וואָס טראָגט אַריין דעם קולטור-פּרינציפּ פון „עבודה", פון פּלאַנמעסיקער באַאַרבעטונג, בנוגע צו דער אַנטוויקלונג פון אונזער קערפּער-לעבן. צוזאַמען אָבער מיט דער באַוועגונג פאַר פיזישער מענטש-קולטור, מוז זיך אָנהויבן אַנטוויקלען נשמה-קולטור אָדער פּסיכישע מענטש-קולטור. און די מענטשלעכע נאַטור-וויסנשאַפט אָדער מענטש-וויסנשאַפט, וואָס ערקלערט די אייגנגעזעצלעכקייט פון דער נשמה-נאַטור, ברענגט אַריין גלייכצייטיק דעם פּרינציפּ פון נשמה-קולטור, די נויטיקייט און מעגלעכקייט פון פּסיכישער „עבודה". דערהערנדיק די שירה פון די אייגענע נשמה-וועלטן, דערקענענדיק זיי אָביעקטיוו, וועט דער מענטש אין פּלאַנמעסיקער אַרבעט פון נשמה-קולטור אַלץ מער קאָנען באַנעמען און געניסן זיין אייגענע נאַטור, זיינע אייגענע אומענדלעכע נשמה-אוצרות, וועט אויף אַ ממשותדיק פּראָדוקטיוון אופן געפינען און קולטיווירן דעם שעפעריש-עקסטאַטישן אור-באַדן פון נשמה-לעבן.

אין די פריערדיקע צייטן האָט די רעליגיעזע קולטור, ספּעציעל די מיסטישע, געזוכט און אַנטוויקלט די אינטימע נשמה-טיפענישן און האָט אויף איר רעליגיעזן שטייגער דידאָזיקע טיפענישן געמאַכט פרוכטבאַר פאַר דעם מענטשנס רעליגיעזן לעבן. אין דער נייער צייט האָט עס איבערגענומען די קונסט, וועלכע איז אין דעם היינטיקן קולטור-לעבן די איינציקע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם אינטימען נשמה-לעבן, זוכט אַהין אַריינצודרינגען, עס צו „זען" און באַאָבאַכטן און אין אָביעקטיוו בלייבנדיקע פאָרמען צו פאַרקערפערן. די קונסט איז דערווייל די איינציקע, וואָס האָט אנערקענט די אייגנגעזצלעכקייט פון דער אומענדלעכער נשמה-נאַטור און האָט דורך גיגאַנטישע אָנשטרענגונגען (קינסטלערישע „עבודה" אָדער קינסטלערישער קולטור-פרינציפּ) געזוכט די נשמה-וועלטן קינסטלעריש צו באַנעמען און צו באַהערשן. אין דעםווירקלעכן לעבן אָבער איז דאָס אינטימע לעבן אנארכיש פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. אָן וועלכער ס'איז וויסנשאַפטלעכער נשמה-קולטור שטייט דער „נערוועזער יאָרהונדערט" אומבאַהאָלפן פאַר טראַגישע פּלאָנטערס פון אינטימען לעבן, ראַנגלט זיך שווער מיט נערוועזער פאַרקריפלונג און מעגלעכע נשמה-קאַטאַסטראָפן. און באַהערשנדיק אַלץ מער די אַרומיקע נאַטור, האָט דער מענטש אַלץ ווייניקער שליטה אויף זיך אַליין. ווי די נאַטור-וויסנשאַפט בנוגע צו דער אַרומיקער נאַטור, מאַכט די מענטש-וויסנשאַפט דעם אָרגאַנישן גויטיקן און דורכויס לעבנס-וויכטיקן ווייטערן שריט צו וויסנשאַפטלעכער נשמה-קולטור, וואָס זאָל אויף דעם גרויסן קולטור-שטייגער דורך פּלאַנמעסיקע אָנשטרענגונגען אונז פירן צום „אינערלעכן קוואַל פון אונזער קומער און פרייד".

די מענטש-וויסנשאַפט גיט לחלוטין נישט קיין פּאַרטיקע רעצעפּטן פון „וועלט-אויסלייזונג" און ברענגט, פאַרקערט, די געדולד און באַשיידנהייט פון אמתער וויסנשאַפט, דעם קולטור-פרינציפּ פון „עבודה", פון פּלאַנמעסיקער אָנשטרענגונג, וואָס הויבט אָן מיט מסירות-

נפשדיקן מוט פון אָנהויב, דערנענטערט זיך שריט נאָך שריט צום גרויסן ציל און ווערט דורך שטרויכלונגען בלויז פעסטער און רייפער.

וואָס ווייטער די מענטש-וויסנשאַפט באַווייזט אַריינצודרינגען אין דעם אינערלעכן נשמה-לעבן, אַלץ מער אַנטוויקלט זי אירע מעטאָדן פון מענטש-טעראַפּיע, וואָס גיט דעם מענטשן די מעגלעכקייט נישט נאָר זיך צו באַפרייען פון נערוועז-פּרימיטיווער נשמה-זינקעניש, נאָר אויך שעפעריש אינטים זיך אויפצוהויבן. פון די אַלע באַשריבענע הייל-מעטאָדן ווען מיר זיך דאָ נאָכאַמאָל אָפּשטעלן ספּעציעל אויף דער אַלגעמיינער מעטאָדע פון היילנדיקער זעלבסט-עקספּעדיציע, ד. ה., אַ מעטאָדיש נאַטירלעך איינדרינגען אין דאָס אייגענע אינטים-לעבן. ביי ריכטיקער אויסבילדונג און ענטוויקלונג קאָן די זעלבסט-עקספּעדיציע, ווי מיר האָבן אויבן (לעקציע 9) געזען, ברענגען דעם מענטשן אין ספּעריש-אינטימער באַוווסטזיין-פאָרם, וואָס איז לויט איר נאַטור ענלעך צו דער קינסטלערישער באַגייסטערונג און וואָס אין דער זעלבסט-עקספּעדיציע לעבט עס אָבער דער מענטש איבער אין אַ געוויסן זין אינערלעכער, ווי אַ פסיכישע פאַקט-ווירקלעכקייט. מיר האָבן דאָ, הייסט דאָס, צו טון נישט מיט מיסטיש-איבערנאַטירלעכע ערשיינונגען, נאָר מיט אַ נאַטירלעכער ספּעריש-אינטימער באַוווסטזיין-פאָרם, וואָס ווערט דורך נשמה-קולטור בלויז אקטיווירט און אַנטוויקלט. מיר וועלן נאָך עטוואָס גענויער כאַראַקטעריזירן אָט די זעלטענע, אָבער דורכויס נאַטירלעכע באַוווסטזיין-פאָרם, פאַרגלייכנדיק זי מיט אנדערע ענלעכע נשמה-ערשיינונגען.

אין דעם ספּעריש-אינטימען באַוווסטזיין באַווייזן זיך יעדן מענטשן, ווי דעם קינסטלער אין זיין באַגייסטערונג, וועלט און לעבן פון אינעווייניק און מ׳דערנענטערט זיך אין מאוימדיקאומיטלבאַרער איינפאַכקייט צו די קאָסמיש-גייסטיקע אורקוואַלן פון נשמה-לעבן. דאָס וועלט-באַנעמען איז אָרגאַניש-אינטים: אָט ווי פרעמדע אָפּגעריסענע טאָג-טעגלעכע ערשיינונגען לאָזן

זיך אין קינסטלערישן ווערק דערזען אָרגאַניש פֿון אינעווייניק. אַזוי איז דאָס אויך אין דעם ספּעריש־אינטימען וועלט־באַנעמען. דערביי האָט מען דאָס ערשיטערנדיק־איינפֿאַכע געפֿיל פֿון אַ אינערלעכער באַהעפֿטונג מיט דער וועלט, אין וועלכער מ׳דערפֿילט זיך און וועלכע מ׳דערפֿילט גלייכצייטיק אין זיך. וואָס טיפֿער דידאָזיקע איבערלעבעניש, אַלץ מער איז זי פֿאַר דעם מענטשן „אומבאַשרייבלעך”. טאַקע דערפֿאַר, וואָס אָט די זעלטענע שעפֿערישע נשמה־פֿעיִקייטן זענען פֿאַרנאַכלעסיקט, האָבן זיי נאָך נישט אַנטוויקלט וועלכן ס׳איז שפּראַכלעכן אויסדרוק. מ׳האָט אָבער דערביי אויך דאָס געפֿיל פֿון אַ נאַטירלעכער אומבאַשרייבלעכקייט — פֿון אַ גרויסער שעפֿערישער רחבֿות, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט שפּראַכלעך אַרומנעמען.

אין געוויינלעכן לעבן וואַכט אויף ביי יעדן מענטשן דאָס באַשריבענע באַוווסטזיין, ווי זעלטענע בליצן, באַזונדער ביי עקסטאַטישע און טראַגישע איבערלעבענישן. און כאָטש עס קומט און פֿאַרשווינדט אומגעריכט, ווי אַ בליץ, ווערן מיר דאָך פֿון דעם ווי אויף אייביק באַשענקט מיט אַ פֿאַרבאָרגענער, אָבער רעאַל ווירקנדיקער אינטימישקייט. יעדער מענטש קאָן זיך דער־מאָנען, ווי אונזערע ערינערונגס מעטאָדע האָט באַוויזן, אויף יענע זעלטענע איבערלעבענישן, וואָס בילדן דעם אינטימסטן קערן פֿון דער פּערזענלעכקייט. אין די קינדער יאָרן באַקומען מיר אָפֿט אַזוינע ספּעריש אינטימע דערלעבונגען, וואָס לאָזן זיך אינערלעך קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. דאָס קומט (ווי אונזערע פֿאָרשונגען האָבן באַוויזן) אויף דער קינדערשער נשמה אַזוי לייכט און נאַטירלעך, אין אַ נאָך נישט אָפּגעוויקלטן אור־צושטאַנד, ווי אַ פּרימיטיוו נאַטורגעפֿיל. אָט ווי, למשל, קנוט המסון שילדערט אַזאַ דערלעבונג ביי אַ קליינעם ייִנגעלע אויפֿן דאָרף:1)

„ער (דער קליינער ייִנגעלע סיווערט) האָט דעם באַראָן געקענט פֿון דעם ערשטן טאָג אָן, ווען ער איז נאָך געווען אַ לעמעלע. ער האָט אים פֿאַרשטאַנען און איז געווען איינס מיט

---

1) „די ברכה פֿון דער ערד”, ערשטער באַנד.

אים אַ קרוב, אָן אייגענער מענטש. איינמאָל האָט אַ מאָדנער פּרימיטיווער איינדרוק דורכגעפּלאָנטערט זיינע חושים: ס׳איז געווען אַ מאָמענט, וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן.1) דער באַראָן האָט זיך געפּאַשעט רויק אויפן פעלד, מיטאַמאָל האָט ער אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, אויפגעהערט צו טשאַמקען, געבליבן שטיין און זיך איינגעקוקט. סיווערט האָט ניט ווילנדיק אויך געקוקט אין דערזעלבער ריכ-טונג. ניין, קיין שום זאַך נישט. נאָר סיווערט האָט עפּעס דער-פילט אַ משונהדיק געפיל, ס׳איז אַזוי, ווי ער וואָלט געשטאַנען און אַריינגעקוקט אין גן-עדן אַריין"...

און אָט איז אַ פאַקטישע זעלבסט-ערינערונג פון אַ צוואַנ-ציק-יאָריקן מאַן, טיילנעמער פון אַ בערלינער עקספּעדיציע:

„אַ טיפע איבערלעבעניש פון מיינע קינדער-יאָרן שטייט מיר נאָך איצט פאַר די אויגן. כ׳בין אַלט געווען זעקס יאָר, ווען איך בין מיט מיין מאַמען אַרויסגעפאָרן אויף אַ דאַטשע. דאָרט זענען קיין אַנדערע קינדער נישט געווען. אין איינעם אַ זומער-מאָרגן האָב איך זיך געשפּילט אויפן לאָנקע, וואָס האָט מאָדנע העל געבלישטשעט אַנטקעגן דער זון. כ׳בין אַריינגעלאָפן אין אַ נאָענטן וועלדל. אין אַ שאָטן פון אַ בוים האָב איך מיך געשטעלט אויף די קני, אָנגעהויבן מיט גרויס חשק טאַפּן און ציילן די זונען-קרייזלעך אונטער די צווייגן אויף דער ערד. פּלוצים איז עפּעס אין וואַלד דורכגעלאָפן. איך האָב זיך אומ-געקוקט און גאָרנישט נישט דערזען. כ׳האָב זיך נישט דערשראָקן. נאָר איך בין פאַרגאַפט געבליבן שטיין אויף די קני. כ׳האָב געהאַט אַ מאָדנע געפיל, דאָס די זון, דער גאַנצער הימל, די לאָנקע, די בוימער, די זונען-קרייזלעך. אַלע, אַלע בלישטשען אין מיר. אַ מאָדנע פרייד האָט זיך אין מיר צעגאָסן. כ׳ווייס נישט ווי עס אויסצודריקן, כאָטש ס׳לעבט נאָך אַזוי קלאָר אין מיין דערינערונג. איך בין אַזוי אַ ווײַלע פאַרגאַפט געשטאַנען, ביז די מאַמע האָט מיך געפונען אונטערן בוים און אָפּגעפירט אַהיים צו מיטאָג. ביים עסן האָב איך געוואָלט „דאָס" דערציילן

1) פון אונז אונטערשטריכן.

דער מאַמען. כ'האָב אָבער גישט געוווסט, וואָס און ווי צו דערציילן. „מאַמע", „מאַמע!" האָב איך עטלעכע מאָל אומבאַהאָלפן אָנגעהויבן און זיך צעוויינט אויף אַ קול.... דיהאָזיקע איבערלעבעניש, פיל איך איצט, איז די שטאַרקסטע און טיפסטע אין מיין לעבן[1]"...

אין דיביידע באַשרייבונגען זעען מיר דייטלעך, דאָס אין די קינדער-יאָרן קומט דאָס ספּעריש-אינטימע באַוווסטזיין צוזאַמען מיט אַנדערע באַוווסטזיין-פאָרמען אין אַ לערך נאָך ווייניק אָפּגעוויקלטן אָדער ווייניק דיפערענצירטן אור-צושטאַנד און לאָזט דערפאַר איבער אין דער פערזענלעכקייט אַ גוואַלדיק אינטימע אור-קראַפט, וואָס ווירקט אין משך כמעט פון גאַנצן לעבן.

אָבער אין דעם אומדיפערענצירטן נשמה-לעבן פון קינד טיילן זיך זעלטן אויס (ווי אין די נאָר וואָס געבראַכטע באַשרייבונגען) די ספּעריש-אינטימע ערשיינונגען, וועלכע זענען מייסטנס נאָך כמעט אומגעטיילט פאַרפלאָכטן מיט דעם נאָרמאַל-באַוווסטזיין. אָט די אָרגאַנישע פאַרפלעכטונג פון דעם נאָרמאַל-ראַציאָנאַלן און ספּערישן באַוווסטזיין אין זייער אָנפאַנג-ענטוויקלונג ביים קינד האָט א גרויסע ביאָ-פּסיכאָלאָגישע באַדייטונג.[2] דאָס וואַקסנדיקע קינד האָט (ביי דער נאַטירלעכער אויפזיכט פון עלטערן און דערציער) נאָך ווייניק מעגלעכקייט און באַדערפעניש צו פירן דעם רעאַלן לעבנס-קאַמף און אויף אַזויפיל איז ביים קינד נאָך ווייניק אַנטוויקלט דער חוש פאַר ווירקלעכקייט אָדער פאַר דעם אונטערשייד צווישן טרוים און ווירקלעכקייט. אין אַ באַשטימטן עלטער איז דעם קינדס לעבן הויפּזעכלעך אויסגעפילט פון שפּיל און פאַנטאַזיע, ווו טרוים און וויקלעכקייט זענען אָרגאַניש צונויפגעגאָסן. און טאַקע גאָר אין די קינדער-יאָרן איז עס דעם מענטשן געגעבן צו פילן אומיטלבאַר ממשותדיקע ווירקלעכקייט פון טרוים און טרוימערישן צויבער פון ווירקלעכקייט. די שפּיל-פאַנטאַזיע פאַרווירקלעכט זיך אין דעם קינדס

1) פון אונז אונטערגעשטראָכן. 2) אויספירלעך האָב איך עס באַוויזן אין מיין בוך: „פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען קינדער-לעבן" (I און III טייל.)

אומיטלבאַר-רעאַלע נשמה-איבערלעבענישן, און די מינדסטע ווירקלעכקייט ווערט פאַרוועבט און אינערלעך דערלויכטן פון דער שפּיל-פאַנטאַזיע. וואָס עלטער אָבער ס'ווערט דער וואַקסנדיקער מענטש, אַלץ מער רייפן אין אים פעיקייט און דראַנג צום רעאַלן לעבנס-קאַמף און אַלץ מער ווערט דיפערענצירט דער חוש פאַר טרוים און ווירקלעכקייט. מ'אַנטוויקלט אין זיך, מיט אַנדערע ווערטער, אַלץ מער דאָס נאָרמאַל-באַוווסטזיין, וואָס דענקט ראַציאָנעל-אורזאַכלעך און האַנדלט צוועקמעסיק און וואָס קאָן אַזוי אַרום צופאַסן דעם מענטשן צו אָט דעם רעאַלן לעבנס-קאַמף. אָט דער פּראָצעס אַנטוויקלט זיך אָבער אַזוי פּאַמעלעך, אַזוי בהדרגהדיק, דאָס אַפילו נאָך אין די רייפערע יוגנט-יאָרן, ווען מיר דערקענען שוין, דוכט זיך, מער אָדער ווייניקער דעם חילוק צווישן אייזערנער ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע-חלומות, האָבן נאָך אָבער אונזערע טרוימען און ברען-ליידנשאַפטן ספּעריש-אויפרייסנדיקע קראַפט און בילדן (מער אָדער ווייניקער בולט) דעם יוגנטלעכן פעריאָד פון „שטורם און דראַנג". ערשט מיט די ווייטערע יאָרן הויבן מיר זיך אָן פריער אָדער שפּעטער (געווענדט פון כאַראַקטער און דערציונג) פּאַמעלעך אויסצוניכטערן. דער נאָרמאַל-באַוווסטזיין באַהערשט אַלץ מער דאָס נשמה-לעבן און פאַרשטופּט אונזערע ספּערישע שטרעבונגען אין אַלץ ווייטערע נשמה-טיפענישן אָדער אין אַלץ פאַרבאָרגענערע „אי-נערלעכקייט". און ביי דעם שטענדיק הערשנדיקן נאָרמאַל-באַוווסטזיין איז מען אַפילו אין דער פּסיכאָלאָגיע אַזוי געניגט צו פאַרזען אָדער נישט גאַנץ צו „זען" די ספּערישע אינערלעכקייט,[1] וואָס שימערט ביים דערוואַקסענעם מענטשן ערגעץ ווייט אין די נשמה-טיפענישן און וואָס מ'באַצייכנט דערפאַר אַזוי אומבאַ-

1) אין דער הינזיכט זענען אין דער פּסיכאָלאָגיע די פאָרשונגען פון דזעמס אין זיין בוך: „די פילגעשטאַלטיקייט פון דער רעליגיעזער דערפאַרונג") די ערשטע און כמעט די איינציקע, וואָס ווילן פאָרשנדיק „זען" אינטימע נשמה-דערשיינונגען — זיי באַציען זיך אָבער הויפּטזעכלעך נאָר אויף רעליגיעז מיסטישע אינטים-איבערלעבענישן

שטימט מיט די נעפלהאַפטע ווערטער „ראמאנטיש", „מיסטיש",

א. ד. גל.

די ספערישע אינערלעכקייט אַנטפּלעקט זיך אָבער אויך ביי דערוואַקסענע מענטשן לחלוטין קאָנקרעט אויף פאַרשידענע שוין באַשריבענע אופנים, וואָס מיר ווילן אָבער איצט דערמאָנען אין אַ נייעם פאַקטישן צוזאַמענהאַנג. 1) ספערישע אויסנאַם-מענטשן, שטורמישע ליידנשאַפט-נאַטורן, נביאים, קינסטלער — קאָנען זיך זייער לעבען-לאַנג נישט „אויסניכטערן", און זייער ספערישע אינערלעכקייט רייסט זיך דורך, אָפט מיט ווולקאַנישער גוואַלט, אויף דעם פסיכישן אויבערפלאַך. דידאָזיקע ספערישע מענטשן וואָלטן אונז אָבער געווען ווילד-פרעמד, און זייערע ספערישע שאַפונגען וואָלטן פאַר אונז זיין אומצוגענגלעך, ווען זיי וואָלטן נישט וועקן אונזער אייגענע אינערלעכקייט. קינסטלערישע בילדער, נביאישע שאַפונגען, פאַטעטישע ווענדונגען פון פאָלקס-העלדן ברענגען דאָך נישט פאַר אונז מעכאַניש פון דרויסן ווילד-פרעמדע איבערלעבענישן, נאָר פאַרקערט, זיי וועקן אָרגאַניש-נאַטירלעך אונזער אייגענע פאַרבאָרגענע אינטימישקייט. דאָס קינסטלערישע ווערק ווערט אין אונז און פון אונז איבערגעלעבט, מיר שאַפן עס איבער פונסניי אין און דורך אונזער אינערלעכקייט, וואָס ווערט דורך דעם בילד בלויז געוועקט. נאָכמער, נביאים און קינסטלער שפּיגלען אָפּ אין זייערע ספערישע ווערק דאָס אינערלעכע וועזן פון אַ דור אָדער אַ פאָלק, וועלכע אָפט דערזעען זיך אַליין פון אינעווייניק ערשט אין דידאָזיקע ווערק. מיט אַנדערע ווערטער, די קאָנקרעט אַנטפּלעקטע ספערישע נאַטור ביי אויסנאַם-מענטשן איז דורכויס אָרגאַניש פאַרוואַנדט מיט אונזער אייגענער ספערישער אינערלעכקייט, וואָס ווערט דורך זיי בלויז געוועקט, מאָביליזירט און שפּעטער אָפּגעשפּיגלט. 2) אויך ביי יעדן מענטשן קומען פאָר ספערישע אויסנאַם-צושטאַנדן, ווי למשל, ביי עקסטאַטישע און טראַגישע לעבנס-מאָמענטן, ווען ספעריש-אינטימע איבערלעבענישן רייסן זיך דורך, אויך דאָ זייער אָפט מיט ווולקאַנישער גוואַלט, צום פסיכישן אויבערפלאַך. אַט

די זעלטענע איבערלעבענישן זענען אָבער (ווי למשל, דער אויבנבאַשריבענער (לעקציע 4) אינטימער ליבע־דורכברוך ביי לעאָנידן) גוואַלדיק־שיקזאַלהאַפט און קאָנען וואַרפן אַ פּערזענלעכקייט צווישן עקסטאַטישן גליק און טראַגישער פאַרלוירנקייט. *די דאָזיקע איבערלעבענישן וואָלטן אָבער נישט געקאָנט האָבן אַזאַ אָרגאַניש־ערשיטערנדיקע ווירקונג אין אונזער פּערזענלעכקייט און מיר וואָלטן זיי נישט געפילט אַזוי אור־נאָענט און אַזוי אומאיבערווינדלעך, ווען זיי וואָלטן נישט געווען רעאַל דער אָרגאַניש־וועזנטלעכער קערנפּונקט פון אונזער נשמה־נאַטור. ביי באַשטימטע תנאים, הייסט דאָס, אַנטפּלעקט זיך קאָנקרעט ביי יעדן מענטשן די ספּערישע אינערלעכקייט,* וואָס ווייזט אַרויס איר רעאַלע וועזנטלעכקייט אין דעם גאַנצן נשמה־לעבן און וואָס ווערט געוועקט און אָפּגעשפּיגלט דורך די שאַפּונגען פון ספּערישע אויסנאַם־מענטשן. 3) אויך דאָס נאָרמאַל־באַוווסטזיין גופא איז מער אָדער ווייניקער דורכשטראָמט פון אומווילקירלעכע האַלב־טונקעלע שטימונגען, פּרימיטיווע אָדער אינטימע, וואָס באַשטימען נישט ווייניק דאָס אַקטועלע געפיללעבן פון יעדן מענטשן. די אויבנבאַשריבענע פילזייטיקע פאָרשונגען האָבן דאָך באַוויזן, דאָס יעדער מענטש האָט זיין אינדיווידועלן ספּערישן דראַנג, וואָס בילדעט צוזאַמען מיט דעם נאָרמאַל־באַוווסטזיין דאָס גלייכגעוויכט פון נשמה־לעבן. *אין דעם נאָרמאַל־באַוווסטזיין גופא, הייסט דאָס, וויברירט די ספּערישע אינערלעכקייט* פונם מענטשן.

ווי די ספּעריש אינטימע, אַזוי אויך די ספּעריש פּרימיטיווע אינערלעכקייט, וואָס ווייזט אַרויס דעמזעלבן אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג צווישן ספּעריש־*פּרימיטיווע* אויסנאַם־מענטשן (ליידנשאַפט־ברעכער א.ד.גל.), פּרימיטיוו־אינסטינקטיוון דורכברוך ביי יעדן מענטשן אין אויסנאַם־צושטאַנדן און אומווילקירלעך־פּרימיטיווע אימפּולסן פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן און נאָרמאַל־

באוווסטזיין. פרימיטיווע און אינטימע ספערן שטייען ביידע מיט דעם נאָרמאַל-באוווסטזיין אין אַ דינאַמיש-פּסיכישער פאַרבינדונג, וואָס ווערט געזעצמעסיק אויסגעדריקט אין דער באַשרייבענער דערשיינונג פון פסיכישן סקאַרבות.

נאָך דעם געזאָגטן באַקומען מיר איצט אַ גאַנץ בילד וועגן דעם אַנטוויקלונגס-גאַנג און פאַרשידענע ערשיינונגס-פאָרמען פון דער ספערישער אינערלעכקייט, וואָס ווייזט אַרויס רעאַל אירע דורכאויס איינהייטלעכע נאַטור אויף די פאַרשיידענע שטופן אין דעם מענטשנס אַנטוויקלונגס געשיכטע — פון די פריִעסטע קינדער-יאָרן ביז צום רייפן עלטער — ווי אויך אויף די פאַרשיידענע שטופן פון ספערישער באַגאַבונג — פון ספעריש וויברירנדיקע שטימונגען ביים געוויינלעכסטן מענטשן ביז צו נביאישער אָדער קינסטלערישער באַגייסטערונג.

וואָס עלטער און רייפער דער מענטש, וואָס מער ער איז ספעריש אַנטוויקלט, אַלץ רייפער און דיפערענצירטער ווערט דאָס מער אָדער ווייניקער זעלטן אויפּטויכנדיקע ספעריש-אינטימע באוווסטזיין, וואָס ברענגט דעם מענטשן אַן אומבאַשרייבלעכע אָבער אומיטלבאַר קלאָרע איבערלעבעניש פון אַן אינערלעך זעענדיקן וועלט-באַנעמען און אַ אומענדלעך טיפן לעבנסגעפיל. מ׳האָט דערביי אומיטעלבאַרע געוויסקייט (זייער בולט איז עס אויך אין דעם אינטימען באוווסטזיין פון דער קינסטלערישער באַגייסטערונג) פון אַן אינערלעכער דערקענטניש, וואָס „זעט" מער ווי מ׳קאָן פאַרשטיין, מיט אַנדערע ווערטער, דאָס אינטימע באוווסטזיין יאָגט אַריבער אין זיין איינדרינגנדיקער קראַפט דעם געוויינטלעכן פאַרשטאַנד, באַהעפטנדיק זיך מיט וועלט און לעבן אין אַ געוויינלעך אומדערגרייכבאַרער שעפערישער אור-אינערלעכקייט. וואַלט וויטמען דריקט עס אויס אויף זיין לירישן שטייגער:

„איך גלויב אין דיר, מיין נשמה... קום מיט מיר אַרויס אויפן פרייען; מאַך לויז דעם באַנד פון דיין צונג... רעד נאָר שטיל מיט מיר, כ׳האָב ליב דאָס זשומען פון דיין צאַרטער שטימע. אַזוי זענען מיר אַנומלט געלעגן אין איינעם אַ פרייען

זומער-מאָרגן. באַלד זענען דעמאָלס אויף מיר געקומען דער פרידן און די דערקענטעניש, וואָס איז דערהויבן איבער דער גאַנצער ערדישער קלוגהייט. איך האָב זיך געפילט אין גאָטס האַנט און האָב געוווּסט, דאָס גאָטס גייסט אין מיין גלייכן..."

אין די אויבנגעבראַכטע (לעקציע 9) פאַרגליכענע באַשרייבונגען פון פלאַטאָן און דעם קינסטלער מאַקס, זעען מיר, דאָס ביי דיכטער און נביאים (אָדער מיסטיקער), וואָס זוכן און אַנטוויקלען זייערע ספּעריש אינטימע איבערלעבענישן, זענען די דאָזיקע איבערלעבענישן הויך-דיפערענצירט און ברענגען אַ נייעם אומיטלבאַר-קלאָרן התגלות-באַוווּסטזיין, וואָס זיי קאָנען מער קאָנקרעט באַשרייבן און מאַכן פרוכטבאַר פאַר דעם שאַפונגס-לעבן.

אָבער אויך אין יעדן מענטשן, ווי באַוויזן, ווירקן דאָך פאַרבאָרגן און אַנטפּלעקן זיך צייטנווייז קאָנקרעט דיזעלבע ספּעריש אינטימע כחות, וואָס זענען, צום אונטערשיד פון די נעמלעכע אין די קינדער-יאָרן, דיפערענצירט און ספּעריש-באַוווּסטזיניק, ווערן אויך דורך נשמה-קולטור געלייטערט און אויסגעבילדעט און אַזוי אַרום קאָנען זיי אויך געמאַכט ווערן אומגעהויער פרוכטבאַר פאַר דעם מענטשנס נשמה-לעבן. און אַט אין דער פּאַקטישער זעלבסט-באַשרייבונג, וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט, זעען מיר, דאָס דער ניין-און-צוואַנציק יעריקער אַלעקסאַנדער, אַ דורכשניטלעכער אינטעליגענט, שילדערט זיינע אינטימע איבערלעבענישן אין דער זעלבסט-עקספּעדיציע, ד. ה. ביים מעטאָדיש נאַטירלעכן איינדרינגען אין דאָס אייגענע אינטים-לעבן. דורך אינטימער נשמה-קולטור באַפרייט ער זיך פון סטיכישפּרימיטיווער נערוועזישקייט און קאָן זיך אינטים-גייסטיק אויפריכטן. ער שילדערט עס נישט מיסטיש-פאַרנעפּלט, נאָר אומיטלבאַר איינפאַך גיט ער איבער זיינע איבערלעבענישן. מיר ברענגען דאָ נאָר אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע ציטאַטן. אַ נאַטירלעכע ספּערישע ערינערונג וועקט אין אים אַ ווייט-פאַרבאָרגענעם, אָבער אומגעוויינלעך נאָענטן אָפּקלאַנג. און אַט שילדערט ער ווייטער:

..."כ'דעק צו דעם פּנים מיט די הענט, ס'בליצן אין מיר

אויף אומצייליקע געשטאַלטן, וועלכע פאַרפּלעכטן זיך אין אַ אי־נערלעכער שטילקייט און פאַרשווינדן אין אַ שמערצלעך־זיסער בענקשאַפט, וואָס האָט מיך אַדורכגענומען. עפּעס ווי מיט אַ מאָל דערפיל איך פון אינווייניק דעם אייביק זיסן שמערץ פון ליבע און לעבן א. א. וו."

און דאָ קומען מיר צו א וויכטיקן פּונקט. נאָר ביי האַר־מאָנישער אַנטוויקלונג קומען נישט ספּעריש־אינטימע איבערלעבע־נישן אין אַ קאָנפליקט מיט דעם אָרגאַניזירנדיקן פאַרשטאַנד (נאָרמאַל־באַוווסטזיין), וועלכער איז דער איינציקער, וואָס קאָן שיצן אינטימע איבערלעבענישן פון אַ מעגלעך געפערלעכן אויס־גאַנג און מאַכן זיי דורכויס פּרוקטבאַר פאַר מענטש און לעבן. אָט דער מעגלעך געפערלעכער אויסגאַנג שרעקט אָפּ דעם מאָ־דערנעם מענטשן פאַר די העכערע אינטימע באַוווסטזיין־פאָרמען, וועלכע מ'פאַרנאַכלעסיקט און אויף וועלכע מ'פאַרמאַכט די אויגן, ווי דער שטראַוס אויף דעם יעגער. דאָס איז דאָך אָבער דער זין פון אַלגעמיינער און מענטשלעכער נאַטור־וויסנשאַפט, וואָס וויל און קאָן אַרויסגיין אינערלעך אָרגאַניזירט און באַוואָפנט אַנטקעגן דער נאַטור, זי אָביעקטיוו באַאָבאַכטן און אין פּלאַנמע־סיקער אָנשטרענגונג זי באַנעמען און באַהערשן. אַזוי וויל ספּע־ציעל די מענטש־וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, אָביעקטיוו זעענדיק די אינטימע נשמה־נאַטור, דערקענען אירע שפּערישע און גע־פערלעכע אייגנשאַפטן, די אינערלעכע געזעצן און אַלגעמיינע תּנאים פון זייער אַנטפּלעקונג און אַנטוויקלונג. מיר וועלן דאָ גאַנץ קורץ און מעגלעך גענוי כאַראַקטעריזירן יענע אייגנשאַפטן פון אינטימען לעבן, וואָס קאָנען ביי באַשטימטע תּנאים ווערן געפערלעך.

I. „א ו מ ב אַ ש ר יי ב ל ע כ ק יי ט". ווייל די אינטימע איבערלעבענישן זענען לויט זייער נאַטור „אומבאַשרייבלעך" און זייער שפּערישע רחבות לאָזט זיך נישט באַגריפלעך און שפּראַכ־לעך אַרומנעמען — באַשטייט דורכדעם ביי זיי די געפאַר אַריינ־צופאַלן אין נעפּלהאַפטער כאַאָטישקייט. דאָס אינטימע אור־באַוווסטזיין שטייט ביי די לעצטע גרענעצן פון דער סטיכיע און,

ווען דער מענטש איז אינערלעך נישט גענוג אָרגאַניזירט און אינטעלעקטועל ווייניק אַנטוויקלט, קאָן ער אָפט פון דער סטיכיע כאַאָטיש פאַרשלונגען ווערן. דערין באַשטייט דאָך הויפּט־זעכלעך די שאַפונגס־ליידן פון קינסטלער, וואָס ראַנגלט זיך מיט דער סטיכיע און וויל זי שעפעריש אָרגאַניזירן און פאַרקערפּערן. און ביי שוואַכער אינערלעכער אָרגאַניזירטקייט פאַלט אויך דער קינסטלער אין קאַמף מיט דער סטיכיע. אין דער גייסטיקער געשיכטע האָבן גאָר נישט זעלטן מיסטישע און קינסטלערישע באַגייסטערונג געפירט צו כאַאָטישע פאַנטערס. פון דער „לירי־שער אומאָרדנונג" ביז צו טונקעלער כאַאָטישקייט איז ווייניקער ווי אַ טריט, גלייך ווי פון נביאיש־שעפערישער „זעעניש" צו מאַגיש־היסטערישער טונקלקייט. אונזערע פאָרשונגען האָבן עס געקאָנט פעסטשטעלן, דאָס די אייגנטלעך שעפערישע אינטימקייט טאַקע אויך דערפאַר, וואָס זי איז היינטיקע צייטן אַזוי פאַר־נאַכלעסיקט, דעגענערירט ביי פיל מענטשן אין אומפּרוכטבאַר כאַאָטישע טרוימערייען, וואָס קאָן ווערן באַזונדער געפערלעך ביי נערוועזע און אינטעלעקטועל שוואַכע מענטשן.

II. אומרעאַליזירטקייט. טאַקע דערפאַר, וואָס אינטימע איבערלעבענישן שטייען איבער דעם געוויינלעכען ניוואָ פון נאָרמאַל־באַוווסטזיין, טראָגן זיי אין זיך די געפאַר פון אַ מעגלעכער לעבנס־פרעמדקייט. נעמלעך ביי שוואַכער אינערלע־כער אָרגאַניזירטקייט איז דער מענטש אָפט נישט אימשטאַנד צו „רעאַליזירן" דאָס אינטים־קאָסמישע וועלט־באַנעמען און שעפע־ריש דורכדעם העכערן די צופאַסונגס־פעיקייט פון מענטשן. אַנשטאַט צו שטאַרקן און צו הויבן, צעשטערט דאַמאָלס די אינ־טימקייט ביי אַזעלכע תנאים דאס נאָרמאַל־באַוווסטזיין, וואָס דענקט דאָך אורזעכלעך־ראַציאָנעל און האַנדלט צוועקמעסיק און וואָס וויל דעם מענטשן רעאַל צופאַסן צו דער אַרומיקער רעאַלער סביבה. אונזערע פאָרשונגען האָבן טאַקע באַוויזן, דאָס די אייגנטלעך אַקטיוו־שאַפנדיקע אינטימישקייט, וועלכע ווערט אָבער ביים היינטיקן טאָג גישט ערצויגן און באַרבעט, רופט אַרויס

נישט זעלטן ביי אייניקע מענטשן ראָמאַנטיש-טרוימערישע, אָבער פּאַסיוו-ליידיקגייערישע לעבנס-פּיינטשאַפט.

III. פ ל י ס נ ד י ק י י ט. אין דעם אייביקן פּסיכישן אָקעאַן זענען אינטימע איבערלעבענישן פליטנדיק פאַרבונדן מיט די פאַרשידענע פּרימיטיוו-אָפּגרונטיקע איבערלעבענישן; און דערפאַר קאָן ביי אינערלעכער אומאָריענטירטקייט, קומען די געפאַר פון אַ סטיכיישער נשמה-זינקעניש. די רעליגיעזע אינטימישקייט, למשל, וואָס ברענגט ביי העכערער רעליגיעזער קולטור צו פּראָדוקטיוו-גייסטיקער לעבנס-שאַפונג, פירט ביי אַ נידריקער רעליגיעזער קולטור צו פּרימיטיוו-אָרגיאַסטישע עקסצעסן. און דערזעלבער ספערישער שטראָם, בילדלעך אויסגעדריקט, וואָס הויבט שעפעריש-אינטים אין דערהויך, קאָן דעם אומגעניטן מענטשן אַראָפּוואַרפן אין דער נידער אין די פּרימיטיוו אָרגיאַסטישע אָפּגרונטן. דאָס איז דאָך די וואונדער-קראַפט פון דער פּסיכישער דינאַמישקייט, וואָס אין דעמזעלבן ווירבעלנדיקן שטראָם קאָן מען, אָפּהענגיק פון אייגענער אָנשטרענגונג, זיך דערהויבן אָדער זינקען. און ווי דער געניטער שווימער, מוז דער מענטש זיך פלאַנמעסיק אנשטרענגען כדי צו האַלטן זיך אויף דער שעפעריש-אַקטיווער הויך פון זיין אייגענעם נשמה-שטראָם.

ווי אין דער פיזישער קולטור וויל דער מענטש דורך אָביעקטיווע קערפּער-קענטעניש וויסן און מעטאָדיש אויסמיידן די געפאַר פון איבער-אָנגעשטרענגטע, אומנאַטירלעכע אָדער פאַרקראַמפּטע באַוועגונגען, אַזוי מוז מען אויך אין דער פּסיכישער קולטור דורך אָביעקטיווע נשמה-קענטעניש וויסן און מעטאָדיש אויסמיידן די געפערלעכע פּסיכיש-גייסטיקע אָפּנייגונגען. מיר האָבן אויבן (לעקציע 9) באַשריבן די אַרבעט-תנאים און „טעכניק" פון פּסיכישער קולטור, וואס זאָלן ווי די קינסטלערישע טעכניק און אירע אַרבעט-תנאים, אָרגאַניזירן די שטראָמענדיקע אינטימישקייט: דאָס באַריקזיכטיקן און אָנווענדן פון ספערישע פאַקטאָרן, ספעריש אינטימע איינשטעלונג (קאָנסטעלאַציע) א. א. וו. די סיסטעמאַטישע זעלבסט-באַשרייבונג, למשל, קאָן ביי מעטאָדישער אַנטוויקלונג צולייגן מער אַרומנעמען די אינטימע איבערלעבע-

ניש, אויפכאַפּן איר אינערלעכן ריטם און פיקסירן דעם עצמדיקן קערן פון איר „אומבאַשרייבלעכקייט". ווי ביי דעם אויבן ציטירטן אַלעקסאַנדערן, געפינט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויך דער געוויינלעכסטער מענטש (ביי לחלוטין לייכטער, אָבער סיסטעמאַטיש-באַוווסטער אָנשטרענגונג) אייננפּאַכע בילדער און אויסדריקן, וואָס קאָנצענטרירן די אינערלעכע שפּאַנונג. און ביי ריכטיקער פּסיכישער קולטור קאָן דער מענטש אַלץ מער פּרוכט־באַר רעאַליזירן דעם אינטימען אויפשוווּנג אין זיין פּאַקטישער לעבנס-ווירקלעכקייט. „האָט זיך אָבער אין מיר", דערציילט אַלעקסאַנדער דעם אויסגאַנג פון זיין אינטים איבערלעבעניש אין דער זעלבסט-עקספּעדיציע, „אָנגעצונדן אַ דראַנג צום לעבן. כ׳האָב אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך מיט אימפּעט געזעצט ביים טיש אַרבעטן. שפּעט ביי נאַכט בין איך נאָך דער אַרבעט טיף איינגעשלאָפן און אויף מאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען אַ פרישער, אינערלעך געזאַמלט און דערלויכטן..."

ס׳מוז נאָך אויף אַ באַזונדער אופן קאָנקרעט אָנגעצייכנט ווערן די אַרבעט-מעטאָדע פון אַ וויסנשאַפטלעך אָריענטירטער פּסיכישער קולטור, אַלס אַ סיסטעמאַטישע איינווירקונג אויף דער נאַטור. די עלעקטרישע קראַפט, למשל, באַווייזט זיך אין דער נאַטור סטיכיש אין די ערשיינונגען פון דונער און בליץ. די וויסנשאַפטלעכע קולטור אָבער האָט דורך סיסטעמאַטישע פאָרשונג און איינווירקונג פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו דערקענען און צו באַהערשן די עלעקטרישע געזעצן אַזוי, אַז היינט קאָן יעדער, לויט ווילן אין באַדערפעניש, אָנווענדנדיק דידאָזיקע געזעצן, באַקומען און באַנוצן עלעקטרישע קראַפט. אָט אַזוי באַאָבאַכטן מיר אויך אין פּסיכישן לעבן זעלטענע שעפערישע ק״עפטן, וואָס באַווייזן זיך אָבער סטיכיש בליץ-אַרטיק אַלס אָ פּ ט ע ר ע התגלות-ערשיינונגען ביי אויסנאַם-מענטשן אין מאָמענטן פון שעפערישער באַגייסטערונג (נביאים, קינסטלער, געניאַלע וויסנשאַפטלער) אָדער אַלס ז ע ל ט ע נ ע ר ע אויסנאַם-ערשיינונגען ביי געוויינלעכע מענטשן אין די זעלטענע עקסטאַטישע און טראַגישע מאָמענטן פון אינדיווידועלן און סאָציאַלן לעבן. אויך דאָ—מוז די וויסנשאַפט־לעכע פּסיכישע קולטור וואַגן דורך סיסטעמאַטישע פאָרשונג און

איינווירקונג פֿאַמעלעך דערקענען אין באַהערשן אָט די זעלטענע נשמה־בליצן, די אינערלעכע געזעצן פֿון אונזערע פּאָטענציאל־אומענדלעכע שעפֿערישע קרעפֿטן.

די עפּאָכעמאַכנדיקע פּרינציפּן פֿון דער נאַטור־וויסנשאַפֿט בנוגע צו דער אַרומיקער וועלט־נאַטור — די אייגנגעזעצלעכקייט פֿון דער נאַטור און דער קולטור־פּרינציפּ פֿון עבודה, פֿון פּלאַנמעסיקער אָנשטרענגונג, די נאַטור־געזעצן צו באַנעמען און באַהערשן — פֿירן קולטור־היסטאָריש מיט אָרגאַנישער נויטיקייט צו דער מענטש־וויסנשאַפֿט, וואָס פֿאַרווירקלעכט אָט די פּרינציפּן בנוגע צו דער מענטש־נאַטור. ס'איז דער אָרגאַניש־נאַטירלעכער וווּקס פֿון אינער־לעכער קולטור־מאַכט. דער מענטשלעכער אָרגאַניזירנדיקער גייסט הויבט אָן באַנעמען און געניסן זיינע אייגענע אומענדלעכע „אינערלעכקייט" אָדער אייביק שעפֿערישע אינטימישקייט, וואָס פֿירט אומיטלבאַר צו די קאָסמיש־גייסטיקע אור־קוועלן פֿון נשמה־לעבן.

ס'שטייט פֿאַר אונז אויף דאָס באַקאַנטע ביבלישע בילד אויף אַ נייעם אופֿן: אין דעם מאַרמאָר־שטיין פֿון מענטש־לעכער קולטור, אין אָט דעם כּלומרשט האַרטן שטיין גופֿא, וועט זיך דורך דאָס שעפֿערישע מענטשלעכע וואָרט פֿאַמעלעך עפֿענען דער אייביק פֿרישער קוואַל, און ווער ס'וועט נישט האָבן מוט און געדולד און וועט אויפֿהויבן אַ האַנט אויף דעם שטיין, מעג ער זיין דער גרעסטער נביאישער גייסט, וועט ער נישט קומען אין דאָס אומענדלעך שעפֿערישע נשמה־לאַנד. דאָס פֿאָלק וועט אַליין אין מענטשלעך גרויסער אָנשטרענגונג, טריט נאָך טריט, אַהין דערלאַנגען. אין דער אַרבעט־לוסטיקער מענטש־קולטור אַנטפּלעקט זיך דאָס געטלעכע אין און פֿון דעם מענטשן — זי לעצטע קאָנען ווערן די ערשטע!

ווילנער פארלאג

ב. קלעצקין

די לעצטע קאָנען זיין די ערשטע!

מענטש-געזעלשאַפט

(אַלגעמיינע ריכט-ליניען)

צונויפגעשטעלט פון

פראָפ. ד"ר פ. שניאורסאָן

ווילנע — 1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Prof. Dr F. Szneurson — „Mentsz - gezełszaft"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

אינהאַלט

	זייט
פאָרוואָרט	7
I) אויפגאַבן פון דער מענטש-געזעלשאַפט (מענטש-קולטור און פאַרמענטשלעכונג פון דער קולטור) .	9
II) די אויפגאַבע פון מענטש-קולטור — פיזישע און פסיכישע מענטש-קולטור (קערפער-בילדונג און נשמה-בילדונג)	11
III) פאַרמענטשלעכונג פון דער קולטור	
א) מאַסן-עלעמענט און עקסטאַטישע אור-קוואַלן	
ב) וועלטלעכע און מענטשלעכע קולטור (שטראָף-קולטור און לעבנס-קולטור)	20
IV) די תקופה פון מענטש-קולטור — מענטש יאָרהונדערט.	39

פאָרוואָרט

די גערוואַלטיקע דערפאָלגרייכע אָנשטרענגונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן די לעצטע יאָרהונדערטן אינם קאַמף מיט דער אַרומיקער נאַטור און דער סאָציאַלער סטיכיע, פירן אויף אַן אָרגאַנישן אופן צו מענטש-קולטור. דאָס איז די שטרעבונג צו דערקענען און צו באַהערשן די מענטשלעכע נאַטור גופא אין איר אינערלעכער געזעצמעסיגקייט און אומענדלעכער פילגעשטאַלטיגקייט. די אויפגאַבע פון דער מענטש-געזעלשאַפט איז צו פאַרטיפן און צו פאַרווירקלעכן אָט די לעבנס-וויכטיקע שטרעבונג פון אונזער צייט.

אין יאָר 1921 זענען אויפגעקומען אין פאַרשידענע ערטער גרופּעס פון „מענטש-געזעלשאַפט“, וואָס רופט אַרויס מיט יעדן יאָר אַ״ן אַ ווייטערן אָפקלאַנג. די אַלגעמיינע אַרבעט פון מענטש-קולטור ווערט געפירט אין צוויי ריכטונגען, וואָס זענען אינערלעך פאַרבונדן און וואָס מוזן און ווערן גאַנץ באַזונדער געפירט. פון איין זייט ווערט אַלץ מער אויסגעבויט די אָביעקטיווע מענטש-פאָרשונג אָדער מענטש-וויסנשאַפט, וואָס וויל דערקענען דעם מענטשן נישט איינזייטיק-דאָגמאַטיש, נאָר זי זוכט צו פאָרשן די פערזענלעכקייט אין אירע פילגעשטאַלטיקע טיפענישן, וועלכע פירן צו די קאָסמיש-גייסטיקע אור-קוואַלן פון נשמה-לעבן. פון דער אַנדערער זייט אַנטוויקלט זיך אַ מענטש-געזעלשאַפט, וואָס זוכט וועגן און מיטלען, ווי צו פאַרווירקלעכן פּראַקטיש און פּראַקטיש די שטרעבונגען פון מענטש-קולטור.

די אַלגעמיינע יסודות פון דער מענטש-וויסנשאַפט (אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לערע פון נערוועזישקייט) זענען באַשריבן אין מיין בוך: „דער וועג צום מענטש”, וואָס איז ערשט דערשינען.

אין דער איצטיקער אָפּהאַנדלונג ווערן געגעבן די אַלגעמיינע ריכט-ליניען און אַרבעט-פּרינציפּן פון דער מענטש-געזעלשאַפט. נישט קיין פאַרטיקע רעצעפּטן, נאָר ווי געזאָגט, אַלגעמיינע פּרינציפּן און ריכט-ליניען. יעדע גרופּע פון דער מענטש-געזעלשאַפט קאָן און זאָל אויף דעם גרונד פון אָט די פּרינציפּן שאַפן פאַר זיך אַן אייגענעם אַרבעטס-פּלאַן, לויט דער קולטור-סאָציאַלער סיטואַציע פון צייט און סביבה. אויך די מענטשן, וועלכע האָבן נישט קיין צייט און חשק זיך אָנצושליסן צו אַ מענטש-געזעלשאַפט, קאָנען קריטיש אָנווענדן מער אָדער ווייניקער אָט די אַלגעמיינע פּרינציפּן אין זייער אייגענער קולטור-אַרבעט, אויב און אויף וויפיל די דאָזיקע פּרינציפּן וועלן פאַר זיי אויסזען נאָענט און פּרוכטבאַר.

די מענטש-געזעלשאַפט איז לויט איר תוך אַ „יעדער-מענטש-געזעלשאַפט”.

I

אויפגאַבן פון דער מענטש-געזעלשאַפט

די מענטש-געזעלשאַפט שטרעבט, קורץ אויסגעדריקט, צו דערקענען און דערציען די אינערלעכע אור-כוחות פון דער מענטשלעכער פּסיכאָפיזישער נאַטור אין דעם אינדיווידועלן, ווי אויך אין דעם מאַסן-לעבן. דידאָזיקע שטרעבונג, ווי מיר וועלן ווייטער זען, איז אַ נאַטירלעכע און לעבנס-וויכטיקע פּראָבלעם פון אונזער צייט. די מענטש-געזעלשאַפט אונטערשיידעט זיך לחלוטין פון די אַלע מיסטישע און סתם-מאָראַלישע געזעלשאַפטן, וועלכע ווילן פאַרבעסערן דעם מענטשן אויף אַ אוטאָפּיסטישן אופן, ד. ה. נישט קענענדיק און נישט וויסנדיק גענוג די רעאַלע פּסיכאָ-פיזישע מענטש-נאַטור (דער ענלעכער אונטערשיד, ווי צווישן דעם אוטאָפּיסטישן און וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם). די מענטש-געזעלשאַפט אָבער, פאָרשנדיק און דערקענענדיק די דינאַמיש-קאָמפּליצירטע מענטשלעכע נאַטור, וויל אַרויסברענגען פון און אין דעם מענטשן זיינע אייגענע אור-פּאַטענציעלע אומענדלעכע טיפענישן. קולטור-היסטאָריש איז עס די ווייטערע אַנשטרענגונג פון דעם פאָרשנדיקן און קעמפנדיקן גייסט צו דערקענען און באַהערשן נישט נאָר די אַרומיקע נאַטור, נאָר אויך די אייגענע אינערלעכע נאַטור, — פון זיך און אין זיך דערלאַנגען צו די לעצטע, כלומרשט-

אומדערגרייכבארע, אל-קאסמישע וואָרצלען פון דער פערזענלעכקייט. די מענטש-געזעלשאפט באנוצט זיך, הייסט עס, מיט די מעטאָדן און דערגרייכונגען פון אָביעקטיוו וויסנשאפטלעכער מענטש-קענטעניש אָדער מענטש-וויסנשאפט. דיביידע באגריפן — מענטש-וויסנשאפט און מענטש-געזעלשאפט — טאָרן אָבער נישט אויסגעמישט ווערן. די ערשטע איז א וויסנשאפט און פארנעמט זיך מיט אָביעקטיווער פאָרשונג, די צווייטע איז א געזעלשאפט, וואָס שטרעבט צו פארווירקלעכן נשמה-בילדונג (אָדער פסיכישע מענטש-קולטור) אין דעם אינדיווידועלן און סאָציאלן לעבן אויף די ברייטע יסודות פון אָביעקטיווער מענטש-וויסנשאפט.

די מענטש-געזעלשאפט שטייט אויך נישט אין קיין קעגנזאץ צו די עקזיסטירנדיקע סאָציאלע אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבן אלס אויסגאנג- און מיטל-פונקט דאָס סאָציאל-געזעלשאפטלעכע לעבן מיט זיינע אייגענע אָביעקטיווע פאקטאָרן און יסודות. די מענטש-געזעלשאפט אָבער שטרעבט (ווי, למשל, די פיזישע און פסיכישע קולטור אָדער די קינדער-פעדאגאָגיק און מאסן-פעדאגאָגיק) וויסנשאפטלעך-אָביעקטיוו און מעטאָדיש-פראָדוקטיוו צו פארווירקלעכן די אומגעהויערע אנטוויקלונג-פאטענצן און איינווירקונגס-מעגלעכקייטן פון דער מענטשלעכער נאטור אין דעם אינדיווידועלן און אין דעם מאסן-לעבן. די מענטש-געזעלשאפט האָט, הייסט עס, אָביעקטיווע, אלגעמיין-פאָזיטיווע ארבעטס-פראָבלעמען, אונזער געזעלשאפט וועט פרינציפיעל נישט מאכן קיין פראָפאגאנדע, וועט נאָר פאָרזיכטיק-אָביעקטיוו אינפאָרמירן די ברייטע עפנטלעכקייט איבער די וועגן, צילן און רעזולטאטן פון דער „מענטש-ארבעט".

די מענטש-געזעלשאפט האָט צוויי הויפט-אויפגאבן, וואָס זענען אָרגאניש פארבונדן און בילדן די דרינגענסטע אויפגאבע פון דער נייער צייט:

1) די אויפגאבע פון מענטש-קולטור.
2) די אויפגאבע וועגן דער פארמענטשלעכונג פון דער קולטור.

II

די אויפגאַבע פון מענטש-קולטור

שוין דער פּרימיטיווער מענטש האָט געוווּסט, אַז ווי געבענטש עס זאָל פּון דער נאַטור נישט זיין די ערד, מוז מען זי דאָך באַוווּסט-פּלאַנמעסיג באַאַרבעטן, כדי אַרויסצוברענגען און אויסצונוצן אירע איינווייניקסטע כחות, — באָדן קולטור! קולטור אין איר ערשטלעכער און עצמדיקער באַדייטונג — הייסט, אייגנטלעך, אַ באַוווּסט-סיסטעמאַטישע איינווירקונג אויף דער נאַטור. די נייע צייט מיט אירע גוואַלטיק-קאָמפּליצירטע לעבנס-תּנאים פון איין זייט און די שטאַרק-אַנטוויקלטע פאָרשונגס-קראַפט פון דער אַנדער זייט, — רוקן אַרויס פאַרן מאָדערנעם מענטשן די דרינגענדיקע פּראָבלעמען פון „מענטש-קולטור”. דאָס איז די אַקטיווע שטרעבונג מעטאָדיש-אָביעקטיוו צו דערקענען און שעפעריש-צילמעסיג אויסצונוצן די פסיכישע און פיזישע אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור. צוזאַמען מיט דער היינטצייטיקער באַוועגונג פאַר פיזישער קולטור אָדער קערפּער-בילדונג, הויבט זיך פּאַמעלעך אָן אַן ערנסטע באַוועגונג פאַר פסיכיש-גייסטיקער קולטור אָדער נשמה-בילדונג. די ערשטע האָט די אויפגאַבע דורך סיסטעמאַטיש-אַלזייטיקער קערפּער-גימנאַסטיק צו קעמפן קעגן פיזישע דעגע-

נעראַציע (היגיענישע גימנאַסטיק), ווי אויך צו זאָרגן פאַר די ווייטער-אַנטוויקלונג און מעגלעך-פולע אויסבילדונג פון דער פיזישער פערזענלעכקייט. די פסיכישע קולטור אָבער האָט איר אויפגאַבע דורך סיסטעמאַטיש-אַלזייטיקן נשמה-בילדונג אָדער מעטאָדישע קולטיווירונג פון פסיכישע-אייגנשאַפטן און פאָטענציעל פול-געשטאַלטיקע אור-כחות פון דער נשמה צו באַקעמפן די פסיכישע דעגענעראַציע (פסיכאָ-טעראַפיע, פסיכאָהיגיענע), ווי אויך צו דערמעגלעכן די אומגעשטערטע אַנטוויקלונג און אויסבילדונג פון די אומענדלעך-פילגעשטאַלטיגע פסיכישע כחות אָדער פון דער פסיכיש-גייסטיקער אור-פערזענלעכקייט.

פיזישע קולטור איז אומעגלעך אָן פסיכישער קולטור, און נאָר ביידע צוזאַמען קאָנען אַרומנעמען די פסיכאָ-פיזישע גאַנצקייט פון דער פערזענלעכקייט. אַ חוץ מוסקולן און סקעלעט פאַרמאָגט דאָך דער מענטש אַ צענטראַלן נערוון-סיסטעם, ספּעציעל דעם מוח, וואָס איז אַזוי אָדער אַנדערש דער אָרגאַן פון פסיכישן לעבן. יעדע שעפערישע גייסטקייט קאָן זיך רעאַליזירן נאָר דורך דער איינדרוקס- און אויסדרוקס-פעיקייט פון דעם קערפער, ווי יעדע קערפער-באַוועגונג איז אָרגאַניש דורכגעדרונגען פון אַ פיין-וויברירנדיקער אינערוואַציע. די שטילסטע רעגונג פון דער נשמה באַקומט דאָך תמיד זיין מאַטאָרישן קערפער-אויסדרוק, און די קלענסטע באַוועגונג פון קערפער געפינט איר אָפּקלאַנג אין נשמה-לעבן. פאַרשטיין און באַהערשן דעם קערפער הייסט גלייכצייטיק פאַרשטיין און באַהערשן דאָס נשמה-לעבן. אמתע פיזישע קולטור איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט ריכטיקער פסיכישער קולטור, ווי קערפער און גייסט זענען אָרגאַניש פאַראייניקט אין שעפערישער אור-גאַנצקייט.

די מענטש-געזעלשאַפט האָט די אויפגאַבע טעאָרעטיש און פּראַקטיש אויפצושטעלן די יסודות פאַר דעם אויסבוי, אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג פון אַ סיסטעמאַטישער פסיכישער מענטש-קולטור אָדער נשמה-בילדונג, וואָס זאָל צוזאַמען מיט דער פיזישער קולטור באַקעמפן פון איין זייט די פסיכאָ-פיזישע דעגענעראַציע, און פון דער אַנדער זייט — דערמעגלעכן די אַנטוויקלונג און

אויסווירקונג פון די אומענדלעך-פילגעשטאַלטיקע פסיכאָ-פיזישע אור-כוחות אין דעם מענטשן.

אַ סיסטעמאַטישע פסיכישע קולטור איז אָבער מעגלעך, ווען מ'ווייסט די אייגנשאַפטן און געזעצן פון פסיכישן לעבן. אַזוי ווי די פיזישע קולטור איז באַגרינדעט אויף קערפּער-קענטניש, אַזוי איז די פסיכישע קולטור באַגרינדעט אויף פסיכישער מענטש-קענטעניש, אָדער מענטש-וויסנשאַפט, דאָס הייסט — אויף פּאָזי-טיווער וויסנשאַפט וועגן דער פסיכישער נאַטור פון דעם נאָרמאַלן און אומנאָרמאַלן מענטשן. שטרעבנדיק צו אַ סיסטעמאַטישער פסיכישער קולטור, מוז דערפאַר די מענטש-געזעלשאַפט גלייכ-צייטיק שאַפן גינסטיקע תנאים פאַר דער אַנטוויקלונג און פאַר-שפּרייטונג פון אַ פּאָזיטיווער מענטש-וויסנשאַפט.

עס מוז נאָך אויף אַ באַזונדערן אופן קאָנקרעט אָנגעצייכנט ווערן דער אַרבעטס-מעטאָד פון אַ וויסנשאַפטלעך-אָריענטירטער פסיכישער קולטור, אַלס אַ סיסטעמאַטישע איינווירקונג אויף דער פסיכישער נאַטור. ס'איז גענוג אָנצווייזן אויף דעם ערשטן בעסטן ביישפּיל פון דער מאַטעריעלער קולטור. די עלעקטרישע קראַפט, למשל, באַווייזט זיך אין דער נאַטור סטיכיש אין דערשיינונגען פון דינער און בליץ. די וויסנשאַפטלעכע קולטור אָבער האָט דורך סיסטעמאַטישע פאָרשונגען פאַמעלעך אָנגעהויבן צו דערקע-נען און באַהערשן די עלעקטרישע געזעצן אַזוי, אַז איצט קאָן יעדער איינער לויט ווילן און באַדערפעניש, אָנווענדנדיק דידאָזיקע געזעצן, באַקומען און באַנוצן די עלעקטרישע קראַפט. אָט אַזוי באַאָבאַכטן מיר אויך אין פסיכישן לעבן זעלטענע שעפערישע קרעפטן, וואָס באַווייזן זיך אָבער סטיכיש בליץ-אַרטיק אַלס אָ פּ ט ע ר ע התגלות-דערשיינונגען ביי א ו י ס נ אַ ם - מ ע נ ט ש ן אין מאָמענטן פון שעפערישער באַגייסטערונג (נביאים, קינסטלער, געניאַלע וויסנשאַפטלער), אָדער אַלס ז ע ל ט ע נ ע א ו י ס נ אַ ם - ד ע ר ש י י נ ו נ ג ע ן ב י י ג ע וו י י נ ל ע כ ע מ ע נ ט ש ן אין די זעלטענע עקסטאַטישע און טראַגישע מאָמענטן פון אינדיווידועלן און סאָציאַלן לעבן. אויך דאָ מוז די וויסנ-שאַפטלעכע פסיכישע קולטור וואַגן דורך סיסטעמאַטישע פאָרשונגען

פאַמעלעך צו דערקענען און צו באַהערשן אָט די זעלטענע נשמה־בליצן. די אינערלעכע געזעצן פון אונזערע פּאָטענציעל־אומענדלעכע שעפּערישע קרעפטן.

עס איז לחלוטין נישט נויטיק צו זיין מיסטיש אָדער ראָמאַנטיש, כדי צו זען די פּאָטענציעל־רעאַלע וועלטן־רייכקייט פון יעדער פּערזענלעכקייט. פון איין זייט קאָן אַ גייסט־קראַנקהייט אָדער דער אויסברוך פון פּרימיטיוו־פאַרברעכעריש ליידנשאַפט, למשל, עפענען אין דעם איינפאַכסטן מענטשן אומגעזעענע פּאַטאָלאָגישע אור־פּרימיטיווע אָפּגרונטן, און פון דער אַנדערער זייט, קאָנען אין עקסטאַטישע און טראַגישע מאָמענטן אויפבליצן אין דעמזעלבן מענטשן הויך־אָרגאַניזירטעס נשמה־לעבן פון אור־שעפּערישער באַגייסטערונג. צווישן אָט די ביידע פּאָליוסן פון אָפּגרונטיקער פּרימיטיווישקייט און פּראָדוקטיווער גייסטיקייט פּולסירט דינאַמיש־פליסנדיק דאָס פּסיכישע לעבן, וואָס ווערט דורך דעם צוואַנג פון לעבנס־קאַמף איינגעקלאַמערט אין די פּראַקטיש־נויטיקע נשמה־האַלטונגען. פּאָטענציעל אָבער איז יעדער מענטש אומבאַגרענעצט אין זיין פאַלן און אומענדלעך אין זיין אויפשוווּנג. די לעצטע קאָנען זיין די ערשטע.

דער פאַרגלייך און די נויטיקע קעגנזייטיקע דערגאַנצונג פון פיזישער און פּסיכישער קולטור ווייזן זיך באַזונדער בולט אַרויס אין פּראַקטישן לעבן. דורך צופאַל, נאָכמאַכונג, שלעכטע געוווינהייט באַקומען מיר אָפט פאַלשע באַוועגונגען און אומנאַטירלעכע קערפּער־שטעלונגען; אויך דאָס פּראַקטישע לעבן — דורך דער ספּעציאַליזירונג פון דער מאָדערנער אַרבעטס־טיילונג, — צווינגט אונז אָפט צו איינזייטיקע פאַלשע באַוועגונגען און פּאָזעס, וואָס קאַלעטשען און פאַרעלטערן פּריצייטיק דעם קערפּער. די פיזישע קולטור איז באַרופן דורך מעטאָדישער קערפּער־דערקענטעניש און סיסטעמאַטישער אָנווענדונג פון דעם קערפּערס פילזייטיקע נאַטור־געזעצן אויסצוגלייכן און צו פאַרבעסערן די דערוואָרבענע דעפעקטן פונם קערפּער, שטאַרקן און היילן די אינערלעכע קערפּער־קראַפט. אַזוי אויך זעט די מענטש־געזעלשאַפט

די אַלגעמיין פאַרברייטערטע גערוועישקייט, אינטימע אָפּהענ־טיקייט און אינערלעכע קורצזוויקסיקייט פון דעם היינטיקן דורכן שניטס-מענטשן, ווי אַ רעזולטאַט פון דעם געצוווּנגן-איינזייטיק-פּראַקטישן לעבן, וואָס ברענגט צו אינטימער אָפּגעלאָזנקייט און פאַרקריפּלט די אור-קרעפטיקע מענטש פערזענלעכקייט. אַזוי אויך שטרעבט די מענטש-געזעלשאַפט דורך מעטאָדישער דער־קענטעניש (מענטש-וויסנשאַפט) און סיסטעמאַטישער אָנווענדונג פון די אומענדלעכע פסיכישע כחות אויסצוגלייכן און דער־הויבן דעם מענטשן, אויפצולעבן און צו אַנטוויקלען די אינער־לעכע פערזענלעכקייט אין איר אַלמעכטיקער אור-גאַנצקייט.

כדי דורכצופירן אָט די אויפגאַבן, ווערט אָנגעמערקט פאָלגנדיקער אַרבעטס-פּלאַן:

1) יעדע גרופּע פון דער „מענטש-געזעלשאַפט" האָט (צוזאַמען מיט דער אַרבעט פאַר פיזישער קולטור) יעדע וואָך באַשטימט שעהן פאַר פסיכישער קולטור און מענטש-וויסנשאַפט.

אין אָט די שעהן ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים דורכגעפירט די וויסנשאַפטלעך-אויסגעאַרבעטע מעטאָדן פון דער אַזויגערופענער פסיכישער עקספּעדיציע, דאָס הייסט פון פּאַקטישן אַריינדרינגען אין דעם אינערלעכן רעאַל-פסיכישן לעבן, כדי צו דערקענען און אויסצוווירקן די אומענדלעך-פילגעשטאַלטיקע פסי־כישע כחות. אַזוי ווי אויף דעם גימנאַסטישן שפּיל-פּלאַץ, וויל דער מענטש אויסגלייכן און אָפּפרישן די אָפּגעלאָ־זענע גלידער און מוסקולן, אַזוי אויך זאָל דער מענטש אין דער פרייער פסיכישער עקספּעדיציע אויסגלייכן און אָפּלעבן די אָפּגעלאָזענע אינטים-פסיכישע כחות (זע פּונקט 2).

אין דעם פּראַקטישן לעבן מוז יעדער מענטש פאַר־נעמען אַ באַשטימטע פּאָזיציע און קאָן אויסווירקן בלויז באַשטימטע פסיכישע כחות. מוז דאָך, למשל, דער קרע־מער אין זיין טעגלעכער אַרבעט אויסווירקן הויפּטזעכלעך

די כחות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט קרעמעריי, און
זיין גאַנצע פערזענלעכקייט באַקומט אַ קרעמערישע האַל-
טונג. די טיילונג פון מענטשן לויט פּראָפעסיע אָדער
עקאָנאָמישע פונקציע איז אין רעאַלן סאָציאַלן לעבן
פּאַקטיש נויטיק, אונפאַרמיידלעך און טאָר בשום אופן
נישט פאַרנעפּלט ווערן. עס איז דאָך אָבער אומפּראַקטיש
צו לאָזן אומאויסגענוצט די אומגעהוירע פּאָטענצן, וואָס
ליגן אונטער דער פּראַקטיש-געצווונגענער נשמה-האַל-
טונג. אַזוי ווי די פיזישע קולטור זוכט אָנשטאָט דער
פאַרקראַמפּט איינזייטיקער קערפּער-האַלטונג (פון דעם
פּראַקטישן לעבן) צו וועקן און צו אַקטיווירן דאָס נאַ-
טירלעך-אַלזייטיקע קערפּער-געפּיל, אַזוי וויל אויך די
פּסיכישע קולטור אָנשטאָט דער פּראַקטיש-באַגרענעצטער
נשמה-האַלטונג וועקן און אַקטיווירן דאָס נאַטירלעך-אינ-
טימע וועלטן-רייכע מענטש-באַוווסטזיין, וואָס ווערט, ווי
שוין דערמאָנט, דורך דעם צוואַנג פון לעבנס-קאַמף
איינגעקלאַמערט אין די פּראַקטיש-נויטיקע נשמה-האַלטונ-
גען. אָבער אין די רו-פּויזן פון לעבנס-קאַמף (אין רו-
אָוונטן און יום-טוב-צייטן) קאָן פּסיכישע קולטור אויס-
גלייכן די פּראַקטיש-איינזייטיקע נשמה-האַלטונג דורך אַ
נאַטירלעך אַלזייטיקן מענטש באַוווסטזיין. מען קאָן זיך
מענטש-וויסנשאַפטלעך אָריענטירן קאָנקרעט אין דער איי-
גענער אינערלעך-רעאַלער וועלטן-רייכקייט, באַ עמען, דורכ-
פילן און אויסווירקן דאָס אומענדלעך פילגעשטאַלטיקע
נשמה-לעבן.

2) די „מענטש-געזעלשאַפט” וועט העלפן צו (אַר-
ברייטערן דעם באַזיס פון די עקסיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס
פאַר פיזישער קולטור (טורנען, ספּאָרט און גימנאַסטיק),
צו דערגאַנצן און צו פאַרטיפן די איינזייטיקע אבסטראקטע
קערפּער-בילדונג. קערפּער און גייסט, באַזונדער גענומען,
זענען בלויז איינזייטיקע לופט-אבסטראקציעס פון דער
קאָנקרעט-לעבעדיקער פּסיכאָ-פיזישער גאַנצקייט פון דעם

רעאַלן מענטשן. יעדע ספּאָרטלעכע אָדער גימנאַסטישע אָרגאַניזאַציע, וועט אין איר פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פּאַמעלעך איבערגיין פון איינזייטיקער אבסטראקטער קערפּער-געזעלשאַפט צו אַ רעאַלער מענטש-געזעלשאַפט. אַזאַ אָרגאַניזאַציע מוז אַריינפירן יעדע וואָך באַשטימטע שטונדן פאַר פּסיכישער קולטור און מענטש-וויסנשאַפט, וואָס זאָלן אָרגאַניש דערגאַנצן און אַדורכדרינגען די קערפּער-בילדונג. צוזאַמען מיט דער פּסיכישער עקספּעדיציע, ווערן סיסטעמאַטיש דורכגעפירט קאָלעקטיווער געזאַנג און מעטאָדישע קרייז-טענץ (ווי, למשל, מאָדערנע גימנאַסטיש-אויפגעבויטע קרייז-טענץ, צוגעפּאַסט צום יידישן קולטור-לעבן), וואָס ווירקן אויף דער אויסבילדונג פון דעם אָטעם- און באַוועגונגס-אַפּאַראַט און וועקן גלייכצייטיק טיפע געזעלשאַפטלעכקייט און אינערלעכע כּוחות פון דער אינטים-פּסיכישער סטיכיע. אין די גרופּע-טענץ און אין די קרייזן-טענץ, — דערווייזט די קינסטלערישע גימנאַסטיק, — האָבן מיר אַ שטאַרקן מיטל צו ווירקזאַמער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכקייט. אָט די חברותהדיקע קרייז-טענץ, ווען זיי ווערן דורכגעדרונגען און געטראָגן פון אַן אינערלעכן מענטש-באַוווסטזיין, קאָנען זיי מיטשאַפן אַ נייע יום-טוב-קולטור, וועלכע גיט דעם מענטשן אַ חוץ צעשטרויונג און אָפּפרישונג אויך באַלערונג, ווייל אין דער טענצערישער קרייז-קונסט ליגט טאַקע פאַר דעם טאַנצנדיקן אַ סינטעז פון אַלמענטשלעכן איינדרוק און אויסדרוק. דידאַקטישע מעטאָדישע קרייז-טענץ מוזן אָבער, ווי דערמאָנט, דורכגעפירט ווערן נישט מעכאַניש, אויך נישט בלויז קינסטלעריש-טעאַטראַליש, נאָר אינערלעך דורכדרינגען פון אַ נאַטירלעכן אינטימען מענטש-באַוווסטזיין.

3) די „מענטש-געזעלשאַפט“ שטרעבט אויסצואַרבעטן איינפאַכע פאָרמען אָדער מעטאָדן פון פיזישער און פּסיכישער קולטור, וואָס זאָלן זיין פּאַקטיש און פּסיכאָ-

לאָגיש צוגעגנגלעך פאַר די ברייטע מאַסן. נישט די אויס־געוויילטע גרופּעס פון יונגע ספּאָרטלער אָדער אינטע־ליגענטישע פיינשמעקער, נאָר די ברייטע מאַסן פון פאָלק שטייען אין מיטל־פונקט, די פיזישע און פסיכישע פ אָ ל ק ס־געזונטהייט. איינצלנע גרופּעס האָבן נאָר אַ באַדייטונג פון לאבאראטאריעס, וואָס זאָלן אַרויסטראָגן דורכגעפּרוּווטע מעטאָדן פאַרן פאָלק. עס מוזן געמאַכט ווערן אין רו־ און יום־טוב טעג מאַסן פאַראנשטאַלטונגען פאַר פיזישער און פסיכישער קולטור. ס׳ווערט דורכגע־פירט מאַסן־פּעדאַגאָגיש אַ פסיכישע עקספּעדיציע, דורך מעטאָדישע פאַרטראַגן און קאָלעקטיווע שמועסן, נישט פאָפּולער־וואַסערדיקע, נאָר זאַכלעך־ערנסטע, אויסגעטון פון וויסנשאַפטלעכן זשאַרגאָן. אַ חוץ דעם, ווערן דורך דער מיטווירקונג פון מוזיק סיסטעמאַטיש דורכגעפירט קאָלעקטיוו־געזאַנג און קרייז־טענץ, וואָס קאָנען גראָד אין מאַסן־לעבן ווערן אַ צוציענדיקער אויסגאַנגס־ און מיטל־פונקט. אָנגעהויבן פון דעם אַלגעמיין צוגענגלעכן פּאָלאָנעז, קאָן מען אים גימנאַסטיש מאָדיפיצירן און אַנטוויקלען צו גימנאַסטיש־וויכטיקע קרייז־טענץ, וואָס זענען גלייכ־צייטיק דורכגעדרונגען פון אַ נ אַ ט י ר ל ע ך א י נ ט י מ ע ן מענטש־באַוווסטזיין. נישט די מאַסע זאָל בלויז פּאַסיוו צוזעען (ווי ס׳פירט זיך) די גבורה פון אויסגעכאָליעוועטע ספּאָרטלער און באָקסער, נישט בלויז פּאַסיוו צוהערן די שיין־גייסטיקע פאַרטראַגן פון אויסגעשטודירטע אינטעלי־גענטן, נייערט זעלבסטעטיקייט פון דער מאַסע. פיזישע און פסיכישע זעלבסט־אַנטוויקלונג. „די מענטש־געזעלשאַפט״ איז נאָך איר תוך אַ „יעדער־מענטש־געזעלשאַפט״ (וועגן פסיכישער קולטור אין שול־לעבן, זע קאַפּיטל III, ב, פונקט 4).

4) די „מענטש־געזעלשאַפט״ גרינדעט סעמינאַרן, לער־און פאָרשונגס־אַנשטאַלטן פאַר פסיכישער קולטור און מענטש־וויסנשאַפט, גיט אַרויס ספּעציעלע ליטעראַטור און

צייטשריפטן, נישט לאַבאָראַטאָריש-איינזייטיקע, נישט בלויז
פאַר ספּעציאַליסטן, נאָר אָביעקטיוו-אַלזייטיקע און אַלגע-
מיין-צוגענגלעכע מענטש-וויסנשאַפט און נשמה-בילדונג,
אָבער יעדע גרופּע מוז געניי אָביעקטיוו רעגיסטרירן אי-
רע עקספּעדיציע-ערפאַרונגען, וואָס ברענגט אַן אומגע-
הויער וויכטיקן, שטענדיק-וואַקסנדיקן מאַטעריאַל פאַר
מענטשן-דערקענטעניש און שאַפט אַ נאַטירלעכע וווּנדער-
לאַבאָראַטאָריע, ווי פאָרשער, געפאָרשטער אין לאַבאָראַ-
טאָריע זענען אָרגאַניש פאַרבונדן.

5) די „מענטש-געזעלשאַפט” מוז שטרעבן דורך
דער פּסיכישער קולטור צו הויבן דאָס פּסיכישע ניוואָ אין
דעם טאָג-טעגלעכן לעבן. אָט ווי דער גימנאַסטישער שפּיל-
פּלאַץ מוז זיין פאַרבונדן מיט דעם פּראַקטישן לעבן —
די גימנאַסטיש געשטאַרקטע און אויסגעגליכענע גלידער
מוזן אויך אין פּראַקטישן לעבן סיסטעמאַטיש פאַרמיידן
די פריערדיקע פאַרקראַמפּטע פאַלשע קערפּער-האַלטונגען,
אַזוי אויך מוז דאָס געשטאַרקטע און געלויטערטע (דורך
פּסיכישע קולטור) מענטש-באַוווּסטזיין סיסטעמאַטיש באַ-
הערשן אין טאָג-טעגלעכן לעבן די אינערלעכע שלאַבע-
ריקייט און אינטימע אָפּהענטיקייט. ערנסטע פּסיכישע
קולטור מוז שטרעבן קאָנקרעט צו פאַרשטאַרקן אונזער
וויסן און מאַכט איבער אונזערער אינערלעכער וועלט,
ווי אויך מוז זי זיין אַקטועל פאַרבונדן מיט דעם פּראַק-
טישן לעבן. אַ לעבנס-פרעמדע פּסיכישע קולטור קאָן זיך
זייער לייכט פאַרוואַנדלען אין אינטעליגענטישע שפּילעריי
אָדער אויטאָפּיסטישע סענטימענטאַלישקייט.

III

פאַרמענטשלעכונג פון דער קולטור

מאַסן-עלעמענט און עקסטאַטישע אור-קוואַלן

יעדע קולטור, ווי יעדע רעליגיע, גייט אין משך פון איר געשיכטלעכער-אַנטוויקלונג אַלץ ווייטער אַוועק פון די ברייטע מענטשן-מאַסן. די ביבל, למשל, איז צוגענגלעך פאַר אַלעמען. נאָר פון דער ביבל אַנטוויקלען זיך אין משך פון יאָר-הונדערטן אַלץ קאָמפּליצירטערע רעליגיעזע ווערק, וואָס קאָנען שוין באַהערשט ווערן נאָר פון לערנער און שאַרפע קעפּ. עס עפנט זיך אויף פּאַמעלעך אַ תהום צווישן דעם פּראָסטאַק און דעם לערנער, צווישן דער ברייטער עם-הארצישער מאַסע און די אויסגעוויילטע לומדים. ביז עס קומט אַ גרויסער רעליגיעזער אויפשוונג, ווי, למשל, דער חסידיזם, וואָס האָט געקאָנט גייסטיק איבערבריקן דעמדאָזיקן תהום.

דעמזעלבן פּראָצעס מאַכט דורך יעדער קולטור. די פאָלקס-דיכטונג, למשל, וואַקסט און לעבט אין די טיפסטע שיכטן פון פאָלק, נאָר פון דער פאָלקס-דיכטונג אַנטוויקלט זיך אַ פיין

דיפערענצירטע פאָעזיע, וואָס איז אַלץ ווייניקער צוגענגלעך פאַר די ברייטע מאַסן. דער פראָצעס פון דער וויסנשאַפט טראָגט אין זיך אַן אומענדלעך ווייט-גייענדיקע דיפערענצירונג, וואָס פירט אַרויס איין וויסנשאַפטס-געביט נאָכן אַנדערן פון דער אַלגעמיינהייט אין אַלץ ענגערע קרייזן און קרייזלעך פון ספעציאַליסטן. עס עפנט זיך דער זעלבער תהום צווישן דער אומגעבילדעטער „פרימיטיווער” מאַסע און דער הויך-קולטיווירטער אינטעליגענץ. די קולטור הערט אויף צו זיין מ ע נ ט ש-לעך, נאָר איז דורכאויס ס פ ע צ י אַ ל י ס ט י ש, ד. ה. זי ווערט געטראָגן און געשאַפן נישט פון מענטשן בכלל, נאָר פון אַ שטאַרק דיפערענצירטער אינטעליגענץ, וואָס צייכנט זיך אויס אינערלעך און אויסערלעך פון דער מאַסע און בילדעט נישט נאָר סאָציאַל, נאָר אויך ביאָ-פסיכאָלאָגיש אַ מין ספעציע פון דער מענטשן-אַרט.

די מענטש-געזעלשאַפט שטרעבט צו פאַרמענטשלעכן די ספעציאַליסטישע קולטור און שטעלט אויף מיט אינטים-אַקטועלער שאַרפקייט דאָס באַקאַנטע, אָבער ווייניק-געאַכטע לעבנס-וויכטיקע פראָבלעם פון מאַסן-פעדאַגאָגיק, וואָס זוכט מעטאָדן און וועגן, כדי צו מאַכן צוגענגלעך די אוצרות פון דער קולטור פאַר דער מענטשן-מאַסע און אַריינצוטראָגן דעם מאַסן-שעפערישן מענטש-עלעמענט אין דער קולטור.

מיר פאַרמאָגן אין דער קולטור-געשיכטע אַ שטאַרק באַלערנדיקן פרעצעדענט אין דער קינדער-פעדאַגאָגיק. די קולטור פון דערוואַקסענע איז דאָך (אמת, אויף אַן אַנדער אופן) אַזוי פרעמד און אומצוגענגלעך פאַר דער „פרימיטיווער” קינדער-נאַטור, ווי די הויך-דיפערענצירטע קולטור פאַר דער „פרימיטיווער” מאַסע. נאָר אין משך פון יאָר-הונדערטן האָבן פאָלק און געזעלשאַפט באַטראַכט די דערציִונג אַלס לעבנס-וויכטיקסטע פראָבלעם און האָבן היסטאָריש דורך קאָלעקטיוו-שעפערישע אָנשטרענגונגען געזוכט און געפונען די וועגן, וואָס זאָלן מאַכן צוגענגלעך פאַר דער אונטערוואַקסנדיקער קינדער-וועלט די קולטור פון דערוואַקסענע. די מענטש-געזעלשאַפט שטרעבט

טעאָרעטיש און פּראַקטיש אויפצושטעלן די מאַסן-פּעדאַגאָגיק, וואָס זאָל, ווי די קינדער-פּעדאַגאָגיק אָנגעזען און באַהאַנדלט ווערן, ווי אַ לעבנס-וויכטיקסטע פּראָבלעם. אָן מאַסן ווי אָן קינדער, האָט קולטור קיין צוקונפט, קיין נשמה נישט.

אין אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג דערמיט, שטייט אַן אַנדערע וויכטיקע ערשיינונג. יעדע קולטור, ווי יעדע רעליגיע, אַוועקגייענדיק אין איר געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון די מאַסן, פאַרלירט גלייכצייטיק אירע עקסטאַטישע אור-קוואַלן. יעדע רעליגיע ווערט געבוירן אין עקסטאַז, וועלכער ווערט אָבער אין משך פון יאָר-הונדערטן באַהאַלטן אין דאָגמע און געזעץ. אויך דאָ קומט דער רעליגיעזער אויפשוווּנג, ווי, למשל, דער-זעלבער חסידיזם, וואָס טראָגט אַריין צוזאַמען מיט דעם מאַסן-שטראָם נייע עקסטאַטישע חיונה.

אויך יעדע קולטור ווערט געבוירן אין עקסטאַטישער באַגייסטערונג און לעבנס-פרייד, נאָר, פאַרלירנדיק אין איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג די מאַסן-קוואַלן, ווערט זי ספּעציאַליסטיש און ראַציאָנאַליסטיש-פאַרטרוקנט. געזאַנג און טענץ, למשל, וואָס זענען קודם-כל דער נאַטירלעכער אויסדרוק פון אייביק-מענטשלעכער אור-פרייד, ווערן פאַרטריבן אויף דער בינע, ווערן קינסטלעריש-ספּעציאַליסטיש, וואָס נאָר אויסגעוויילטע קינסטלער קאָנען שאַפן, און אינטעליגענטישע פיינשמעקער קאָנען פּאַסיוו אויפנעמען. אויך די געזעלשאַפטס-טענץ אָדער באַל-טענץ זענען קאָנווענציאָנעל-פאַרשטייפט, ווייטער ספּעציאַליסטיש, אָנשטאָט דעם קאָלעקטיוויסטישן קרייז-טאַנץ קומט דאָס אינדיווידואַליסטישע פּאָרל אָדער צוויי-טאַנץ. אָבער אויך אָט די איינציקע, עטוואָס מער מאַסן-צוגענגלעכע טענץ זענען פאַראַכט פון אידעאַליסטישע און „ערנסטע” אינטעליגענטן און ווערן אַנאַרכיש באַהערשט פון „עולם-הזהניקעס”, הולטייעס און לייכטזיניקער יוגנט. אין דעם אַלגעמיינעם לעבנס-שטייגער זענען געזאַנג און טאַנץ דעגראַדירט צו כאַאָטיש-צופעליקע ערשיינונגען, דערפאַר אָבער ציען זיך גרויסע מענטשן-

מאַסן אין דער „טאַנצולקע”, ווו ס׳הערשט אַנאַרכיש־אָרגיאַסטישע
אויפרודערונג פון פרימיטיוו־עראָטישע ליידנשאַפטן. נאָך מער
ווי אַלע מאָל שטייט היינט אַ גרויסער תהום צווישן דעם
„ערנסטן” אינטעליגענט און לעבנס־לוסטיקן מאַסן־פּראָסטאַק,
צווישן דעם ספּעציאַליסטישן קולטור־„פּרומאַק” און דעם לעבנס
דורשטיקן „הולטיי”. מער ווי אַלע מאָל איז די קולטור היינט
דורכגעדרונגען פון ספּעציאַליסטישער לעבנס־טרוקנקייט, פון נער־
וועיש־דעגענערירטער פאַרשמאַכטקייט, דער איינציקער אומגע־
הויערער עקסטאַטישער קוואַל פון דער קולטור איז די פּער־
מאַנענטע רעוואָלוציע, וואָס טראָגט אַריין צוזאַמען מיטן
שטורמישן מאַסן־לעבן נייע עקסטאַטישע חיונה און וואָס מ׳קאָן
אָבער נישט מאַכן ווו, ווי און ווען מ׳וויל. דערווייל ביז ס׳קומט
דער משיח פון רעוואָלוציע, הערשט אין אַרומיקן לעבן די
ספּעציאַליסטישע טרוקענע „הלכה”, דער ראַציאָנאַליסטיש־קאַלטער
ערנסט. די „אגדה” אָבער, די עקסטאַטישע לעבנס־פרייד זענען
אָפּגעגעבן דער אַנאַרכישער שליטה פון „עולם־הזהניקעס” און
„הולטייעס” אָדער זענען פאַרטריבן אין דער קונסט, ווו די
אויסגעוויילטע קינסטלער שאַפן פאַר רעלאַטיוו־ענגע קרייזן פון
פּאַסיווע פיינשמעקער.

אין מאַסן־עקסטאַטישע אויפבליונגס־צייטן פון אַ רעליגיע
אָדער אַ קולטור — ווי, למשל, אין דעם חסידיזם אָדער (אמת
אויף אַן אַנדער אופן) אין דער בליונגס־צייט פון דער גריכי־
שער קולטור — זענען תמיד געזאַנג און טאַנץ גרויסע קוואַלן
און פאַקטאָרן פון דעם שעפעריש־אָרגאַניזירנדיקן גייסט. געזאַנג
און טענץ האָבן דאָך די טאָפּלט־זייטיקע און לעבנס־וויכטיקע
וווּנדער־קראַפט, צו באַפרייען און גלייכצייטיק אויך גייסטיק
צו באַהערשן די אומבאַגרענעצטע סטיכיע. פון איין זייט קאָנען
געזאַנג און טענץ וועקן די טיטאַנישע אור־כּחות פון דעם
מענטשן, וועקן אַ באַרוישנדיק־אומבאַגרענעצטן קראַפט־געפיל
און עקסטאַטישע זעלבסט־פאַרגעסנקייט פון דער קאָסמיש־אויפ־
געוואַכטער מענטשן־נאַטור. פון דער אַנדערער זייט אָבער קאָ־
נען געזאַנג און טענץ ווערן עלאַסטישע וווּנדער־פאַקטאָרן פון

עכטער-רעליגיע, ווי אויך פון עכטער קולטור, וואָס קאָנען דורך זיי גופא, — דורך געזאַנג און טענץ, — שעפעריש באַהערשן די אויפגעוואַכטע סטיכיע און ציען פון איר אייביק-באַנייענדיקע נאַטור-סטיכייאישע שאַפונגס-קראַפט. געזאַנג און טענץ פאַרבינדן דעם שעפעריש-אָרגאַניזירנדיקן גייסט מיט די קאָסמיש-סטיכישע אור-קוואַלן. אָן דער שעפערישער-רעגוליר קראַפט פון רעליגיע אָדער קולטור קאָנען געזאַנג און טענץ ווערן געפערלעכע „באַרבאַרישע" פאַקטאָרן, וואָס זענען על־פּי דעם גייסט צו פאַרניכטן אין וווּלקאַניש-אָרגיאַסטישע ליידנשאַפטן (גימטיקער „צויבער-געטראַנק"). אָבער אָן געזאַנג און טענץ ווערן רעליגיע און קולטור אינערלעך אָפּגעריסן פון אירע אייביקע נאַטור-קוואַלן. דערפאַר זענען פאָלקס-שמחות אין בליונגס-צייטן פון רעליגיע און קולטור גרויסע גייסט-געשעענישן, ווען דער שעפעריש-אָרגאַניזירנדיקער פאָלקס-גייסט ראַנגעלט זיך מיט דער קאָסמיש-אויפגעוואַכטער סטיכיע, לאָזט זיך עקסטאַטיש פון איר פאַרפלייצן, כדי זי ערשט רעכט צו באַהערשן און שעפעריש איינצושפאַנען. עס איז דער אָפענער סוד פון דער נאַטור-קאָסמישער זעלבסט-באַפרוכטונג פון דעם גייסט.

די בלוט-אָרעמקייט פון דער היינטיקער ספּעציאַליסטישער קולטור ווייזט זיך אַרויס באַזונדער בולט אויף אונזערע שמחות. אויף באַנקעטן און אַנדערע פאַרשידענע פייערלעכקייטן אין געזעלשאַפטלעכן און פּריוואַטן פאַמיליען-לעבן הויבט זיך אָן אויף דעם „אומאָפיציעלן טייל" אַ „געמיטלעך" צוזאַמען-זיין. אויב ביי די חסידים און — אויף אַן אַנדער אופן — אויך ביי גריכן אין אַ באַשטימטער עפּאָכע פלעגן זיך מאַסן אויף שמחות נאַטירלעך-עקסטאַטיש אויסלעבן און אויפלעבן איז גייסטיקער אור-פרייד, וויל מען אָבער אין היינטיקער ספּעציאַליסטישער צייט אויף שמחות זיך „געמיטלעך" אויסשפּאַנען. אַנשטאָט שעפעריש-באַרוישנדיקער פרייד, הערשט היינט אויף שמחות אומפרוכטבאַר-באַנאַלער לייכטזין, געזאַנג און טאַנץ, על פּי רוב נאָכגעקרומטע, זענען כאַאָטיש, אָן יעדן פּראָדוקטיוון נאַטור-דראַנג. און דיזעלבע

מענטשן, וואָס זענען אַזוי עמפינדלעך קעגן שונד אין קונסט און פּרעסע, קולטיווירן דעם „געמיטלעכן" שונד פון אונזערע שמחות. איז שוין דאָס שמחה-געפיל אַזוי פאַרנאַכלעסיקט און אָפּגעטעמפּט, אַז מ'פילט שוין קוים דעם חילוק צווישן פרייד און לייכטזין, וועלכע זענען דאָך אַזוי ווייט איינע פון די אַנדערע, ווי קינסט-לערישער הומאָר פון אַנעקדאָטישן שאַרזש. אמתע פרייד איז גייסטיק אָרגאַניזירט, העכערט פּראָדוקטיוו דעם פּסיכישן ניוואָ און לאָזט נאָך זיך איבער אין דער נשמה עקסטאַטישע חיונה אויף אַ לאַנגער צייט. לייכטזין אָבער איז פּרימיטיוו-דעגראַדירנדיק, קיצלט אויגנבליקלעך די נערוון און לאָזט נאָך זיך איבער אין דער נשמה פּוסטקייט און „קאַצן-יאָמער". און דיזעלבע קולטור, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו מאַכן פון פיזישער אַרבעט אַן אומגעהויערע קלאַסן-בילדנדיקע קולטור-קראַפט און פון ליבע צו שיינקייט אַן עסטעטישע שאַפונגס-וועלט, אָט די קולטור, וואָס האָט שפּאָרעוודיק און שעפעריש פּראָדוקטיוויזירט יעדע נאַטירלעכע נייגונג, — אָט דיזעלבע קולטור לאָזט דעם אור-טיפסטן שמחה-דראַנג פאַרקריפּלען אין דער פּרימיטיוו-אָרגיאַסטישער „טאַנצולקע", אָדער אין דעם „געמיטלעכן" שונד פון געזעלשאַפטס-שמחות. שטרעבנדיק צו די ברייטע מאַסן, וויל די מענטש-געזעלשאַפט גלייכצייטיק סאָציאַל-קולטורעל אויפהויבן און אויסלייזן די עקסטאַטישע לעבנס-פרייד פון דער הולטייאישער אַנאַרכיע און ספּעציאַליסטיש-ראַציאָנאַליסטישער לעבנס-פרעמדקייט. נישט קעמפן מיט דער ברויזנדיקער „טאַנצולקע" און דעם הולטייאישן לעבנס-ברען, נאָר זיי אָרגאַניזירן, פאַרפיינערן און אויפהויבן צו זייער אָרגאַנישן שורש אַלס מאַסן-שעפערישער אור-קוואַל פון מענטשלעכער קולטור. אָן שמחה, ווי אָן פרייהייט האָט די קולטור קיין צוקונפט, קיין נשמה נישט.

כּדי דורכצופירן אָט די אָרגאַניש-פאַרבונדענע באַשטרעבונגען צום מאַסן-עלעמענט און עקסטאַטישע אור-קוואַלן, איז אָנגעמערקט פאָלגנדיקער אַרבעטס-פּלאַן:

1) יעדע „מענטש-געזעלשאַפט" מוז טעאָרעטיש און פּראַקטיש אַוועקשטעלן אַקטועל דאָס פּראָבלעם פון מאַסן.

פעדאַגאָגיק. צוזאַמען מיט שולן, מוז אין יעדער שטאָט אויסגעבויט ווערן אַ נעץ פון אָוונט-קורסן, שבת- און יום-טוב-קורסן, פאָלקס-אוניווערסיטעטן. דידאָזיקע אינסטיטוציעס ווערן אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון מלוכה, אָדער געמיינדע, און מוזן פּרינציפּיעל טיילווייז באַצאָלט ווערן פון די באַזוכער, לויט זייער מעגלעכקייט.

2) די „מענטש-געזעלשאַפט" מוז פּלאַנמעסיק אויסבויען די מאַסן-פּעדאַגאָגיק, וואָס קאָן אין פיל אופנים אויסנוצן די דערפאַרונג פון דער קינדער-פּעדאַגאָגיק און אויסמיידן די פעלער, וואָס יענע האָט שוין איבערגעוווּנדן. ס'מוזן קודם-כל דורכגעפירט ווערן פאָלגנדיקע גרונט-פּרינציפּן: א) די מאַסן-פּעדאַגאָגיק איז נישט בלויז אַ מעכאַנישע מלאכה פון „איבערגעבן", ווי דער אינטעליגענט לייענט אַ פאָרטראַג ספּעציאַליסטיש-אומצוגענגלעך אָדער פּאָפּולער-וואַסערדיק. נייערט די מאַסן-פּעדאַגאָגיק איז גלייכצייטיק אַ קונסט און אַ וויסנשאַפט, וואָס שטרעבן צו געשטאַלטן דעם מאַטעריאַל לויט דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער אייגנאַרט פון דער קאָנקרעטער מאַסן-אוידיטאָריע. ב) פון דעם פאַרהאָרעוועטן מאַסן-מענטש קאָן מען נאָך ווייניקער, ווי פון דעם שפּילנדיקן קינד, פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל פּאַסיוו צוהערן אָנשטרענגנדיקע פאָרטראַגן. ג) מ'קאָן נישט אויף דעם קאָנקרעט-דענקנדיקן מאַסן-מענטש אַרויפצווינגען מיט אַמאָל אַבסטראַקטע דענק-אופנים. ד) אויך אין דער מאַסן-פּעדאַגאָגיק מוז סיסטעמאַטיש דורכגעפירט ווערן דער אַרבעטס-פּרינציפּ, נאָר סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיש צוגעפּאַסט. דער מאַסן-מענטש ווערט סיסטעמאַטיש אַריינגעצויגן אין פּראָדוקטיווע זעלבסט-טעטיקייט, וואָס לאָזט אים דורך אַקטיווע זעלבסט-בילדונג זיך דערקלייבן צו דערגרייכבאַרע אַבסטראַקציעס. ה) ביי דער אומפאַרדאָרבענער לעבנס-גאַנצקייט פון דעם נאַטירלעכן מאַסן מענטש, קאָן מען פון אים נישט פאַרלאַנגען די ספּעציאַליסטיש-טרוקענע קאָפּ-אַרבעט. יעדע פאָלקס-בילדו-

דיקע אינסטיטוציע מוז מאַסן־פּעדאַגאָגיש אַריינציען די
פריער־באַשריבענע מאַסן־צוגענגלעכע עלעמענטן פון פיזי־
שער און פּסיכישער קולטור, — צווישן זיי קאָלעקטיווע
געזאַנג און קרייז־טענץ, — וואָס זאָלן זיין גימנאַסטיש
אויסגעהאַלטן און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט אַ נאַטירלעך־
אינטימען מענטש־באַוווסטזיין. אין פיל לענדער קעמפט
דער פאָלקס - אוניווערסיטעט אָן דערפאָלג מיט דער
„טאַנצולקע", ווייל דער פאָלקס־אוניווערסיטעט, ווי די
גאַנצע קולטור, איז ספּעציאַליסטיש־טרוקן און פאַרמרה־
שחורהט. מ'קאָן און מ'מוז אָבער דעם עקסטאַטישן לעבנס־
דראַנג פון דער טאַנצולקע מאַסן־פּעדאַגאָגיש אַריינציען
א י ן פאָלקס־אוניווערסיטעט. די שמחה־ליידנשאַפטן טאָרן
נישט און קאָנען נישט זיין די באַקעמפס־פיינטלעכע, נאָר
מוזן און קאָנען ווערן שעפעריש־אָרגאַניזירטע אור־קרעפטן
פון מענטשלעכער מאַסן־קולטור.

3) די „מענטש־געזעלשאַפט" גרינדעט סעמינאַרן,
פאָרשונגס־ און לער־אַנשטאַלטן פאַר מענטשלעכער מאַסן־
פּעדאַגאָגיק. אין דידאַקטיקע אַנשטאַלטן ווערן אויסגעבילדעט
מאַסן־פּעדאַגאָגן, וואָס, אַ חוץ פאַרשידענע וויסן־געביטן,
מוזן זיי זיין סאָציאָלאָגיש אָריענטירט, טעאָרעטיש און
פּראַקטיש באַקאַנט מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון מאַסן און
געזעלשאַפט, ווי אויך מיט די פּאָזיטיווע מעטאָדן און
וועגן פון מאַסן־פּעדאַגאָגיק. הויפּטזאַכלעך אָבער מוז אַ
מאַסן־פּעדאַגאָג האָבן פון נאַטור אמתע ליבע און טיפן
דרך־ארץ צו דעם מאַסן־מענטש, וואָס טראָגט אין זיך די
נאַטירלעכע און אומבאַרירטע גאַנצקייט פון דער פּסיכיש־
אומענדלעכער מענטש־פּערזענלעכקייט.

4) די „מענטש־געזעלשאַפט" פאַרנעמט זיך סיסטע־
מאַטיש מיט דער אינערלעכער רעפאָרם פון די עקזיסטירנ־
דיקע שמחה־פאַראַנשטאַלטונגען, ווי באַל, טאַנץ־אָוונט א. א. וו.
אָנשטאָט טאַנץ־מייסטערישן שונד, קאָנווענציאָנעלע טראַפּאַרטן
און אַנאַרכיסטיש - הולטייאישער נערוון־צערודערונג, (וזן

געשאַפן ווערן נאַטירלעך־פרייע פאָרמען, וואָס זאָלן גימנאַסטיש און גייסטיק לאָזן פּראָדוקטיוו אויסלעבן די עקסטאַטישע מאַסן־סטיכיע.

5) די „מענטש־געזעלשאַפט" וועט אַרבעטן קעגן דעם „געמיטלעכן" שונד פון אונזערע שמחות. אַזוי ווי קינסטלערישע באַגייסטערונג פאָדערט פון דעם קינסטלער ערנסטע באַציונג און באַאַרבעטונג (וואָס נישט זאָלטן דערגרייכן זיי צו שאַפונגס־ליידן), אַזוי טאָר אויך די נאַטירלעכע שמחה־שטימונג נישט געלאָזן ווערן אויף הפקר און שונד. אָנשטאָט כאַאָטיש־צופעליקע נאָכגעקרומטע געזאַנג און טאַנץ, מוזן אויסגעאַרבעט און אינטים־פּסיכאָלאָגיש דורכגעפירט ווערן מאַסן־צוגענגלעכע קאָלעקטיווע געזאַנג און קרייז־טענץ, וואָס זענען מוכשר צו וועקן און צו אָרגאַניזירן דעם אור־נאַטירלעכן שמחה־דראַנג פון אונזער צייט.

ב

וועלטלעכע און מענטשלעכע קולטור

יעדע קולטור, ווי יעדער רעליגיע, — פאַרלירנדיק אין משך פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג דעם מאַסן־עלעמענט און עקסטאַטישן אור־באָדן, — שטייען־אויף דיאַלעקטיש קעגן דער רעאַלער נאַטור פון מענטש. אַ רעליגיע, וואָס ווערט געבוירן אין עקסטאַטישער מענטשן־ליבע, פאַרשטייפט זיך אין משך פון יאָר־הונדערטער אין אַלץ־שטרענגערע געזעצן, וואָס בינדן און שטראָפן די נאַטירלעכע שטרעבונגען פון רעאַלן מענטש. עס וואַקסט פאַמעלעך אויס אָ תהום צווישן אַן אַבסטראַקטער רעליגיעזער וועלט און נאַטירלעכע שטרעבונגען פון רעאַלן מענטשן, צווישן אָנגעשטרענגטער פרומקייט און זינדיקער מענטשן־נאַטור. די פריערע לעבנס־רעליגיע ווערט אַ שטראָף־רעליגיע, וואָס

פאַרפאָלגט פיינטלעך יעדע נאַטירלעכע מענטשלעכע אייגנאַרטיקייט. אויך דאָ קומט דער רעליגיעזער אויפשוווּנג, ווי דער נביאישער, אָדער, ווי, למשל, חסידיזם, וואָס האָט געקאָנט גייסטיק באַפרייען און שעפעריש־רעליגיעז אויפהויבן די נאַטירלעך־רעאַלע פרייד און ליידן פון מענטשן. דאָס איז די גייסטיקע פאַרמענטשלעכונג פון רעליגיע, וועלכע ווערט גייסטיק איינגעשטעלט אויף די אינעווייניקסטע אור־כּחות פון מענטשן.

אין דער רענעסאַנס־תּקופה איז די מאָדערנע קולטור פונכּניי געבוירן געוואָרן אין דער הומאַניסטישער וויג, אין דער באַגייסטערטער שטרעבונג צו באַפרייען דעם מענטשן פון וועלט־פרעמדער אַבסטראַקציע. דאָס האָט געפירט צו דעם גוואַלטיק־פּראָדוקטיוון איבערגאַנג פון וועלט־פרעמדער סכאָלאַסטיק צו אָביעקטיווער נאַטור־וויסנשאַפט, ווי אויך צו דעם היסטאָריש־באַדייטנדיקן איבערגאַנג פון סאָציאַלער אוטאָפּיע צו פּאָזיטיווע סאָציאַלע שטרעבונגען. אין אָט דער היסטאָריש־גרויסער אַנטוויקלונג, האָט זיך אָבער דיאַלעקטיש אויסגעבילדעט אַ וועלטלעכע קולטור, וואָס איז מער איינגעשטעלט אויף דער סביבה, ווי אויף דעם רעאַלן מענטשן, אַ קולטור, וואָס פאַרפאָלגט גרויזאַם יענע אומגעהויערע צאָל מענטשן, וועלכע האָבן פון נאַטור אָדער דורך דערציונג אַ קרימינעל־אָפּווייכנדיקע אייגנאַרט. אין 1898 (מיר נעמען דאָס ערשטע בעסטע יאָר פון פאַר דער מלחמה־צייט אין אַ קולטור־לאַנד) האָבן די דייטשע געריכטן, למשל, אַרויסגעטראָגן 48 טויט־שטראָפן, 28.000 יאָר קאַטאָרגע, 49.000 יאָר תּפיסה (לויט אַשאַפענבערג). די דורכפירונג פון געריכט און שטראָף האָט געקאָסט דער מלוכה אַן ערך 100 מיליאָן מאַרק (לויט זייפערט). טויט־שטראָף און תּפיסה זענען באַגלייט־ערשיינונגען פון דער וועלטלעכער קולטור, ווי אינקוויזיציע און טויט־שטראָף פון דער פאַרוועלטלעכטער רעליגיע. ס׳האָט זיך שוין ווידער געשאַפן אַ גרויסער תּהום צווישן אידעאַליסטן און קרימינעל זינדיקע, צווישן גערעכטע און פאַרברעכער. מען באַגנוגנט זיך נישט צו איזאָלירן די זינדיקע און מאַכן זיי אומשעדלעך פאַר דער קולטור־געזעלשאַפט, מ׳האָט אויך נאָך אַזוי ווייניק געפּרוווט

צו פאַרשן און סאָציאַל-דערציערישע אויפצוהויבן די קרימינעל-אַפּווייכנדיקע אייגנאַרט פון דער אומגעהויערער זינדיקער-מאַסע. נאָר די שטראָף-קולטור לאָזט פייניקן און קאַלעטשען די זינדיקע אין דעם טאָפּל-גיהינום פון מאָראַלישער פאַראַכטונג און פיזישער אויסראָטונג אין תּפיסה, קאַטאָרגע און טויט-שטראָף. אָט דיזעלבע קולטור, וואָס פאַרשטייט אויסצונוצן יעדע מינדסטע נאַטור-קראַפט, וואָס שפּאַנט אַ פליסנדיקן טייכל צו טרייבן אַ וואַסער-מיל, וואָס מאַכט געפערלעכע ווילדשאַפטלעכע עקספּעדיציעס און גראָבט יאָרן-לאַנג אין די טיפענישן פון דער ערד, כּדי אַרויסצובאַקומען אירע באַהאַלטענע אוצרות, אָט דיזעלבע קולטור, וואָס איז אַזוי שפּאָרעוודיק בנוגע צו וועלט און נאַטור, פאַרניכטעט און קאַלעטשעט אַזוי זינלאָז-פאַרשווענדעריש הונדערטער טויזנטער מענטש-פּערזענלעכקייטן. די שטראָף-קולטור, ווי די שטראָף-רעליגיע, האָט איר גן-עדן און גיהינום. גן-עדן פון רעכט און פרייהייט פאַר די, וואָס פאָלגן די סאָציאַל-אויסגעקריסטאַליזירטע קולטור-נאָרמען, אַפילו — גן-עדן-העליון פון היסטאָרישער אומשטערבלעכקייט פאַר קולטור-צדיקים, אָדער העלדישע אידעאַליסטן. אין פּאַריז ווערט אַפילו פון דער מלוכה אויסגעהאַלטן אַ מין אָפיציעלער „גן-עדן העליון", דאָס איז די אַקאַדעמיע פאַר „אומשטערבלעכע", פאַר די ל"ו קולטור-„צדיקים" צווישן צענדליקער מיליאָנען „שטערבלעכע" פראַנצויזן. דערפאַר אָבער קומט כּף-הקלע און גיהינום פון מאָראַלישער און פיזישער פאַרניכטונג פאַר זינדיקע, דאָס הייסט פאַר מענטשן, וואָס דורך-געירשנטע אָדער דערוואָרבענע אייגנאַרטן ווייכן זיי אָפּ פון דער פאַרהייליקטער קולטור-נאָרם. ווי די שטראָף-רעליגיע, האָט אויך די שטראָף-קולטור איר צוקונפט-מוזיק פון אַ ליכטיקן לעתיד-לבוא, דעם משיח פון רעוואָלוציע, וועלכער לאָזט זיך אָבער נישט שטענדיק מאַכן ווען, ווו און ווי אַזוי מען וויל. נאָר ביז אָט דער משיח קומט, פאַרניכטעט מען און מען פאַר-קריפּלט די זינדיק-אָפּווייכנדיקע מענטש-מאַסן.

די שטראָף-קולטור, וואָס פאַראיינפאַכט און שטעמפּלט מענטשן איינזייטיק אויף גוטע און בייזע, שטייט אין אַ פאַראַ-

דאָקסאַלן קעגנזאַץ צו די עלעמענטאַרסטע פּרינציפּן פון אַ נאַטור-וויסנשאַפטלעכער אָנשויונג. דאָס קלענסטע גרעזל, וואָס איז אויפן אויג אַזוי נישטיק און איינפאַך, באַווייזט אונטער דעם מיקראָסקאָפּ געוואַלטיק-קאָמפּליצירטע סטרוקטורן: פאַרשידנאַרטיקע געוועב-אַרטן, אין יעדן געוועב אומציילקע קעמערלעך, און אין יעדן קעמערל אומציילקע פּראָצעסן און בילדונגען. דער מיקראָסקאָפּ זעט מער, ווי דאָס אומבאַוואָפנטע אויג, אָבער נאָך לחלוטין נישט אַלץ פון דעם אינערלעכן בוי אין דעם גרעזל. בנוגע צום מענטשן האָט מען שוין אויף דער נידריקסטער קולטור-שטופּע אָנגעהויבן זעען מיט אַ אומבאַוואָפנטן אויג די אינערלעכע וועלטן פון אַ מענטש-פּערזענלעכקייט. איצט אָבער קאָן דאָך נישט נאָר דער געשולטער פּסיכאָלאָג, נאָר אויך יעדער רעאַל-דענקנדיקער מענטש זען מיט אומבאַוואָפנטן אויג די שטענדיק-באַוועגלעכע אינערלעכע וועלטן פון אַ מענטש-פּערזענלעכקייט, די אומציילקע געשטאַלטן און פּראָצעסן, וואָס פאַרפלעכטן זיך אָרגאַניש מיטאַנאַנד און פליסן אין דעם אייביקן פּסיכישן שטראָם איינע אין די אַנדערע און איינע דורך די אַנדערע. אין דעם פּראַקטישן לעבן מוז די געזעלשאַפט טיילן מענטשן אויף אָנהענגער און קעגנער, מוז די קעגנער איזאָלירן און מאַכן זיי אומשעדלעך. אָבער שטראָף און פאַרקריפּלונג פון זינדיקע רייסן דאָך די עלעמענטאַרסטע באַגריפן פון די שטענדיק-באַוועגלעכע אינערלעכע וועלטן אין אַ מענטשן, וואָס לאָזן אומציילקע מעגלעכקייטן פון דערציונג און איינווירקונג. אָנשטאָט צו היילן און דערציערעריש צוצופּאַסן דאָס קראַנקע אָדער דאָס אומפאַרטרעגלעך-אייגנאַרטיקע גליד פון דער געזעלשאַפט, זוכט מען עס צו קאַליעטשען און צו פאַרניכטן. אַזוי ווי מ'האָט איצט געזאַנג און טאַנץ פאַרטריבן אין דער קונסט, אַזוי פאַרטרייבט מען אַהין, אין דער קונסט, די אומגעשטערטע אַנטפלעקונג פון דער מענטש-פּערזענלעכקייט. נאָר די קונסט קאָן עס אין טיפער באַגייסטערונג אויפדעקן און שילדערן די וועלטן-רייכע מענטש-פּערזענלעכקייט פון „דערנידריקטע און באַליידיקטע", פון „קליינינקע" מענטשלעך און „פאַרפאַלענע"

זינדיקע. אין דעם רעאַלן לעבן אָבער הערשט דער שניידנדיקער שווערד פון פרימיטיווער מענטש-אָפּשטעמפּלונג. און די זעלבע קולטור, וואָס קאָן אַזוי ערפאָלגרייך פאָרשן און פּראָדוקטיוו אויסנוצן די פיינטלעכסטע נאַטור-קראַפט, באַמיט זיך אַזוי ווייניק צו פאָרשן און דערציערייש אומצוגעשטאַלטן די קולטור-פיינטלעכע אייגנ-אַרטן פון דער אומענדלעכער מענטש-נאַטור.

די מאָדערנע שטראָף-קולטור איז וועלטלעך, אָבער נישט מענטשלעך, דאָס הייסט, זי שטרעבט צו פאָרשן און מעטאָדיש צו באַווירקן די קאָמפּליצירטע געזעצמעסיקייט פון נאַטור און סאָציאַלער סביבה, אָבער נישט די דינאַמיש-פילגעשטאַלטיקע אייגנאַרט פון דער מענטשלעכער נאַטור. ביז צו דער לעצטער צייט האָט מען נאָך אַזוי ווייניק געוווּסט און באַרעכנט די אינערלעך-קאָמפּליצירטע מענטשלעכע נאַטור, ווי מ'האָט פאַר דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם ווייניק געוווּסט און געשעצט די באַדייטונג פון דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סביבה. נאָר דער ווייטערער פאָרטשריט פון דער קולטור פירט צו דער לעבנס-וויכטיקער פאַרמענטשלעכונג, דאָס הייסט, די אַקטיווע שטרעבונג צו דערקענען און מעטאָדיש צו באַווירקן די געזעצמעסיקייט, נישט נאָר פון נאַטור און סביבה, נאָר אויך פון דער אינער-לעכער מענטשלעכער נאַטור.

דער פּראָצעס פון פאַרמענטשלעכונג האָט זיך צוערשט אָמבולטסטן מיט גרויס ערפאָלג אָנגעהויבן אין דעם מאָדערנעם שול-וועזן. די פריערדיקע וועלטלעכע שול האָט מייסטנס געבויגן און דרעסירט דאָס קינד לויט אַ וועלטלעכן בילדונגס-אידעאַל, וואָס האָט אָבער נאָך ווייניק געוווּסט און באַרעכנט די רעאַלע פּסיכאָ-פיזישע אייגנטימלעכקייט פון דעם קינד. נאָר אָן ערך אין דער צווייטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט הויבט אָן די וועלטלעכע שול פאַמעלעך איבערצוגיין אין אַ מענטש-לעכער שול, וואָס אָריענטירט זיך, הייסט עס, אויף דעם קינדס מענטש-פערזענלעכקייט און שטרעבט צו דערקענען און דערציען דאָס קינד לויט זיין אינערלעכער נאַטור. אַזוי באַזירט די נייע שול אויף דער קינדער-פּסיכאָלאָגיע בפרט און אויף

דער פּעדאַלאָגיע בכלל, וואָס פאָרשן די פיַלגעשטאַלטיקע פּסיכאָ-פיזישע נאַטור פון קינד. די פריער וועלטלעך-אבסטראקטע לערן-שול גייט אַלץ מער איבער אין אַ שעפערישער אַרבעטס-שול, וואָס לאָזט אויסווירקן די פיַלזייטיקע אַקטיווקייט פון קינד. אַנשטאָט די פריערדיקע שטראָף-שולן, וואָס האָבן פאַריאָכט דורך צוואַנג און שטראָף דעם קינדס-פּערזענלעכקייט, קומט די נייע לעבנס-שול, וואָס מאַכט די שעפערישע פּערזענלעכקייט פון קינד אַלס אויסגאַנגס- און מיטל-פּונקט פון דערציִונגס-אַרבעט. די וועלטלעכע שטראָף-שול האָט געפּייניקט אָפּגע-שטאַנענע און נערוועזע קינדער דורך אַ אומנאַטירלעכן אויפצווונג פון דעם אַלגעמיינעם בילדונגס-שאַבלאָן, האָט געוואָרפן קרימי-נעלע קינדער-מאַסן אין געפענגעניש און זיי דאָרט גרויזאַם געלאָזט פאַרקריפּלען. די מאָדערנע מענטשלעכע שול אָבער ברענגט אַלע אַזוינע קינדער אין ספּעציעלע דערציִונגס-אַנשטאַלטן וועלכע ווילן דערקענען און הייל-דערציִעריש באַהאַנדלען די אייגנטימלעכע מענטש-נאַטור פון די אומנאָרמאַלע קינדער. די מענטש-געזעלשאַפט שטרעבט צו פאַרטיפן די פאַרמענטשלעכונג פון דער מאָדערנער שול, וואָס זאָל אַלץ מער מוכשר ווערן צו דערציִען די פּאָטענציעל-אומענדלעכע אור כוחות פון דעם קינדס-נשמה און די אינדיווידועל פאַרשידענע אייגנאַרטן.

אָבער אויך אין דעם אַלגעמיינעם קולטור-לעבן ווייזן זיך באַדייטנדיקע סימנים פון לעבנסוויכטיקער פאַרמענטשלעכונג. דאָס זענען קודם-כל די פאַרשידענע שטרעבונגען אין דער מאָ-דערנער קרימינאַליסטיק, וואָס וויל פאָרשן און דערציִעריש אומגעשטאַלטן די אַנטי-סאָציאַלע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט. פאַרוואַנדלען די תפיסות נישט נאָר אין נייטראַלע איזאָליר-אַנ-שטאַלטן, נאָר אין היילנדיקע מאַסן-דערציִערישע אינסטיטוציעס. אָנשטאָט פרימיטיווער אָפּשטעמפּלונג — פאָרשן און דערקענען; אָנשטאָט שטראָף און פאַרפאָלגונג — מאַסן-דערציִעריש אויס-גלייכן און פאַרבעסערן. דאָס איז אויך דער טיפסטער זין פון דער מאָדערנער סאָציאַלער באַוועגונג, וואָס טראָגט דאָס פאַ-מעלעך-אויפוואַכנדיקע באַוווסטזיין פון מענטש-פּערזענלעכקייט:

„איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם". נישט דער אויסגע־ווילטער, דער „אומשטערבלעכער", דער קולטיווירטער, דער קולטור־צדיק, נאָר יעדער „איינער", דער „כתם"־מענטש, דער מאַסן־מענטש, די מענטש־פּערזענלעכקייט! די מענטש־געזעלשאַפט שטרעבט צו אַנטוויקלען און פאַרטיפן דעם פּראָצעס פון פאַר־מענטשלעכונג, וויסנשאַפטלעך־פּראַקטיש דורכצופירן די מעגלעכ־קייט צו דערקענען און סאָציאַל־פּראָדוקטיוו אויסצונוצן די קול־טור־פיינטלעכע אייגנאַרטן פון דער מענטש־נאַטור. צוליב דעם איז אָנגעמערקט פאָלגענדיקער אַרבעטס־פּלאַן:

1) די מענטש־געזעלשאַפט וועט מעטאָדיש און פּראַק־טיש אַרבעטן קעגן דעם טויט־שטראָף, וואָס איז נישט נאָר אַ פאַרברעכערישע, נאָר קודם־כל אַ נאַריש־פּרימיטיווע באַציהונג צום מענטש־לעבן. אַ חוץ אויפקלערערישער און פאָרשענדיקער אַרבעט, וועט די מענטש־געזעלשאַפט רופן פון צייט צו צייט אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן קעגן טויט־שטראָף, כדי צו פאַראייניקן אַלע פּראָגרעסיווע כחות פון פאַרשידענע לענדער אין דער געמיינזאַמער אַרבעט קעגן טויט־שטראָף. עס ווערט באַשטימט אַ געוויסער טאָג אין יאָר אַלס אַן אַלוועלטלעכער אָדער אינטערנאַציאָ־נאַלער טרויער־טאָג צום אנדענקן אויף די אַלע מענטשן־זינדיקע, וואָס זענען פון דער מלוכה אָדער געזעלשאַפט באַשטראָפט געוואָרן צום טויט. נישט געקוקט אָבער אויף דער אַלגעמיינער אַרבעט, מוז יעדע אָרטיקע מענטש־גע־זעלשאַפט ביי יעדן קאָנקרעטן איינצעלנעם פאַל אָנווענדן אַלע כחות, כדי צו שיצן דעם מענטשן פון אַ דראָענ־דיקער טויט־שטראָף.

2) די מענטש־געזעלשאַפט וועט וויסנשאַפטלעך־פּראַקטיש אַרבעטן פאַר דער מעגלעכער און לעבנס־וויכטיקער רעפאָרם פון שטראָף־געפענגעניש צו מאַסן־דערציערישע הייל־אינסטיטוציעס. אויך דאָ מוז אָרגאַניזירט ווערן אַ געמיינזאַמע אַרבעט מיט די אַנטשפּרעכנדיקע פּראָגרעסיווע קולטור־כחות אין פאַרשידענע לענדער.

שטרעבנדיק אַקטועל צו אָט דעם ציל, מוז אָבער יעדע אָרטיקע „מענטש-געזעלשאַפט" אין יעדן אָרט ביי געגעבענע תנאים אַריינטראָגן, לויט דער מעגלעכקייט, מאַסן-דערציערישן גייסט אין די תפיסות און דורכפירן דאָרט דעם מעגלעכסטן שוץ פון לעבעדיקע מענטש-אינטערעסן. אין די לערן- און פאָרשונגס-אַנשטאַלטן פון דער מענטש-געזעלשאַפט, מוז געגרינדעט ווערן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר קרימינעלער פסיכאָלאָגיע, ווי אויך קרימינעלער מאַסן-פּעדאַגאָגיק, וואָס זוכט טעאָרעטיש און פּראַקטיש צו אָרגאַניזירן די מעגלעכקייט פון דערציעריש-אויסגלייכנדיקער איינווירקונג אויף די קרימינעל-אָפּווייכנדיקע אייגנאַרטן.

3) די מענטש-געזעלשאַפט וועט אָרגאַניזירן הייל-דערציהערישע הילף פאַר גייסטיק-ליידנדיקע מענטשן, וואָס געפינען זיך, באַזונדער ביי יידן, אין אַ פּרימיטיוו-טרויעריקער לאַגע. נישט נאָר פּסיכיאַטרישע אַנשטאַלטן פאַר גייסטיק-קראַנקע, נאָר אויך פּראָפילאַקטישע הייל-דערציערישע הילף פאַר נערוועזע און פּסיכיש-אומאויסגעגליכענע מענטשן. ס'מוז אין יעדער שטאט געגרינדעט ווערן אַ „פּסיכאָ-טעראַפּעטישע" אָדער „מענטש-טעראַפּעטישע" קאָנסולטאַציע פאַר אַזוינע מענטשן, וואָס שטייען ביי דעם אָפּגרונט פון קראַנקהייט, פאַרברעכן אָדער זעלבסטמאָרד. די דאָזיקע קאָנסולטאַציעס קאָנען דורך קאָנקרעטן מאַטעריאַל פאָרשן די אַלגעמיינע און די אינדיווידועלע סיבות פון דער נערוועזער דעגענעראַציע, זוכן דורך סיסטעמאַטיש-מעטאָדישע איינווירקונגען צו הייבן און צו שטאַרקן די זעלבסט-היילענדיקע אור-כּחות פון דער מענטש-פּערזענלעכקייט, ווי אויך רעגולירן פּראָפילאַקטיש די אַלגעמיינע פּיזישע און פּסיכישע מענטש-קולטור. אין אייניקע לענדער זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו אָרגאַניזירן סאָציאַל-מעדיצינישע „רעטונגס-סטאַנציעס" קעגן זעלבסט-מאָרד, ווי אויך עס זענען געמאַכט געוואָרן טראַגישע פּרוּוון צו

„שטראָפן“ דעם זעלבסטמערדער. מ׳מוז אָבער באַטראַכטן און באַהאַנדלען דעם זעלבסט-מאָרד נישט איזאָלירט, נאָר אין זיין אינערלעכן צוזאַמענהאַנג מיט דער נערוועזער דעגענעראַציע און אַלגעמיינער פסיכיש-גייסטיקער ווידערשטאַנד-קראַפט פון דער באַפעלקערונג. דאָס מוז זיין די אויפגאַבע פון אַן אַלגעמיינער מענטש-טעראַפעטישער קאָנסולטאַציע, וואָס שטרעבט סיסטעמאַטיש-מעטאָדיש צו דערקענען און צו הויבן די אייגענטלעך-אומענדלעכע אינדיווידועלע און מאַסן-פסיכישע אור-כוחות. אין יעדן קאָנקרעטן איינצעלנעם פאַל, מוז די קאָנסולטאַציע נישט מעדיציניש-סכעמאַטיש, נאָר אינטים „פאַרשטייענדיק“ אַריינדרינגען אין דעם אָפט טראַגישן לאַבירינט פון מענטשלעכע איבערלעבענישן און דורך אינטים-צוגעפאַסטע מעטאָדישע מענטש-באַהאַנדלונג ברענגען דעם ליידנדיקן רעטונג און ראַט.

4) די „מענטש-געזעלשאַפט“ וועט סיסטעמאַטיש אַנטוויקלען און פאַרטיפן די מאָדערנע פאַרמענטשלעכונג פון דער שול, וואָס זאָל אַלץ-מער מוכשר ווערן צו דערקענען און צו וועקן די שעפערישע אור-כוחות פון דעם קינדס-מענטש-פערזענלעכקייט. דערביי מוזן סיסטעמאַטיש באַזייטיקט ווערן די לעצטע רעשטלעך פון דער געוועזענער שטראַף-שול, ווי די פאַרשידענע מאַסקירטע פאָרמען פון שטראָף און פאַריאָכונג פון דעם קינדס-פערזענלעכקייט. מ׳דאַרפן פעדאַגאָגיש אַריינגעפירט ווערן אין שול די גרונט-ידיעות פון מענטש-וויסנשאַפט, אינהאַלטלעך און דידאַקטיש צוגעפאַסט צו דער אייגנאַרטיקער קינדס-נאַטור. דאָס קינד זאָל אין דער שול זעלבסט-טעטיק זיך לערנען צו אָריענטירן זיך נישט נאָר אין דער אַרומיקער נאַטור, נאָר אויך אין זיין אייגענער קאָנקרעטער מענטש-נאַטור. צוזאַמען מיט דער אומענדלעכער רייכקייט און שיינקייט פון דער וועלט-נאַטור, זאָל דאָס קינד זעלבסט-טעטיק לערנען און געניסן די נאָך-אומענדלעכערע רייכקייט און שיינקייט פון זיין מענטש-נאַטור. אַזוי ווי דאָס סיסטעמאַטישע זעלבסט-

טעטיקע דערקענען פון דער אַרומיקער נאַטור שטערט נישט, נאָר רייניקט און פאַרטיפט דעם קינדס אינטימע נאַטור־געפיל, אַזוי אויך זאָל דאָס סיסטעמאַטישע דערקענען פון דער מענטש־נאַטור נישט שטערן, נאָר רייניקן און פאַרטיפן דאָס נאַטירלעך אינטימע מענטש־געפיל. צוזאַמען מיט דער פיזישער קולטור, מוזן אין דער שול אַריינגעפירט ווערן די פּעדאַגאָגיש־צוגעפּאַסטע יסודות פון פּסיכישער קולטור, — און נאָר ביידע צוזאַמען קאָנען פון איין זייט באַקעמפן די נערוואָ־פּסיכישע דעגענעראַציע און פון דער אַנדערער זייט — גייסטיק־פּראָדוקטיוו הייבן און שטאַרקן דאָס נאַטירלעך־אינטימע מענטש באַוווסטזיין.

5) די מענטש־געזעלשאַפט וועט אָרגאַניזירן הייל־פּעדאַגאָגישע הילף פאַר גייסטיק־ליידנדיקע קינדער, וואָס די היינטיקע שול אין אייניקע לענדער, און בעיקר די יידישע, באַהאַנדלט נאָך ווי די פריערע וועלטלעכע שטראָף־שול. די פאַרשידנאַרטיקע אומנאָרמאַלע קינדער ווערן אומבאַזאָרגט אויסגעשלאָסן פון דער שול און, בלייבנדיק אָן דערציערישער הילף, בילדן זיי אַ געפערלעכע נעסט פון מענטש־דעגענעראַציע. עס מוזן אויפגעשטעלט ווערן הילפס־שולן פאַר אינטעלעקטועל־אָפּגעשטאַנענע קינדער, ווי אויך ספּעציעל הייל־דערציערישע אַנשטאַלטן פאַר נערוועזע און קרימינעלע קינדער. אויך דאָ מוז געשאַפן ווערן אַ הייל־פּעדאַגאָגישע קאָנסולטאַציע, וואָס איז אָריענטירט אויף דעם אייגנאַרטיגן נשמה־לעבן פון קינד, שטרעבט צו פאָרשן און פּראָפילאַקטיש צו באַהאַנדלען די אַלגעמיינע און אינדיווידועלע סיבות פון פּסיכיש־גייסטיקע אָפּווייכונגען ביי קינדער. אָבער אויך אין יעדן קאָנקרעטן פאַל פון פּסיכישער אומאויסגעגליכנקייט, מוז די קאָנסולטאַציע באַקאַנט ווערן מיט דער ביאָ־סאָציאַלער סביבה פון קינד און קומען אין אַ אינטים־פּסיכאָלאָגישן קאָנטאַקט מיט זיין אינערלעכער וועלט, אַרויסגעפינען און הייל־דערציעריש באַהאַנדלען די קראַנקמאַכנדיקע

פּסיכישע קאָנפליקטן און דיסאָנאַנסן. הויפּטזעכלעך מוז די קאָנסולטאַציע זאָרגן אין דער שול פאַר דעם ריכטיקן אויפבוי פון דער פיזישער און פּסיכישער קולטור, וואָס זאָלן ביידע צוזאַמען פּראָפילאַקטיש הויבן ביי דעם קינד די פּסיכאָ-פיזישע ווידערשטאַנד-קראַפט און וועקן דאָס נאַטירלעך-אינטימע מענטש-באַוווּסטזיין.

IV

די תקופה פון מענטש־קולטור — מענטש־יאָרהונדער

אַ צייט לאַנג האָט מען מיט אַ געוויסן רעכט באַצייכנט (לויט דעם באַקאַנטן אויסדרוק פון עלען קעי) דעם איצטיקן יאָרהונדערט ווי דעם „יאָרהונדערט פון קינד". — דער גוואַלטיקער אויפשוווּנג פון דער מאָדערנער פעדאַגאָגיק איז טאַקע געווען אַ גרויס געשעעניש פאַר דעם קולטור־באַוווּסטזיין. צום ערשטן מאָל כמעט האָט דער מאָדערנער מענטש אַקטועל דערפילט, אַז ס'איז נויטיק און מעגלעך צו דערקענען און באַהערשן נישט נאָר די אַרומיקע נאַטור, נאָר אויך די מענטשלעכע נאַטור גופא פון דעם **וואַקסנדיקן** מענטשן. דאָס קינד איז פון נאַטור נישט באַגרענעצט־אָפגעשטעמפלט, נאָר עס טראָגט אין זיך אַן אומענדלעכע רחבות פון אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. פון איין זייט האָט זיך אָנגעהויבן אויפצובויען די אָביעקטיווע פעדאַלאָגיע (וויסנשאַפט פון קינד), וואָס זוכט צו פאַרטיפן זיך אין דער אייגנגעזעצלעכער פסיכאָ־פיזישער וועלט פון קינד. און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט זיך, פון דער אַנדערער זייט, גלייכצייטיק אָנגעהויבן די גרויסע

שול-באַוועגונג, וואָס האָט פאַרכאַפּט מלוכה און געזעלשאַפט און האָט, ווי אויבן (קאַפּיטל III) איז באַשריבן, אָנגעהויבן צו פאַרמענטשלעכן די פריערדיקע וועלטלעכע שטראָף-שול.

די אַלגעמיינע קולטור-אַנטוויקלונג גייט אָבער פיל ווייטער. דער הייַנטיקער יאָרהונדערט איז — און ווערט אַלץ מער — אַ „מענטש-יאָרהונדערט“. נישט נאָר דאָס קינד, נאָר אויך דער דערוואַקסענער מענטש טראָגט אין זיך פּאָטענציעל-אומענדלעכע אור-כחות, וואָס קאָנען און מוזן געפאָרשט ווערן דורך אָביעקטיווער מענטש-וויסנשאַפט און וואָס זיי קאָנען סיסטעמאַטיש אויסגעבילדעט ווערן דורך מעטאָדישער מענטש-קולטור. אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אין דער נייער צייט אַ ריזיקע באַוועגונג פאַר פיזישער קולטור אָדער קערפּער-בילדונג, וואָס האָט, חוץ אַלעמען, אַן אומגעהויערע באַדייטונג אַלס ווענד-פּונקט אין דער אַנטוויקלונג פונם קולטור-באַוווסטזיין.

שוין ביי דער פיזישער קולטור זעט מען, אַז דער מענטש האָט פיזיש מער, וויפיל ער איז. אינם טאָג-טעגלעכן לעבן „רעאַליזירט“ דער מענטש בלויז אַ קליינע טייל פון זיינע פיזישע כחות, רעאַליזירט זיי אין באַגרענעצטע מאָס און פאָרם לויט די פּאַקטישע פאָדערונגען פון דער איצטיקער אַרבעט-טיילונג. נאָר דורך מעטאָדישער קערפּער-קולטור קאָן דער מענטש האַרמאָניש אַנטפּלעקן און אויסבילדן זיינע פיל-זייטיקע פיזישע כחות. די פיזישע קולטור איז אויף דעם אופן אַן עפּאָכע-מאַכנדיקער אָנזאָג, דאָס דער מענטש האָט מער וויפיל ער איז. נישט נאָר אַ קינד, נאָר אויך אַ דערוואַקסענער קאָן דורך קערפּער-בילדונג וועקן און אַנטפּלעקן נייע, באמת דורכויס אייגענע, נאָר פּאָטענציעל-באַהאַלטענע כחות.

דאָסזעלבע זעט מען, אין נאָך אַ באַדייטנדיקערן אופן, אין פּסיכישן לעבן. אונטער דעם טאָג-טעגלעכן נאָרמאַל-באַוווסטזיין, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין באַגרענעצטער מאָס און פאָרם לויט די פּראַקטישע פאָדערונגען פון לעבנס-קאַמף, טראָגט יעדער

מענטש אין זיך, ווי ס'איז שוין אויבן (קאַפּיטל 1) דערמאָנט, אומענדלעך-פילגעשטאַלטיקע טיפעניש, פרימיטיוו-אָפגרונטיקע, ווי אויך אינטים-שעפערישע. צו אַלע צייטן האָט די רעליגיעזע קולטור אויף איר שטייגער געזוכט און אַנטוויקלט די אינטימע טיפעניש און זיי געמאַכט פרוכטבאַר פאַר דעם רעליגיעזן שאַפן. אין דער נייער צייט איז עס די קונסט, וועלכע איז איצט די איינציקע, וואָס זוכט דורך גיגאַנטישע אָנשטרענגונגען קינסטלעריש צו באַנעמען און צו באַהערשן די טיפע נשמה-וועלטן פון אַ מענטשן. אין דעם ווירקלעכן לעבן אָבער איז דאָס אינטימע לעבן אַנאַרכיש פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. אָן וועלכער ס'איז נשמה-קולטור שטייט דער „נערוועזער יאָרהונדערט" אומבאַהאָלפן פאַר טראַגישע פּלאָנטערס פון אינטימען לעבן, ראַנגלט זיך שווער מיט נערוועזע פאַרקריפּלונג און מעגלעכע נשמה-קאַטאַסטראָפעס.

אָט אַזוי מאַכט די היינטיקע עפּאָכע דעם אָרגאַניש-נויטיקן און לעבנס-וויכטיקן ווייטערן שריט צו מענטש-קולטור. צוזאַמען מיט דער באַוועגונג פאַר פיזישער קולטור אַנטוויקלט זיך פאַמעלעך אַן ערנסטע באַוועגונג פאַר פסיכישער קולטור, וועלכע וויל באַנעמען און דערציען די אינטים-שעפערישע נשמה-טיפעניש, וואָס פירן צו די קאָסמיש-גייסטיקע אור-קוואַלן פון מענטש-לעבן. אמתע מענטש-קולטור אָבער פירט אָרגאַניש צו פאַרמענטשלעכונג פון קולטור, אין וועלכער ס'קומט צום אויסדרוק דער אינערלעך-אויפגעוואַכטער מענטש.

די מענטש-געזעלשאַפט באַגעגנט זיך ־דאָ מיט די נייע סאָציאַלע באַוועגונגען, וואָס פירן לויט זייער זין צו דעם גרויסן לאָזונג: איינער פאַר אַלעמען און אַלע פאַר איינעם. יעדער „איינער" איז אומשטאַנד צו פילן און צו קעמפן פאַר אַלעמען. און אַלעמען לוינט זיך איינצושטעלן פאַר איינעם. וואָרום יעדער איינער, יעדער מענטש, צי דער ערשטער צי דער לעצטער — טראָגט אין זיך אומענדלעכע וועלטן-רייכקייט.

די לעצטע קאָנען זיין די ערשטע!